STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09798

IN SHTROM FUN LEBN

Meir Corona

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אין שטראָם פון לעבן

דערציילונגען

פון

מאיר קאָראָנאָ

פארלאג מעקסיקע

1951

הילע געצייכנט פון פינחס קליינבורג

MEIR CORONA

IN SHTROM FUN LEBN

(EN EL TORRENTE DE LA VIDA)

NOVELAS CORTAS

EDITORIAL "MACOR"
MEXICO, D. F., 1951

IMPRENTA "MODERNA" GARCIADIEGO 28 TEL. 19-23-59
MEXICO, D. F.

דעם ליכטיקן אָנדענק

פון מיין מוטער

רויזע ע״ה

וואָס איז אומגעקומען

דורך די דייטשישע בעסטיעס

אין שעדלעץ, פוילן.

דאָס בוך געהייליקט

אינהאלט:

שטראמען (פאָרוואָרט) — 8

פעטער חיים — 9

מיסטער דזשאַקסאָן — 27

אַן עצה — 43

מירטשעם מאָרגן — 63

שיר געמאַכט ביזנעס — 71

דריי אינדוסטריאַלן — 91

נסיון (פאָלקס מעשה) — 101

אַ רייזע קיין ישראל — 109

וואָס איז אַ ייד? — 119

אַ געקויפטער טאַטע — 135

נס חנוכה — 161

דאָס גרויסע היטל — — — — — — — — — — — — — — 165
צרות פון קינדער — — — — — — — — — — — — — — — — — 171
מעקסיקאַנער מלחמה־„קרבן" — — — — — — — — — — — — — 177
שטראָף (פאָלקס מעשה) — — — — — — — — — — — — — — 183
אידן מיט מיצוות — — — — — — — — — — — — — — — — 189
שולדיק זענען — בן־גוריון און סטאַלין (מאָנאָלאָג) — — 195
דריי דאָקטוירים און נאָך איינער — — — — — — — — — 201
מענטשן וואָס מישן זיך נישט — — — — — — — — — — — 229
בערקעס מעשהם — — — — — — — — — — — — — — — — — 235
עפּעס אַ מאָדנע שפּראַך — — — — — — — — — — — — — — 249
פּעדאַגאָגן — — — — — — — — — — — — — — — — — — 251
ש ו ת פ י ם — — — — — — — — — — — — — — — — — — 257

אין שטראָם פון לעבן

שטראָמען - - -

שטראָמען רייסן, שטראָמען שניידן,
דורך געדרייטע, קרומע וועגן;
דורך געלעכטער און דורך ליידן
שניידן זיי — דעם סוף אַנטקעגן.

לויפט די וועלט, לויפט און פליט,
אין די שטראָם־געוועבן;
און דער מענטש, ער שלעפט זיך מיט —
אין דעם שטראָם פון לעבן.

פעטער חיים

אזוי האָט לילי אויסגעזען:

העכער פון מיטלוווקס; אַ לענגלעך, טונקלהויטיק און מאַט געזיכט; שאַטינע האָר און טונקלברוינע אויגן. אויף די ליפּן אירע האָט זעלטן ווען זיך באַוויזן אַן אָפענער שמייכל, דערפאַר אָבער האָט פון יעדן שטריך פון איר געזיכט און פון די אויגן אירע געשטראַלט מיט פריי־דיקער גוטמוטיקייט און מיט אויפגעהייטערטער שטיפערישקייט. אזוי האָט אויך אויסגעזען איר מוטער און אַזוי אויך איר שוועסטער. בלויז נאָר מיט דעם אונטערשייד — איר מוטער אַביסל עלטער און די שוועסטער אַביסל יינגער. גיכער האָט מען זיי געקענט אָננעמען פאַר דריי שוועסטער, איידער פאַר מוטער און טעכטער, כאָטש דער אונטערשייד אין יאָרן איז געווען אַ באַדייטנדיקער: לילי איז אַלט געווען דרייאונצוואַנציק יאָר; די שוועסטער, סאַראַ, זעכצן יאָר און די מוטער, ראָסאַ־מאַריאַ, צווייאונפערציק יאָר.

אויפן וועג פון מעקסיקע אין קוערנאַוואַקאַ איז אַן אויטאָמאָ־ביל געווען אַוועקגעשטעלט אין זייט וועג; נעבן אויטאָמאָביל זענען זיי געשטאַנען די דריי פרויען, און האָבן אויסגעקוקט אויפן אָנקום פון אַ וועלכן עס איז אויטאָמאָביל. זיי האָבן געוואַרט אויף הילף. מיטאַמאָל האָבן זיי דערזען, פון גאַנץ ווייט, אַ שוואַרץ פינטל דער־נעענטערט זיך צו זיי און דאָס פינטל ווערט וואָס אַמאָל אַלץ גרעסער און גרעסער. אַלע דריי פרויען האָבן גענומען פאָכען מיט די הענט, געמאַכט צייכנס, אַז דער אַנלויפנדיקער אויטאָמאָביל זאָל זיך אָפּ־

שטעלן. און ער האָט זיך אָפּגעשטעלט. פונם אויטאָמאָביל זענען אַרויס צוויי יונגעלייט, אין עלטער ווי אין די ווייטע צוואַנציקער, ביידע בלאָנדע, און זייער העפלעך האָבן זיי פאַרגעלייגט זייער הילף צו די דריי פרויען.

עס איז געווען אַ פרימאָרגן פון חודש מאַי. דער דרויסן האָט זיך נאָרוואָס געהאַט אויסגעטשוכעט פון דער נאַכטיקער טונקלקייט און נאַכטיקער טוי־פייכקייט, אָבער ביידע האָבן נאָך איבערגעלאָזט, ווו נישט ווו, געננוג שפּורן אויף ביידע זייטן פונם אַספאַלטירטן וועג און דאָס האָט אַריינגעבראַכט אַ לויטערע פרישקייט אינם מאַי׳קן פרימאָרגן. די זון האָט זיך נאָר וואָס געהאַט אויפגעהויבן פונם האָ־ריזאָנט און באַלד האָט זי אָנגעהויבן צו באַשטראַלן אַלץ און אַלע־מען און גענומען שפּרייטן אַ מונטערקייט איבער די געמיטער.

אָט אין אַזאַ זומערדיקער פרימאָרגן־געמיטלעכקייט, אין דער ברייטקייט און פרייקייט פונם פעלדיקן דרויסן, האָבן די פינף מענטשן באַנאַנדער זיך באַקענט.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער אויטאָמאָביל פון די פרויען איז אין מיטן וועג קאַליע געוואָרן, האָבן די דריי שיינע אייגנטימער־רינס געבעטן, אַז מ׳זאָל זיי העלפן, ווי עס איז, צו קענען דערפאָרן ביז קוערנאַוואַקאַ.

באַלד, אינם ערשטן מאָמענט, זענען לילים בליקן שטאַרק פאַר־טשעפּעט געוואָרן דורך די שאַרפע בליקן פון איינעם פון די צוויי בלאָנדע יונגעלייט. חיים קאַהאַן האָט ער געהייסן. די ביידע פּאָר אויגן — בלויע און ברוינע — האָבן, פריער אַביסל פאַרשעמט, דערנאָך שוין דרייסטער, גענומען זיך דורכרעדן אויף שטום־לשון, וועגן אומפאַרשטענדלעכע. און דאָך פאַר ביידע פאַרשטאַנענע, גע־פילן פון געמיינזאַמען יוגנט פיבער.

פינף טעג האָבן די צוויי יונגע מענטשן, לילי גאָמעז און חיים קאַהאַן, פאַרבראַכט צוזאַמען אין קוערנאַוואַקאַ אין גוטער פריינד־שאַפט, וועלכע איז געוואָרן וואָס אַ טאָג אַלץ נענטער. אין די דאָזי־קע פינף טעג האָט יעדער איינער אויסגעפונען ביים צווייטן באַזונ־דערע אייגנשאַפטן אַזעלכע, וועלכע זענען ווערט געווען באַליבט צו

מאכן זייער באַזיצער. חיים קאַהאַן האָט אָנגעטראָפן אין לילין אַ מענטש מיט אַ זעלטן גוטן כאַראַקטער, מיט טיפע פאַרשטענדעניש פאַר לעבנס־פּראָבלעמען, מיט אַ לאָגישן און רעאַלן צוגאַנג צו זאַכן און דערשיינונגען, און דער עיקר וואָס אים איז געפעלן געווען — איר גוטע באַהאַוונטקייט אין ליטעראַטור און אירע אייגענע אָנגעשריבענע נאָוועלעס, וועלכע זענען נאָך פאַרלויפיק אין ערגעץ נישט געדרוקט געווען. לילי גאָמעז האָט אויסגעפונען אין חיים׳ען, פריִער פאַר אַלץ, אַ זייער סימפּאַטישן בחור און אַ מענטש מיט אַ שטאַרקן כאַראַקטער, אויך מיט צאַרטע סענטימענטן פאַר ליבע־געפילן, און איבערהויפּט — מיט אַ צוקונפטיקער גוטער קאַריערע, אַלס אינזשיניער־אַרכיטעקט.

ביי זיין אָפּפאָרן פון קוערנאַוואַקאַ איז חיים קאַהאַן זייער העפלעך פאַרבעטן געוואָרן פון אַלע דריי פרויען, לילי, סאַראַ און ראָסאַמאַריאַ, צו באַזוכן זיי אין זייער הויז אין מעקסיקע. אָבער מיט גאָר אַ באַזונדערן פאַרלאַנג, וועלכער האָט זיך אויסגעדריקט מער מיט די אויגן ווי מיטן מויל, האָט לילי איינגעלאַדן חיים׳ען צו זיי אַהיים.

אין הויז פון דער פאַמיליע גאָמעז אין מעקסיקע, האָט חיים קאַהאַן געפונען נייע דריי פריינד, וועלכע האָבן מיט דער צייט, געלאָזט אַ שטאַרקן איינפלוס אויפן ווייטערדיקן גאַנג פון זיין לעבן.

לילים פאָטער, עזעקיעל גאָמעז, אַ מאַן שוין אין די הויכע פופציקער, אַ געלערנטער מענטש, געענדיקט אוניווערזיטעט אויף ליטעראַטור און פילאָזאָפיע, אַ וויכטיקער באַאַמטער אין אויסערן־מיניסטעריום, איז געווען אַ ריזיק־הויכער מאַן, אַ ברייט־פּלייציקער מיט אַ ליכטיק־ווייס, ברייט פּנים און שאַרפע עקשנותדיקע געזיכט־שטריכן; מיט אַ הויכן שטערן, איבער וועלכן ס׳האָט זיך געהויבן אַ פעך־שוואַרצע משופּרינע פון שטאַרק געדיכטע האָר; און אַזוי שוואַרץ — אויך זיינע געדיכטע ברעמען און דיקע וואָנצעס. די אויגן זיינע — שוואַרצע, קלוגע און שאַרפע, מיט אַ ליבלעך־מילדן אויסדרוק, אונטער וועמענס בליק ס׳איז אָנגענעם געווען זיך צו געפינען.

לילים ברודער, כאַקאָבאָ גאָמעז, אַ סטודענט פון מעדיצין, מיט דריי יאָר עלטער פאַר לילין, איז געווען אַזוי הויך און ברייט ווי דער

פּאָטער, אָבער דאָס געזיכט, די אויגן און די האָר — די זעלביקע ווי ביי דער מוטער און די שוועסטער.

אַ שטוב־פריינד דאַוויד מענדעז, כאַקאָבאָס אַ חבר, אַ מיליטער־מאַן, — אַ מענטש אין די ערשטע דרייסיקער, אַ מיטל־וווקסיקער, אַ דיקלעכער, אַ ברונעטער, מיט שוואַרצע האָר און אויגן. געווען איז ער אַ לוסטיקער חברה־מאַן, מיט אַ צעשמייכלט פּנים און לעבנס־דורשטיקע אויגן.

אין אַ גאַנץ קורצער צייט איז חיים קאַהאַן אַריינגענומען גע־וואָרן אין דעם גאָמעז־פאַמיליע־קרייז ווי אַן אייגענער און יעדעס מאָל ביי זיין אַריינקומען צו זיי אין הויז האָט ביי יעדערן אויפגע־לויכטן אַ וואַרעמע צופרידנקייט. גאָר באַזונדער האָט ער. חיים קאַ־האַן נושא חן געווען ביי לילים פאָטער, עזעקיעל גאָמעז, און ער האָט גאַנץ אָפן אַרויסגעוויזן חיים׳ען אַ ליבע נאָענטקייט און צוגע־לאָזנקייט. נישט איין מאָל האָט לילי אויפמערקזאַם געמאַכט חיים׳ען אויף דעם, און אָפט פלעגט זי אים זאָגן:

— דו האָסט עפּעס אַ גאָר באַזונדער מזל צו מיין טאַטן. זעלטן, אַז ער זאָל אַרויסווייזן צו אַ פריינד, אַפילו צום נאָענטסטן, אַזאַ צוגעלאָזנקייט.

האָט חיים אַמאָל איר געענטפערט דערויף:

— איך באַזיץ גאָרנישט אַזעלכע באַזונדערע גוטע אייגנשאַפטן, וואָס זאָלן קאָנען דיין טאַטן אַזוי שטאַרק געפעלן ווערן, גיכער טוט ער דאָס, נישט אַזוי צוליב מיר, ווי צוליב זיין צוקונפטיקן איידעם.

לילי האָט זיך דאַן שטאַרק פאַררויטלט און זי האָט געענטפערט לאַקאָניש.

— מיין שוועסטער איז נאָך צו יונג, אַז מיין טאַטע זאָל טראַכ־טן וועגן דעם.

אַז חיים האָט איר אויף דעם געענטפערט מיט אַ שאַרפן און פרעגנדיקן קוק, האָט לילי מיט אימפּעט אָפּגעפרעסט אים אַ קוש און געזאָגט האַלב־באַפעלעריש:

— נאָר זיי נישט אין כעס, מיין נאַריש יינגל, און מאַך נישט קיין זויערע מינעס. איך האָב עס פיינט.

* * *

איינמאָל אין אַן אָוונט, ווען חיים קאהאַן איז געזעסן מיט עזעקיעל גאָמעז אין קאַבינעט־צימער און געשפּילט אין שאַך, ווי זיי פּלעגן עס אָפט טאָן, האָט פּלוצלינג גאָמעז זיך אָנגערופן צו חיים׳ען:

— מיין פריינד חיים, איך האָב צו אייך אַ בקשה. נאָר פריער וויל איך אייך דערציילן, ווי צו אַן אויפריכטיקן פריינד, וועמען איך סימפּאַטיזיר זייער, עפּעס וועגן זיך און וועגן מיין פאַמיליע.

חיים׳ען האָט איבערראַשט דער אופן פון אַלטנס ווענדן זיך צו אים, מיט אַזאַ נאָענט־פאַמיליאַרן טאָן זיין ער, חיים, האָט זיך געפילט זייער געפרייט אינעם דאָזיקן מאָמענט.

און עזעקיעל גאָמעז האָט ווייטער גערעדט:

— מיר, סיי איך און סיי מיין פרוי, שטאַמען פון יידן, פון די אַמאָליקע מאַראַנען, וואָס זענען אַנטלאָפן פון שפּאַניע קיין מעקסיקע. אמת, שוין דורות ווי מיר זענען קאַטאָליקן, אָבער אין אונדז טליעט אַ ליבשאַפט צו יידן און מיר סימפּאַטיזירן מיטן יידישן פאָלק. טיילמאָל — איך זאָג דאָס גאַנץ אָפן — וועקט זיך אין מיר אַ בענקשאַפט צום יידישן גלויבן. און איך פאַרערלעך די קינדער פון ישראל, וועלכע זענען געווען און זענען ביז היינט צו טאָג אַזוי גייסטיק שטאַרק, צו קענען איבערטראָגן די שווערסטע יסורים און פּיין פאַר זייער אמונה און פאַר זייער פאָלק. איך לערן אַ סך די יידישע געשיכטע, איך שטודיר אַלע פאַזן פון דער יידישער פאַרגאַנגענהייט און איך פאַרטראַכט זיך אָפט איבער דעם ריזיקן יידישן דערהאַלטונגס־כוח. איך אינטערעסיר זיך אויך מיט יידישע היינט־צייטיקע פּראָבלעמען. איך מאַך אָפט פאַרגלייכונגען, פון געשעענישן מיט יידן היינט און געשעענישן מיט יידן אַמאָל און מיר דאַכט, אַז נישט נאָר די געשעענישן חזרן זיך איבער, פּונקט, אַקוראַט, היינט ווי אַמאָל נאָר אויך די סיבות פון די געשעענישן זענען אויך די זעלביקע היינט ווי אַמאָל. איצט חיים, וועל איך אייך עפּעס פרעגן. איר, אַ קינד פון פרומע און געלערנטע יידישע מענטשן, ווי איר האָט מיר אַמאָל דערציילט, איר מוזט דאָך זיכער וויסן, צי איז אמת וואָס די היסטאָריקער זאָגן, אַז צווישן רוימישן קעניג מאַרקוס אוירעליוס — אין די יאָרן 180־165 — און דעם יידישן פּרינץ, רבי יהודה הנשיא,

האָט געהערשט זייער אַן אינטימע פּערזענלעכע פריינדשאַפט, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס די רוימישע מאַכט און דאָס יידישע פאָלק האָבן זיך באַנאַנדער שטאַרק געהאַסט און קעגנזייטיק ביטער זיך פיינט געהאַט? זאָגט מיר, חיים, איז דאָס ריכטיק? איך דאַרף דאָס, צוליב אַ געוויסן ענין, זייער נויטיק וויסן.

עזעקיעל גאַמעז האָט פאַרשנדיק אַנגעקוקט חיים׳ען און גע־וואַרט אויף אַן ענטפער.

חיים האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און געשוויגן.

נאָך אַ ווייל פון באַנאַנדערדיקן שווייגן האָט עזעקיעל נאָך אַמאָל געפרעגט:

— נו, חיים, וואָס האָט איר מיר וועגן דעם צו זאָגן.

חיים האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אַ פאַרשעמטער האָט ער האַלב־שטאַמלענדיק געענטפערט:

— איך וועל אייך זאָגן דעם אמת, הער גאַמעז, מיר איז אַב־סאָלוט אומבאַקאַנט די יידישע געשיכטע, מען האָט עס מיר קיינ־מאָל נישט געלערנט און איך אַליין האָב זיך אויך קיינמאָל מיט דעם נישט אינטערעסירט.

עזעקיעל גאַמעז האָט מיט די ציין פאַרביסן די אונטערשטע ליפּ און האָט געשוויגן. עס איז קענטיק געווען אויף זיין געזיכט — אַ פיינלעכע איבערראַשונג און אַ קאָלאָסאַלע אַנטוישונג. נאָך עטלעכע מינוט פון אומאַנגענעמען שווייגן האָט עזעקיעל גאַמעז גענומען רעדן, ווי צו זיך אַליין, און עס האָט אויסגעזען ווי ער זאָל פאָרזעצן אַ שמועס, וואָס ער האָט פריער געפירט מיט זיך אַליין אין געדאַנק.

— אָבער וואָס זענען די קינדער שולדיק, ווען די עלטערן זייערע פאַרשטייען נישט זייער אייגענעם גרויסן און שיינעם יחוס און פילן נישט דעם שטאָלץ, וואָס עס איז צו זיין אַ קינד פון פאָלק ישראל. עס איז דאָס זעלביקע, ווי איינער וואָס באַזיצט אַ טייערן ווערטפולן אוצר און ער אַליין ווייסט נישט דערפון.

עזעקיעל גאַמעז האָט זיך אויפגעשטעלט און גענומען שפּריי[ז]ן היץ און צוריק איבער זיין קאַבינעט־צימער. דערנאָך איז ער צו צ[ו]

חיים׳ען, האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף חיים׳ס אַקסל און פאַר־מערלעך האָט ער זיך געווענדעט צו אים:

— אָבער זייט נישט פאַרזאָרגט, מיין יונגער פריינד, איר זענט נאָך יונג און צו לערנען איז שטענדיק צייט. פאָלגט די עצה פון אַן עלטערן פריינד אייערן, נעמט אייך צו שטודירן די געשיכטע פון אייער פאָלק. קענענדיק אייער אייגענע געשיכטע, וועט עס אייך געבן מוט און שטאָלץ און איר וועט זיך דערהייבן אין אייערע אייגענע אויגן. איר וועט דאַמאָלסט זיך פילן פעסט און געקרעפטיקט צו קענען איבערטראָגן דאָס ערגסטע אין לעבן, ווען איר וועט זיין שטאָלץ מיט זיך, אַלס קינד פון אַ גרויס מיוחסדיק פאָלק.

אינמיטן די דאָזיקע טרייסט־רייד האָט עזעקיעל פּלוצלינג אַ פרעג געטאָן חיים׳ען:

— יידן באַנוצן זיך דאָך היינט צו טאָג מיט צוויי שפּראַכן. אמת? איינע — די אַלטע, היסטאָרישע, די העברעישע, אָדער בעסער געזאָגט — די ביבלישע, און אַ צווייטע — אַ לעבעדיקע, אַ רעדנ־דיקע.ביידע שפּראַכן, האָב איך געהערט, פאַרמאָגן רייכע ליטעראַ־טורן, געשאַפן דורך גרויסע יידישע גייסטיקע כוחות. צי באַזיצט איר, חיים, די דאָזיקע שפּראַכן?

חיים האָט אויפגעהויבן זיינע אויגן צום הויכן עזעקיעלן, כדי אָנצוטרעפן זיי מיט יענעמס שווארצע, גוטע און קלוגע אויגן און אַ פאַרשעמטער, ווי אַ קינד וואָס מ׳האָט געכאַפּט ביי נישט קיין שיינער מעשה, האָט ער געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף „ניין״.

— נו, נו, נעמט אייך נישט צום האַרצן, מיין ליבער חיים, און זייט נישט אַזוי פאַרלוירן. איר האָט נאָך ציים צו לערנען. איר זענט נאָך יונג. און אויב איר וועט מיר פאָלגן וועט איר מיר שטענ־דיק דאַנקבאַר זיין. אַפילו אין אייער קאַריערע וועט עס אייך, אומ־דירעקט, נוצלעך זיין, ווען איר וועט זיין אַ שטאָלצער מענטש, דורך אייער שטאָלץ זיין אַלס ייד.

ביים אָוונט־עסן האָט לילי באַמערקט ווי חיים זיצט אַ נער־וועישער און צעטראָגענער און דער פאָטער זיצט אַ שווייגנדיקער און פאַרטראַכטער, גאָרנישט ווי זיין שטייגער. לילי האָט פאַרשטאַ־נען, אַז עפּעס איז פאָרגעקומען צווישן זיי ביידע. זי האָט עט־לעכע

מאָל געפּרוווט מיט די אויגן פרעגן חיים'ען, וואָס עס איז געשען, אָבער זי האָט פון אים קיין שום ענטפער נישט געקענט אַרויסקריגן.

⁂

פאַר חיים קאהאַן זענען לילים באַציונגען צו אים געווען די גאַנצע צייט אַ רעטעניש: אָט איז זי אַזוי ווילד־פאַרשיכורט צוגע־לאָזט צו אים, קוקט אים אין די אויגן מיט אַזוי פיל פאַרליבטקייט; אַ גלאַנץ פינקלט אין אירע ליכטיקע ברוינע אויגן פאַר פרייד, איר גאַנצער קערפּער פּיבערט פון גליק אין זיין נאָענטקייט, און ליפּן צו ליפּן ווערן איינגעקלאַמערט אין ענדלאָזע פלאַמיקע קושן.

און פּלוצלינג, אָן אַ פאַרוואָס און אָן אַ פאַר ווען, אַזאַ טרוקע־נע העפלעכקייט, אַזאַ אייז־קאַלטע מאַנירלעכקייט און זי מיידט אויס, מיט אַלע מעגלעכקייטן, אַנצוטרעפן אירע אויגן מיט זיינע.

חיים'ען האָט געגריזשעט אָט די צוויי־פּנימדיקייט לילים. אַ שווע־רער צער האָט אים געפּייניקט און אַ נייגעריקייט האָט אים געמאַ־טערט צו דערגיין אָט דעם סוד פון דער דאָזיקער אָפּטער בייטעניש.

טיילמאָל האָט זיך חיים דערטראַכט צו אַ משונהדיקן געדאַנק: ווער ווייסט, צי איז נישט פאַראַן אַמאָל אַ דריטע פּערזאָן וואָס שטייט אים אין וועג. איז ווער זשע זאָל דאָס זיין?

און חיים'ען האָט אָנגעהויבן צו מוטשען אַ געפיל פון פאַר־דאַכט, צי זאָל נישט אַמאָל דער מיליטער־מאַן, דאַוויד מענדעז, לי־לים ברודערס חבר, זיין דער יעניקער וואָס וויל ביי אים אַרויס־רייסן דאָס גליק פון האַנט? אָבער — ער האָט קיינמאָל נישט באַ־מערקט וועלכע ס'איז באַזונדערע נאָענטע באַציונג צווישן לילין מיט אָט דעם דאַווידן. און באַזונדער האָט זיך אים, חיים'ען, נישט געוואָלט גלויבן, אַז לילי — זיין לילי, זיין מלאך, זאָל אפילו אויפן געדאַנק קומען אויסצובייטן אים, חיים קאהאַן, פאַר אַזאַ גאָרנישט פון אַ סאָלדאַט. און דאָך האָט אים נישט געלאָזט רוען דער פאַר־דאַכט, אַז פּאָרט שטייט עמיצער הינטער זיינע פּלייצעס און טשאַטע־וועט זיך אים צו רואינירן, אים צו דערווערגן און אַרויסרייסן פון אים זיין האַרץ, זיין נשמה.

פלעגט אַמאָל חיים אָנמערקן לילין אויף זיינע צעווייטיקטע פאַר־דאַכטן, פלעגט זי דאָן — אַלס ענטפער — אַרויפקריכן צו אים אויף

דער שוים און, אין אָנגעצונדענעם עקסטאַז, אויסקושן אים די אויגן, דאָס פּנים, די ליפּן און דערנאָך מיט אימיטירטן כעס אַ געשריי געבן:

— ביסט אַ נאַריש ייִנגל, איך האָב דיך פּיינט!

⁂

חיים קאַהאַן האָט זיך באַמיט מיט אַלע כּוחות, און ער האָט געטאָן אַלץ, וואָס איז נאָר מעגלעך געווען, כּדי געפעלן צו ווערן, אויסצונעמען און געווינען חשיבות אין די אויגן פון לילים פּאָטער, עזעקיעל גאָמעז. ער האָט געזוכט צו דערגיין וואָס דעם אַלטן געפעלט בעסער, מיט וואָס אַ מענטש קען ביי אים נושא־חן זיין און וואָס דער אַלטער פאַרלאַנגט פון אַ מענטש, אַז יענער זאָל זיין ווערט צו זיין אַ פריינד זיינער.

חיים האָט זיך אָנגעכאַפּט אין דער עצה, וואָס דער אַלטער האָט אים געגעבן, צו שטודירן ייִדישע געשיכטע, צו לערנען די ייִדישע שפּראַכן מיט זייערע ליטעראַטורן.

גאַנץ אָפט פלעגט חיים — ווי אַ שול־ייִנגל פאַר זיין לערער — זיך באַווייזן פאַרן אַלטן מיט זיין ייִדיש־קענטשאַפט, אין וועלכער ער איז, אויף אַן אמת, געשטיגן אַלץ מער, פון טאָג צו טאָג, פון וואָך צו וואָך און פון חודש צו חודש. לילים פאָטער האָט אָפן אַרויסגעוויזן זיין באַגייסטערונג און צופרידנקייט מיט חיים׳ען און ער, עזעקיעל גאָמעז, האָט שטאַרק געליבט חיים׳ען פאַר זיין ענערגיע צו וועלן דערגרייכן אויפן געביט פון ייִדישן וויסן.

חיים האָט זיך געפילט אויפן זיבעטן הימל, ווען ער האָט געהערט פון אַלטן אַ גוט וואָרט און ער, חיים, האָט שוין געזען פאַר זיך, ווי גאָר נאָענט עס איז די צייט, ווען ער וועט דערגרייכן זיין ציל: דורכן אַלטנס חסד און גוטוויליקייט זאָל לילי ווערן זיינע אויף אייביק, וואָס דאָס האָט געזאָלט מיינען פאַר חיים׳ען — דאָס העכסטע גליק אין לעבן.

אַזוי האָט זיך עס געצויגן צוויי יאָר צייט.

⁂

געווען איז דאָס אין סוף פון חודש נאָוועמבער. ביי דער פאַמיליע גאָמעז האָט מען זיך געגרייט צו פייערן מיט גרויס פּראַכט לילים פינפאונצוואַנציק־יאָריקן געבוירן־טאָג.

דאַוויד מענדעז, דער מיליטער־מאַן, און חיים קאַהאַן — ווי אייגענע אין דער פּאַמיליע — האָבן געהאָלפן אין אַלע איינריכטונגען און איינאָרדענונגען פאַר דער אָנקומענדיקער גרויסער פּאַמיליע־שמחה.

חיים קאַהאַן האָט צוגעגרייט אַ גאָר גרויסע איבעראַשונג פאַר לילין צו איר יום־טוב טאָג — אַ בריליאַנטן פינגערל פון אַ זייער גרויסן ווערט.

אין יענע טעג איז חיים געוואַקסן פאַר פרייד און גליק.

ביי יעדער געלעגנהייט, ווען לילי איז געבליבן אַליין מיט חיים'ען, פלעגט זי צו אים צופאַלן, אים אַרומגעכאַפּט, שטאַרק געדריקט אים צו זיך, האָט זיך איינגעביסן אין אים און פאַרהילעכט אים מיט ווילד־פריידיקע אויסגעשרייען:

— מיין געליבטער חיים, דו ביסט מיין גליק; דו ביסט מיין לעבן, מיין נשמה; דו ביסט מיין אָטעם, מיין קאָפּ און מיינע אויגן! אָן דיר בין איך גאָרנישט — גאָרנישט, אָן דיר איז מיר ליבער דער טויט! און זי פלעגט פאַר עקסטאַז אַריינפאַלן אין ספּאַזמאַטישן געוויין.

חיים'ען פלעגט, אין אַזעלכע מאָמענטן פון גליקלעכער איבערפולקייט, זיך פאַרהאַקן דער אָטעם. עס האָבן זיך אים געשטעלט טרערן אין די אויגן, אים געשטיקט אין האַלדז און ער האָט קיין וואָרט נישט געקענט אַרויסברענגען.

אינם לעצטן אָוונט, פאַר לילים יום־טוב, האָט עזעקיעל גאַמעז אַריינגערופן חיים'ען, צו זיך אין קאַבינעט־צימער, אויף אַ וויכטיקן שמועס. חיימען האָט האַסטיקער אָנגעהויבן צו קלאַפּן דאָס האַרץ און אַ נערוועשער פיבער האָט אים אַרומגעכאַפּט. ער האָט אינטואיטיוו פאַרגעפילט, אַז עפּעס זייער וויכטיקס פאַר זיין צוקונפט וועט געשען און אַז דעצידירנד־גורלדיק וועלן זיי פאַר אים די פאַלגן פונם דאָזיקן שמועס מיט לילים פאָטער.

לאַנג זענען זיי ביידע, לילים פאָטער, עזעקיעל גאַמעז און חיים קאַהאַן, געזעסן, איינער קעגנאיבער צווייטן, שאַרף זיך געקוקט אין די אויגן און געשפּאַנט געוואַרט, אַז דער שמועס זאָל זיך אָנהויבן.

— מיין ליבער פריינד חיים, — האָט עזעקיעל גאַמעז ענדלעך

אָנגעהויבן — איר ווייסט גאַנץ גוט ווי שטאַרק איר זענט באַליבט בײַ אונדז אַלעמען און באַזונדער בײַ מײַן טאָכטער לילי. איר זענט בײַ אונדז פֿאַררעכנט ווי אַן אייגענער אין אונדזער פֿאַמיליע־קרייז. איך ווייס אויך, עס איז בײַ קײנעם פֿון אונדז קײן סוד נישט, אַז איר זענט פֿאַרליבט אין לילין און מעגלעך — לילי אין אײַך אויך. אָבער, מײַן ליבער פֿרײַנד, פֿאַרליבטע זענען פֿאַרשיכורט. די אויגן פֿון פֿאַרליבטע זענען פֿאַרבלענדט. זיי קענען נישט זען ווייטער פֿון זייער אייגענער נאָז. איך אָבער, ווי אַ טאַטע, מוז קוקן אויף דער זאַך ניכטערער און איך מוז זען דעם ענין אַביסל ווייטער.

חיים'ען האָט גענומען מישן אין קאָפּ און שווינדלען פֿאַר די אויגן. דער אָנהויב פֿון אַלטנס „שמועס" האָט אים פֿאַרגעזאָגט עפּעס שרעקלעכעס. חיים'ען האָט עס אָפּגעקלונגען ווי דער אָנהויב פֿון אַ טויט־אורטייל.

און עזעקיעל גאָמעז האָט מיט רואיקייט ווייטער גערעדט:

— קיינמאָל אין לעבן קענט איר ביידע, לילי און איר, נישט זײַן קײן גלײַכע און אמת־גליקלעכע פּאָר. איר, חיים, זענט אַ קינד פֿונם גרויסן, רומפֿולן יידישן פֿאָלק. איר זענט אַ נאַטירלעכער און געזונטער צווייג פֿון דעם אַלטן און ריינעם בוים וואָס הייסט „יידישע אמונה". מײַן טאָכטער אָבער איז אַ מעקסיקאַנערין, אַ קינד פֿון קאַטוילישע עלטערן און אַליין — באַהעפֿט מיט אַלע אירע גייסטיקע פֿעדעם, פֿון געבוירן אָן, אין דער קאַטוילישער קירכע.

דער אַלטער עזעקיעל גאָמעז האָט געקוקט מיט צער און מיטלייד אויפֿן צעטומלטן און דערשלאָגענעם פֿרײַנד זײַנעם, חיים קאַהאַן, וועמען ער האָט באמת ליב געהאַט, און ער האָט גערעדט ווייטער:

— דער ליבע־פֿיבער בײַ יונגע מענטשן איז טאַקע אַ נאַטירלעכער, אָבער ער איז אַ פֿאַרבײַגייענדיקער. דאָס פֿאַמיליע־לעבן מוז דאָך אָבער זײַן אַן אייביקס. נאָכן ערשטן ליבע־פֿלאַם קומט דאָס געוויינלעכע טאָג־טעגלעכע צוזאַמענלעבן און געמיינזאַמע פֿאַמיליע־פֿליכטן. און קיינמאָל, קיינמאָל וועלן אייערע ביידנס פֿאַרשידענע טראַדיציעס, פֿאַרשידענע געוווינהייטן, קעגנגעזעצטע דערציונגען, גאַנץ באַזונדעראַרטיקע טעמפּעראַמענטן און דער עיקר — ווייט,

וויט פאַרשידענע ירושה־כאַראַקטערן, נישט קענען געמיינזאַם האַר־מאָנירן.

דער אַלטער האָט זיך פאַרטראַכט. ער האָט געוווסט וויפל וויי־טיק ער פאַרשאַפט חיים'ען מיט זיינע רייד, ער האָט דעריבער גע־זוכט ווערטער ווייכערע, וועלכע זאָלן נישט פאַלן אַזוי האַרט אויפן געמיט פון זיין פריינד און ער האָט ווייטער גערעדט:

— לאָמיר זאָגן אַפילו, עס וועט געשען אַ נס און איר ביידע וועט יאָ ווי עס איז זיך צופּאַסן איינער צום צווייטן; שפּעטער אָבער, עס קומען קינדער, וואָס וועלן זיי זיין, נישט קיין יידן און נישט קיין קריסטן, הפקר־קינדער וועלן זיי זיין. נו, ווי קען איך, אַ טאַטע, דערלאָזן צו אַזאַ הפקרדיקייט פון מיין צוקונפטיקן דור!

חיים האָט געהערט דעם אַלטנס ווערטער און אים האָט זיך געדאַכט, אַז אַ מבול פון שווערע שטיינער שיטן זיך אויף זיין לאָפּ פון ערגעץ שווארצע הויכן. פאַר זיינע אויגן האָט זיך מיטאַמאָל גע־עפנט אַ חושכדיקער אָפּגרונט און אַ שוואַרצע מוראַדיקע האַנט האָט אים געשלעפּט אַוועק ערגעץ אין טיפע תהומען, געשלעפּט אים ער־געץ טיף טיף אין וויסטן חושך אריין און אין ענדלאָזער פאַר־לוירנקייט.

דער אַלטער עזקיעל גאָמעז, אַליין אָנגעשטעקט פון חיים'ס צער און ליידן, האָט געביטן זיין טאָן און מיט זייער אַ געבראָכענער און נידעריקער שטימע האָט ער פאָרגעזעצט:

— מיין ליבער פריינד. חיים, איר מוזט זי שטאַרקן און אויפ־נעמען די זאַך אַזוי ווי עס איז און אַזוי ווי עס מוז זיין. איר זענט נאָך אַ יונגער מענטש, איר וועט זיך געפינען אייער אמתן זיווג, וואָס עס איז אייך באַשערט פון הימל. און ווי אַן אויפריכטיקער פריינד אייערער בעט איך אייך, שטאַרקט זיך, מוטיקט זיך און נעמט אויף מיינע ווערטער רואיק, מיט מוט, ווי אַ מאַן. זייט ווויסן, אַז מאָרגן, אויף דער פייערונג פון ליליס געבוירן־טאָג, וועט עפנטלעך דערקלערט ווערן, פאַר אַלע געסט, אַז מיין טאָכטער, לילי גאָמעז, ווערט פאַרקנסט צו איר באַשערטן, אונדזער פריינד, דאַוויד מענדעז.

חיים האָט אויפגעהויבן אויפן אַלטן אַ פּאָר אויגן, אָנגעגאָסן מיט שוידער, ווי די אויגן פון אַ גוסס אין די לעצטע מינוטן פאַר

יציאת נשמה. און באַלד איז ער פאַרזונקען געוואָרן אין טיפער פאַר־קלעמטקייט און אין פולשטענדיקער באַוווסטלאָזיקייט. חיים האָט אַפילו נישט געהערט ווען דער אַלטער איז ארויס פון צימער.

אַז חיים קאַהאַן איז געקומען צו זיך און ער האָט אָנגעהויבן צו באַנעמען, מיט אויסגעניכטערטן פאַרשטאַנד, וואָס אַרום אים איז פאָרגעקומען, האָט ער, אין זיין פאַרביטערטקייט, אַרויסגעשריגן אַ מיאוס זידל־וואָרט אויף לילים חשבון און ער איז מיט האַס און צאָרן אַוועק פון הויז.

⁂

אַוועק זענען זעקס יאָר.

די צייט, זאָגט מען, פאַרהיילט אַלע ווונדן. נישט שטענדיק אָבער פאַרהיילט די ווונד פאַרהיילט. גאַנץ אָפט טרעפט, אַז די ווונד ווערט בלויז פאַרצויגן מיט אַ הויט פון אויבן און אונטער דער הויט אייטערט די ווונד, באַהאַלטן פון פרעמדע אויגן.

פאַרנאַכט צו פון אַ קאַלטן יאַנואַר־חודש אין דער שטאָט פּועבלאַ.

חיים קאַהאַן איז אַרויס פון מוניציפּאַלן רעגירונגס הויז, וווּ ער האָט נאָרוואָס געהאַט אַ פאַרהאַנדלונג מיטן שטאָטישן פּרעזידענט וועגן בויען אַ נייע געביידע פאַר אַ רעגירונגס שולע. ער גייט אַזוי פאַרטראַכט, נאָכדענקענדיק וועגן די פאַרגעשלאָגענע פּלענער און וועגן די מעגלעכקייטן אָנצונעמען און אויספירן די אַרבעט, מיטאַמאָל — ער דערהערט אַ פרויען שטימע שרייט אויס, גלייך אים אין פּנים אַריין, מיט אַן איבעראַשנדיקער פרייד:

— ח י י ם !

ער הויבט אויף די אויגן און טוט אַ קאָנוווּלסיוון ציטער, — פאַר אים שטייט לילי, אָנגעטאָן אין אַ רייכן עלעגאַנטן פוטער־מאַנטל מיט אַ קליין פוטער־היטעלע אויפן קאָפּ, און — זי שיינט קעגנאיבער אים מיט טויזנטער חנען, אַ סך שענער איצט און רייצנדיקער ווי זי איז געווען אַמאָל, און פון אירע ברייט־צעעפנטע, ליכטיקע, ברוינע אויגן בליאַסקעט אַרויס אַ מלכותדיקע פּראַכט.

אין איין אויגנבליק זענען פאַר חיים׳ען אויפגעשוווּמען יאָרן פול מיט גליק, פון פריידיקער האָפענונג און יאָרן פול מיט פּיין און האַס פון ביטערער אַנטוישונג. חיים האָט זיך אין ערשטן מאָמענט

פאַרלוירן און דאָך האָט אינסטינקטיוו זיך אַרויסגעריסן פון אים אַ צעפּרידענער אויסגעשריי:

— ל י ל י !

זי האָט אים אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט און שווייגנדיק געקוקט אים אין די אויגן אַריין און אין איר שווייגנדיקן קוק איז געלעגן אַזוי־פיל בעטנדיקע אומטערטעניקייט, אַזויפיל איבערגעגעבנקייט, האַרציקע און צאַרטע ליבע־געפילן, אַזויפיל נאָכגיביקייט און צוזאָגעכצן, אַז ביי חיים׳ען זענען, ווי דורך אַ כישוף, מיטאַמאָל אַרויסגעריסן און פאַר־שוונדן געוואָרן די גאַנצע זעקס יאָר פון זייער צעשיידונג און ער האָט זיך געווענדעט צו דער לילין פון פאַר זעקס יאָר צוריק, מיטן זעלביקן צאַרטן טאָן פון אַמאָל:

— וואָס מאַכסטו, לילי, ווי גייט עס דיר?

לילי האָט ווי נישט געהערט חיים׳ס פראַגע. זי האָט אין דעם מאָמענט זיך געפילט איבערגליקלעך וואָס חיים רעדט צו איר מיט אַזאַ ליבשאַפט־טאָן און זי האָט געפרעגט אויף צוריק:

— ווי לעבט זיך דיר חיים?

— מיר, אַזוי, געוויינלעך, — האָט חיים געשטאַמלט, ווי נישט געפינענדיק קיין ווערטער וואָס איר צו זאָגן — איך האָב חתונה גע־האַט, כ׳האָב צוויי שיינע קינדער און איך אַרבעט ביי מיין פאַך, אַלס אינזשיניר־אַרכיטעקט. איך נעם אַליין אונטער געביידעס צו בויען און איך בין גאַנץ דערפאָלגרייך אין מיין אַרבעט. איצט בין איך טאָ־קע צוליב דעם אין פּועבלאַ. איך פאַרהאַנדל מיט דער היגער מוניצי־פּאַלער רעגירונג וועגן בויען אַ געביידע פאַר אַ שולע.

— און אין דיין לילין האָסטו געווים שוין אינגאַנצן פאַרגעסן!

— און דו, האָסטו דען אין מיר נישט פאַרגעסן?

לילין זענען געקומען טרערן אין די אויגן.

— איך אין דיר! קיין איין מינוט פון מיין אומגליקלעכן לעבן האָבן איך אין דיר, חיים, נישט פאַרגעסן. און ווי האָב איך געקענט פאַרגעסן אין דעם מאַן, וועמען איך האָב געליבט און ליב מיטן גאַנצן פלאַם פון מיין נשמה. אפילו לעבנדיק מיט מיין געזעצלעכן, פרעמדן מאַן האָב איך שטענדיק נאָר דיר געזען פאַר מיינע אויגן. איך בין געווען געצוווּנגען חתונה צו האָבן מיט דעם, וועמען מיין פאָטער האָט

געוואָלט און וועלכער וועט אייביק פרעמד זיין מיין הארץ, מיינע גע־פילן און מיין נשמה, ווייל דאָס אַלץ געהערט נישט צו אים, נאָר צו דעם ווייט־נאָענטן מאַן, וואָס הייסט חיים קאַהאַן.

לילי איז אַנטשוויגן געוואָרן, ווייל טרערן האָבן איר געשטיקט אין האַלדז און גאַנץ שטיל האָט זי צוגעגעבן:

— איך בין כאָטש צופרידן מיט דעם, וואָס ביז היינט האָב איך פון אים קיין קינד נישט.

דערביי האָט זי גאַנץ דייטלעך און דרייסט, מיט די אויגן אירע, געגעבן אָנצוהערן חיים'ען אויף עפּעס, וואָס האָט אין אים אַרויס־גערופן גלייכצייטיק, אַנגענעמענע און אומאַנגענעמענע געפילן.

צוויי טעג האָבן ביידע, לילי מענדעז און חיים קאַהאַן, פאַר־בראַכט צוזאַמען אין פועבלאָ און אין די דאָזיקע צוויי טעג זענען געקומען צו פולשטענדיקער פאַרווירקלעכונג אַלע זייערע לאַנג־דער־וואַרטע, געמיינזאַמע ליבע־האָפענונגען און ליבע־טרוימען.

⁂

דריי חדשים צייט איז דאַוויד מענדעז, לילים מאַן, געלעגן צו בעט און זיך געמאַטערט מיט אַ שווערער מאָגן־קראַנקהייט. אין דער דאָזיקער צייט פון קראַנקהייט האָט זיין לאַנגסטער פריינד, חיים קאַהאַן, זייער אָפט געוואַכט ביי זיין בעט און טיילמאָל גאַנצע נעכט אפילו פון זיין בעט נישט אָפּגעטרעטן. חיים האָט, אין דער דאָזיקער צייט, אַרויסגעוויזן אויסערגעוויינלעכע איבערגעגעבנקייט און עכטע חבריש־מענטשלעכע באַציונג צו זיין קראַנקן פריינד. דאָס האָט ביי דער פאַמיליע גאָמעז אַרויסגערופן גרויס רעספּעקט, פאַרערונג און שטאַרקע ליבשאַפט צו חיים'ען.

ווידער איז דער אַלטער עזעקיעל גאָמעז, וועלכער איז שוין דאַן שפּאָר גרוי געווען, צוגעבונדן געוואָרן צו זיין אַמאָליקן פריינד חיים קאַהאַן. צוזאַמען האָבן זיי ווידער, ווי אין די פריערדיקע יאָרן, געשפּילט אין שאַך און געפירט שמועסן וועגן עפּעס און העלדן פון דער יידישער געשיכטע, וואָס זענען שטענדיק געווען עזעקיעלס ליבלינגס שמועסן. און ווידער איז חיים קאַהאַן געוואָרן, איצט נאָך מער ווי אין די פריערדיקע יאָרן, אַן אייגענער, האַרציק־נאָענטער מענטש אינם קרייז פון דער פאַמיליע גאָמעז.

דאַוויד מענדעז, לילים־מאַן, איז געשטאָרבן און ער האָט אי־בערגעלאָזט נאָך זיך אַן אַלמנה מיט אַן איינציקער יינגעלע אַ בלאָנדס, מיט לעבעדיקע טונקל־בלויע אייגעלעך.

דער קליינער אַלפּאָנסאָ, לילים קינד, האָט חיים׳ען אויסערגע־וויינלעך ליב געהאַט און ער האָט זיך געטוליעט צום פּ ע ט ע ר ח י י ם — ווי דאָס קינד האָט אים גערופן — מער ווי צו יעדערן פון דער פאַמיליע, אפילו מער ווי צו דער אייגענער מוטער. און חיים פלעגט פאַרפלייצן דעם קינד מיט אָפטע מתנות, פון פאַרשי־דענערליי שפּילצייגן ביז די טייערסטע זייער ווערטפולע זאַכן. און חיים האָט זיך געקוויקט און גליקלעך־פריידיק הנאה געהאַט צו הערן פונם קליינעם אַלפּאָנסאָ די צוויי זיסע און טייערע ווערטער: „פּע־טער חיים". יעדעס מאָל ווען דאָס קינד האָט אַרויסגערעדט אָט די צוויי ווערטער האָט חיים אים געדריקט צו זיך און אים אויסגע־קושט יעדעס אבר.

צוליב דעם קינד, וואָס איז געווען דער ליבלינג פון דער גאַנצער גאָמעז־פאַמיליע, האָבן אַלע אין שטוב, אפילו דער אַלטער עזעקיעל, גענומען רופן חיים׳ען מיט דער זעלביקער ליבשאַפט ווי דאָס קינד: — פּעטער חיים.

באַזונדער אָבער האָט לילי ליב געהאַט אַרויסצורעדן, מיט איר אייגנאַרטיקער באַטאָנונג, די צוויי ווערטער: „פּעטער חיים". זי פלעגט די דאָזיקע צוויי ווערטער אַרויסברענגען מיט אַ גאָר באַזונ־דערער צערטלעכקייט און ווען זי האָט זיי אַרויסגעזאָגט האָבן אירע אויגן זיך צעפלאַמט מיט שטיפערישער אויפגעהייטערטקייט. זי האָט ליב געהאַט אַריינצוקוקן חיים׳ען נאָענט אין די אויגן אַריין און אַריינשרייען אים, מיט פריידיקער איבערגעגעבנקייט:

— פּ ע ט ע ר ח י י ם !

און חיים׳ען האָט דורכגענומען אַ מחיהדיקע וואַרעמקייט, ווען ער פלעגט הערן דעם אַזוי צעצויגענעם און צעפּיעשטשעטן רוף פון לילים מויל:

פּ—ע—ט—ע—ר ח—י—ם !

לילי האָט געזען חיים׳ס צופרידנקייט פון איר דאָזיקן רוף, און צוליב דעם פלעגט זי טאַקע אַזוי אָפט דאָס איבערחזרן און דער־

ביי פלעגן אירע אויגן זיך צעצינדן מיט איבערגעגעבענער ליבע־צאַרטקייט און מיט בענקלעכע באַגערן.

און חיים קאַהאַן האָט זייער געגאַרט צו הערן וואָס אָפּטער — ער וואָלט גאַרנישט מיד געוואָרן צו הערן וואָס מער — פון די מיי־לער פון זיינע צוויי ליבע מלאכים, די צוויי אַזוינע זיסע און דער־קוויקנדיקע ווערטער:

— פעטער חיים!

מיסטער דזשאַקסאָן

פרייטיק צונאַכטס.

אין שול פון „נדחי ישראל" האָט מען נאָרוואָס געענדיקט דאַווענען מנחה. יעדנס פנים, פון די בערך דריי מנינים יידן, וועלכע האָבן זיך אין שול געפונען — איז אָפּגערייניקט געווען פון לעצטן טראָפּן וואָכעדיקייט און צוזאַמען מיט דער צעפראַלטער, עלעקטרישער ליכט, וואָס האָט זיך פון יעדן ווינקל געריסן, האָט אויף יעדנס אויסזען געשטראַלט מיט „כולו שבת". און אַלץ איז געשטאַנען מיט פולער, צעוואָרעמטער גרייטקייט אויפצונעמען דעם ליבן אָנקומענדיקן גאַסט — דער הייליקער „מלכה שבת".

פאַרשידנאַרטיק איז געווען דער עולם אין שול: עטלעכע יידן, שוין אין דער טיפער עלטער, וועלכע האָבן זייער חשבון מיט דעם נאַרישן, דער־וועלטיקן לעבן כמעט ווי שוין פאַרענדיקט; זייענדיק טאַטעס פון פאַרמעגלעכע קינדער האָבן זיי זיך שוין פאַרגונען דעם לוקסוס אָפּצוגעבן זיך אינגאַנצן צו עולם הבא. ביי זיי איז די שול געוואָרן די צענטראַלע סטאַנציע זייערע אויפן וועג „אַהין". נישט ווייניק יידן זענען געווען מיטל־יאָריקע, כאָטש נאָך מיט געגוג ברען אין די אויגן פאַר אַ כזית עולם הזה, אָבער — וואָס צו לייט איז צו לייט און וואָס צו גאָט איז צו גאָט. עס זענען אויך געווען אין שול יונגעלייט אין די צוואַנציקער און דרייסיקער יאָרן. אַ טייל פון זיי — קדיש־זאָגער, וועלכע זענען געקומען אין שול באַצאָלן דעם לעצטן חוב צו די פאַרשטאָרבענע עלטערן זייערע. און אַ טייל יונגעלייט, נאָרוואָס אַנטלאָפענע פון ימח־שמום גיהנומדיקער אייראָפּע.

פֿאַר זיי איז די שול — און איבערהויפּט די שבתדיקע שול געווען אַ שטיק אָנהאַלט פֿאַר זייער לעבנס אינהאַלט, פֿאַר זייער ייִדישער נשמה, פֿאַר אַן עכט־ייִדישן, אייגנאַרטיקן לעבן.

האָבן זיי זיך, די ייִדן אין שול, געבינטלט אין גרופּקעלעך. אין שבתדיקער געמיטלעכקייט, האָבן זיי געשמועסט און באַטראַכט די לאַגע פֿון דער וועלט, דעם גאַנג פֿון דער מלחמה און די אויסזיכטן אויף אַ גיכן זיג פֿון די ליבעראַלע פֿעלקער. עס זענען אויך געווען צווישן די ייִדן אין שול „גרויסע סטראַטעגן״ און זיי האָבן מיט גרויס חכמה געוויזן ווי אַזוי מען וואָלט אויף אַ רעכט צו אַן אמת, נאָך זייער מיינונג נאָך, באַדאַרפֿט פֿירן די מלחמה און איינמאָל פֿאַר אַלע מאָל מאַכן אַש און פּאָרעך פֿונעם ימח־שמוניק מיט זיינע חיילות.

אין דעם האָט זיך באַוויזן, ביים אַריינגאַנג אין שול, אַ מאַן, זייער עלעגאַנט געקליידט, אַ הויכער, אַ ברייטפּלייציקער, מיט אַ מונטערדיק, אויסגעפּוצט, עולם־הזהדיק פּנים. קענטיק — אַ רייכער אַמעריקאַנער.

אַלעמענס אויגן האָבן, ווי דורך אַ כישוף, געטאָן זיך אַ שפּיץ אויס צום אַריינגאַנג.

דער פֿרעמדער מאַן האָט ביים ערשטן ייִדן וואָס איז אים אַנטקעגנגעקומען געפֿרעגט אין ענגליש:

— איז אפשר מעגלעך צו רעדן אַ פּאָר ווערטער מיטן ראַביי?

דער ייִד האָט פֿון דער גאַנצער פֿראַגע פֿאַרשטאַנען בלויז דאָס וואָרט „ראַביי״. האָט דער ייִד, מיט אַ באַזונדערן שטאָלץ וואָס אים איז אויסגעקומען צו זיין דער ערשטער צו רעדן מיטן אַמעריקאַנער, און אונטער אויסערגעוויינלעכער שטילקייט וואָס האָט פּלוצלינג באַהערשט די שול — צוגעפֿירט דעם פֿרעמדן מאַן צום רב.

עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז מיטן דערשיינען פֿונעם פֿרעמדן מאַן, וועלכער קומט פֿון אַ פֿרעמדער וועלט, און אפשר גאָר פֿון דער גויאישער וועלט, האָט אין שול מיטאַמאָל זיך פֿאַרמינערט די קדושה פֿון שבת און אַ וואָכעדיקער ווינט פֿונדרויסן האָט אָפּגעקילט די שבתדיקע אַטמאָספֿער.

און מערקווירדיק, קיינער פֿון די ייִדן אין שול האָט זיך נישט געפֿילט דערפֿון געטראָפֿן. פֿאַרקערט גאָר, אַן אויסערגעוויינלעכע

נייגעריקייט האָט אַלעמען ארומגעכאַפּט, האָט באַהערשט אַלעמענס געמיטער און אַלע האָבן אין אַלצדינג פאַרגעסן אינעם דאָזיקן מאָ־מענט. די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט איז געווענדעט געוואָרן בלויז צו דער פּלוצלינגדיקער און זייער טשיקאַווער דערשיינונג: דער אַמע־ריקאַנער מיטן רב.

האָט איינער ביים צווייטן געפרעגט אויף שטום־לשון, דורך אַ וווּנק מיט די אויגן און מיט אַ צי ביים צווייטנס אַרבל:

—וואָס זאָל דאָס באַדייטן?

קורץ איז געווען דער ערשטער שמועס פונם פרעמדן מאַן מיטן רב אין שול יענעם פרייטיק צו־נאַכטס, אָבער די דאָזיקע עטלעכע ווערטער, אַרויסגעבראַכט פונעם אַמעריקאַנער, האָבן אָנגעצונדן אַלעמענס הערצער און אַ מאָדנער פייער־גלאַנץ האָט זיך באַוויזן אין יעדנס אויגן. אפילו ביי די זקנים האָבן די מאַטע, פאַרטרער־טע אויגן אויף אַ מאָמענט ווידער אויפגעלויכטן און עס האָט זיך זיי מיטאַמאָל צוריק פאַרבענקט נאָך אַ ביסעלע פון „דער־וועלט”.

— האו דו יו דו, ראַביי — האָט דער פרעמדער זיך געווענדעט אין ענגליש צום רב, מיט אַ געזונטער באַס־שטימע, אויסשטרעקנדיק צום רב אַ פעסטע אַטלעטישע האַנט — דו פאַרשטייסט ענגליש? איך בין אַ ייד, איך היים מיסטער דזשאַקסאָן. איך בין דער הויפּט־שעף פון דער קאָמפּאַניע וואָס עקספּלאָאַטירט גאָלד אין שטאַט סאָנאָראַ פון די דאָרטיקע גאָלד מינעס. היינט בין איך אין מעקסיקע־שטאָט, ווייל איך האָב צו דערלייזדיקן עפּעס מיט אייער פּרעזידענט. האָט זיך מיר פאַרבענקט נאָך אייגענע ברידער־יידן, דעריבער בין איך געקומען אַהער, צו אייך אין שול. אַ שיינע שול ביי אייך! דו ראַביי קענסט צו מיר רעדן יידיש. איך פאַרשטיי אַלץ, אָבער איך קען נישט רעדן קיין יידיש.

דער רב אָבער, כדי צו הייבן זיין חשיבות, האָט געענטפערט אין ענגליש, אַז ער, מיסטער דזשאַקסאָן, איז זייער ווילקאָמען און עס איז אַ גרויסע פרייד צו האָבן אַזאַ געהויבענעם גאַסט אין שול.

די וואָס האָבן פאַרשטאַנען ענגליש האָבן באַלד מיט אַ שוש־קעריי איבערדערציילט אין יידיש מיט גענוג צולייגעכץ, וואָס דער אַמעריקאַנער האָט גערעדט מיטן רב. אַזוי האָט איינער דעם צווייטן

אַריינגעשושקעט אין אויער דאָס גרויסע וואונדער, אַז דער אַמעריקאַ־נער איז אַ ייד און אַ גרויסער מיליאַרדער פון גאָלד־מינעס.

האָט יעדערער אָנגעהויבן זיך דערנענטערן צו דעם פרעמדן, כדי מיט די אייגענע אויגן צו זען, ווי אַ מיליאַרדער זעט אויס און מיט אַ באַזונדערן נחת האָט יעדערער אַריינגעצויגן אין זיך דעם אָטעם, כדי גוט אָנצושמעקן זיך מיטן טייערן ריח פון גאָלד, וואָס דער אַמעריקאַנער, מיסטער דזשאַקסאָן, האָט מיט זיך מיטגעבראַכט אין דער אַטמאָספער פון שול.

— 2. —

שמואל זילבערשטיין — אַ רייכער ייד, שוין אין די הויכע זעכ־ציקער, וועלכער האָט שוין געהאַט ליקווידירט אַלע געשעפטן און געלעבט בלויז פון פּראָצענט — האָט מיט יובעל־פרייד טעלעפאָנירט אַהיים צום ווייב, אַז ער פירט מיט זיך פון שול זייער אַ געהויבענעם גאַסט, אַ גרויסן אַמעריקאַנער מיליאַרדער, מיסטער דזשקסאָן הייסט ער, זי זאָל וויסן וואָס זי האָט צו טאָן, ווי עס פּאַסט פאַר אַזאַ חשובן גאַסט. ער האָט אויך באַפוילן, אַז למען השם, אַלע דריי זין, לעאָן, כואַן און פּעדראָ, זאָלן קומען צום עסן. עס וועט זיך זיי אם ירצה השם לוינען.

***

מיסטער דזשאַקסאָן האָט זיך גאַרנישט געקענט אָפּלויבן פון די געשמאַקע שבתדיקע מאכלים און פון דעם שיינעם שבתדיקן טיש ביי די זילבערשטיינס אין הויז. עס דערמאָנט אים — האָט ער גע־זאָגט — אין זיינע קינדער יאָרן און עס רופט ביי אים אַרויס אַזעל־כע טייערע זכרונות.

אַז כואַן האָט דער מאַמען איבערדערציילט אין יידיש וואָס דער גאַסט האָט געזאָגט, האָט די אַלטע חיה־רחל זיך געווישט די אויגן פון פרייד־טרערן און זי האָט געהייסן זאָגן דעם גאַסט, אַז דער דאָ־זיקער פרייטיק צונאַכטס איז ביי איר דער גליקלעכסטער אין לעבן און אַז זי וועט אים קיינמאָל נישט פאַרגעסן. מיסטער דזשאַקסאָן איז געווען שטאַרק גערירט פון דער אַלטערס ווערטער און ער האָט איר וואַרעם געדריקט די האַנט.

סיי דער אַלטער זילבערשטיין און סיי די זין זיינע — אַלע דריי

רייכע פאַבריקאַנטן — האָבן שוין מיט אומגעדולד געוואַרט, אַז די פּריוואַט־צונאַכטיקע סעודה זאָל זיך שוין ענדיקן, און מען זאָל קענען „אַ טאַפּ טאָן אין וואָגן", צו זען, צי קען מען זיך צום דאָזיקן גאָלד־מיליאַרדער עפּעס צושאַרן.

זיצנדיק אינעם רייכן סאַלאָן ביים אַלטן שמואל זילבערשטיין, שוין נאָכן עסן, אַרומגערינגלט פון נייגעריקע אויגן און אויערן פונם אַלטן מיט די דריי זין, האָט מיסטער דזשאַקסאָן דערציילט באַריכות, ווי אַזוי זיין קאָמפּאַניע האָט זיך דערשלאָגן צו די יאַקים אין שטאַט סאָנאָראַ און אָנגעהויבן דאָרטן צו עקספּלואַטירן די גאָלד מינעס.

— די יאַקים אין מעקסיקע — האָט ער דערציילט — זענען אַן אַלטער אינדיאַנישער שבט, וואָס זיצט ביים טייך יאַקי. זיי רעכענען זיך לגמרי נישט מיט דער מאָדערנער ציוויליזאַציע, וועלכע איז זיי אַבסאָלוט פרעמד; זיי לעבן זיך אויף זייער אַלטן אייגנאַרטיקן אינדיאַנישן שטייגער פון זייערע אור־אור עלטערן. ביי זיי, ביי די יאַקים, געפינען זיך די רייכסטע גאָלד־מינעס. זיי האָבן אָבער קיינמאָל נישט צוגעלאָזט קיינעם, אַז מען זאָל די מינעס זייערע עקספּלואַטירן. דאָס צוקומען צו זיי איז זייער שווער. קיין וועגן אַהין זענען נישטאָ. פון גוואַיימאַס — אַ פּאָרט אין פּאַסיפיק — ביז מאַנקלאָוואַ גייט נאָך אַ שמאָלע באַן־ליניע, אָבער פון מאַנקלאָוואַ ביז די יאַקים ציט זיך אַ קייט פון בערג און אור־אַלטע וועלדער. אַהין מוז מען זיך שלעפּן מיט אייזלען און אויך מיט געניטע וועג־ווייזער. אונדזער קאָמפּאַניע האָט אויסגעפונען מיטלען, ווי אַזוי צו געווינען דעם צוטרוי און די סימפּאַטיע פון זייערע פירער און מיר זענען די ערשטע און די איינציקע, וועמען זיי האָבן דערלויבט צו עקספּלואַטירן זייערע גאָלד־מינעס. איצט ווילן מיר דורכשניידן אַ באַן־ליניע פון מאַנקלאָוואַ ביז צו די יאַקים. צוליב דעם טאַקע בין איך געקומען קיין מעקסיקע צו אונטערהאַנדלען מיט דער היגער רעגירונג וועגן דעם.

— ווי אַזוי האָט איר עס געקענט באַווייזן? — האָט איינער פון זילבערשטיינס זין אַריינגעוואָרפן אַ פראַגע — איך האָב געהערט, אַז זיי, די יאַקים לאָזן גאָרנישט צו קיין פרעמדן צו זיך.

מיסטער דזשאקסאן האט א שמייכל געגעבן, א שמייכל פון וועלכן עס האט אראפגעוווּנקען א גרוס פון א סודותדיקער מיסטעריעזער וועלט.

— מיין ליבער פריינד — האט מיסטער דזשאקסאן געענטפערט — דאס איז א סעקרעט פון אונדזער קאמפאניע און איר וועט דאך נישט פארלאנגען, אז איך — דער הויפט־שעף — זאל ארויסגעבן סעקרעטן פון מיין קאמפאניע.

— און עפעס א סך געלט ליגט אריינגעלייגט אין דעם דאזיקן געשעפט? — האט דער אלטער זילבערשטיין געפרעגט און דערביי האבן זיך אים די אויגן צעפלאמט און מיט דער צונג האט ער באלעקט די ליפן זיינע, ווי ער זאל וועלן בפועל ממש פארזוכן דעם טעם פון די גרויסע סומעס געלט, וואס ליגן דארטן אריינגעלייגט אין די גאלד־מינעס.

— דער גרונט־קאפיטאל פון אונזער קאמפאניע — האט מיסטער דזשאקסאן געענטפערט מיט א קאלטער רואיקייט, ווי איינער וואס מאכט זיך א קנאפן ווען פון אזעלכע סומעס — באשטייט פון הונדערט מיליאן דאלאר. דאס איז, פארשטענדלעך, אין אקציעס. דער נאמינאלער פרייז פון יעדער אקציע איז צען טויזנט דאלאר. די אקציעס זענען אלע אויספארקויפט און זיי ליגן אין ווינציק הענט, אינגאנצן זענען מיר דריי און פופציק אקציאנערן.

דער אלטער זילבערשטיין מיט די דריי זין זיינע זענען געבליבן זיצן געפלעפטע, מיט אויסגעגלאצטע אויגן און אומבאוועגלעך, ווי פארהיפנאטיזירטע. זיי האט זיך געדאכט, אז דורכן מויל פון מיסטער דזשאקסאן טראגן זיך קלאנגען פון א ווייטער, מיסטעריעזער וועלט, וועגן וועלכער מען קען נאר חלומען, אבער קיינמאל נישט דערגרייכן.

דער ערשטער וואס האט זיך אויסגעטשוכעט פונם היפנאז איז געווען זילבערשטיינס יונגסטער זון, פעדרא, ער האט זיך אנגענומען מיט מוט און געפרעגט:

— און אז איינער אן אונדזעריקער וואלט וועלן קויפן אקציעס, איז גאר נישטא קיין מעגלעכקייט?

מיסטער דזשאקסאן האט שווייגנדיק און שארף אנגעקוקט זילי־

בערשטיינס זון, ווי ער זאָל וועלן אראָפּלייענען פון זיין פּנים: „מיט וועמען האָט ער עס דאָ צו טאָן" און ער האָט געענטפערט מיט לאַנג־זאַמע, צעצויגענע ווערטער:

— מיר דאַכט, מיין ליבער פריינד, אַז היינט צו טאָג איז עס אומ־מעגלעך. אָבער —

מיסטער דזשאַקסאָן האָט זיך פאַרטראַכט אויף אַ ווײַלע. אין דער דאָזיקער ווײַלע האָט ביים טאַטן מיט די זין אויפגעלויכטן אַ פריידיקע האָפנונג אין די אויגן.

— אָבער — האָט מיסטער דזשאַקסאָן ווייטער גערעדט — עס קען זיין, אפשר. די זאַך איז אַזוי, איינער פון אונדזערע אַקציאָנע־רן איז דאָ נישט לאַנג צוריק געשטאָרבן. אין זיין באַזיץ זענען גע־ווען צוואַנציק אַקציעס. די יורשים ווילן די אַקציעס פאַרקויפן. די אַקציעס זענען היינט צו טאָג ווערט מער פון דאָפּלט פון זייער נאָר־מאַלן פּרייז. אָבער עס זענען שוין פאַראַן געגוג בעלנים אויף די דאָ־זיקע צוואַנציק אַקציעס, סיי אין די פאַראייניקטע שטאַטן און סיי אין אַנדערע לענדער.

דער אַלטער זילבערשטיין האָט זיך צוגערוקט נענטער צום מיסטער דזשאַקסאָן, און כמעט מיט טרערן אין די אויגן, האָט ער זיך געבעטן:

— ליבער פריינד, מיסטער דזשאַקסאָן, מיר זענען דאָך אייגענע ברידער יידן, זעט אַז מיינע קינדער זאָלן קענען קויפן אַביסל אַק־ציעס. מיר דאָ, אין מעקסיקע, האָבן מיר נישט קיין מעגלעכקייט צו קענען ווערן גרויסע מיליאָנערן, ווי ביי אייך אין די שטאַטן. נאָר דורך אייך, ליבער פריינד, פריער גאָט דערנאָך איר, איר קענט אונדז העלפן צו ווערן מענטשן מיט לייטן גלייך.

דערביי האָט דער אַלטער אָנגעכאַפּט מיסטער דזשאַקסאָנס רעכ־טע האַנט און מיט הכנעה שטאַרק זי געדריקט מיט זיינעביידע הענט.

דעם אַלטנס ווערטער און זיין געבעט האָבן רירנדיק געווירקט אויף דעם מיסטער דזשאַקסאָן און ער האָט — מיט האַרציקע וואַרע־מע ווערטער — צוגעזאָגט צו „טרייען די בעסט", אַז די ליבע פאַ־

מיליע זילבערשטיין זאָל אים האָבן צו געדענקען אויפן גאַנצן לעבן.

און מיט דער זעלביקער הארציקער ווארעמקייט האָט מיסטער דזשאַקסאָן זיך געזעגנט מיט די זילבערשטיינס, ווי מיט אַלטע גוטע פריינד.

— .3 —

אין דער צייט וואָס מיסטער דזשאַקסאָן האָט געוווילט אין מעקסיקע — צוויי וואָכן צייט — איז די פריינדשאַפט צווישן אים און די זילבערשטיינס געוואָרן אַלץ נענטער און אינטימער.

זייער אָפט האָבן די זילבערשטיינס פאַרבראַכט מיטן מיסטער דזשאַקסאָן אין זיין וווינונג, אין איינעם פון די רייכסטע האָטעלן אין מעקסיקע. גאַנץ אָפנהאַרציק האָבן זיי אים פאַרטרויט אַלע סודות פון זייערע געשעפטן. זיי האָבן פאַר אים אַנטפּלעקט די אמתע גרוים פון זייערע קאַפּיטאַלן. געוויזן אים די פּערספּעקטיוון זייערע אין דער צוקונפט און אים קלאָר געמאַכט די אַלערליי מעגלעכקייטן פון זייערע קרעדיטן.

ביסלעכווייז האָט אויך מיסטער דזשאַקסאָן אָנגעהויבן ארויסצווייזן צוטרוי צו זיינע נייע פריינד. ער האָט זיי דערציילט אַ סך אינעווייניקסטע סודות פון זיין קאָמפּאַניע. ער האָט זיי אויסגעזאָגט ווי אַזוי, דורך וועלכע וועגן מען איז דערגאַנגען צו די יאַקים. ווי אַזוי מען פאַרהאַנדלט מיט דער רעגירונג וועגן דער באַן־קאָנצעסיע און דרך אגב האָט ער זיי פאַרטרויט — נאָר בתנאי, אַז אַלץ זאָל בלייבן שטרענג בסוד, אַפילו פאַר די אייגענע פאַמיליעס — וועגן די גרויסע מיליאָניקע פאַרדינסטן וואָס די גאָלד־מינעס ברענגען אריין.

דער אָפענער קענגזייטיקער צוטרוי האָט אויך דערנענטערט דעם מיסטער דזשאַקסאָן מיט די פאַמיליעס פון די זילבערשטיינס.

גאַנץ אָפט איז מיסטער דזשאַקסאָן איינגעלאַדן געוואָרן אין הויז צו איינעם און אַ צווייטן פון די זילבערשטיינס. און יעדעס מאָל איז דזשאַקסאָנס וויזיט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פריידיקן פאַמיליע יום־טוב ביי די זילבערשטיינס.

די קליינע קינדער אַפילו האָבן זיך שוין אַזוי צוגעוווינט צום

אַמעריקאַנער מיליאַרדער און צו זיינע אָפּטע מתנות, אַז זיי האָבן אים אָנגעהויבן צו רופן איינפאַך: „פּעטער דזשאַקסאָן".

נישט איינמאָל האָט זיך מיסטער דזשאַקסאָן אויסגעדריקט:

— אַזעלכע, ליבע האַרציקע און נאָענטע פריינט, ווי איך האָב געטראָפן אין אייך האָב איך נאָך אין מיין לעבן נישט געהאַט. אפילו צו מיין פאַמיליע האָב איך וועגן דעם געשריבן. און איר וועט זען, איך וועל טאָן פאַר אייך אַזוינס, וואָס איר און אייערע קינדער וועלן מיך האָבן אויפן גאַנצן לעבן צו געדענקען.

— 4. —

וואָכן זענען אַוועק, וועלכע האָבן זיך געצויגן ווי יאָרן, און קיין וואָרט איז פון מיסטער דזשאַקסאָן נישט געקומען.

און די זילבערשטיינס האָבן זיך געשטיקט צווישן פאַרצווייפלונג און האָפענונג, נישט וויסנדיק אַליין וואָס איז מער באַרעכטיקט צו זיין עפעקטיווער.

— זאָל עס זיין, אַז מיסטער דזשאַקסאָן האָט אונדז געבלאָפט? אַז ער האָט אין אַלע זיינע צוזאָגעכצן פאַרגעסן? אַז ער האָט זיך גאָר אויסגעלאַכט פון אונדז?

— ניין, עס איז אומעגלעך, — האָבן זיי זיך אַליין געטרייסט מיט האָפענונג — ער איז אַ פיינער מאַן, אַ צו איידעלער מענטש, אַז ער זאָל קיין וואָרט נישט האַלטן. מן הסתם זענען פאַראַן געוויסע סיבות וואָס האַלטן אים אויף. ער איז דאָך נישט ווי אונדזערס אַ געוויינלעכער מענטש, וואָס איז פריי ווען ער וויל, אָבער זיין צוגעזאָגט וואָרט וועט ער זיכער דערפילן.

די צעפלאַקערטע שטרעבונג און דער צעפלאַמטער באַגער, צו ווערן גרויסע מיליאָנערן, האָבן נישט געלאָזט פאַרלעשן די אָנגעצונדענע האָפענונג אין די הערצער פון די זילבערשטיינס.

⁂

ווענט — זאָגט מען — האָבן אויערן.

וויפל די זילבערשטיינס האָבן זיך באַמיט צו האַלטן שטרענג אין געהיים, הינטער זיבן שלעסער, דעם גאַנצן ענין פון די גאָלד־מינעם ביי די יאַקיס אין שטאַט סאָנאָראַ, וועגן די אַקציעס וואָס מיסטער דזשאַקסאָן האָט צוגעזאָגט צו קריגן פאַר זיי און וועגן די

מיליאָנען וואָס די גאָלד־מינעס ברענגען אריין — האָט דאָך דער סוד זיך דורכגעריסן אין גאַס אריין.

איינמאָל אַ פאַרנאַכט איז צו לעאָן זילבערשטיין אין פאַבריק געקומען אַ יונגערמאַן און געמאָלדן, אַז ער האָט מיט אים צו רעדן וועגן זייער אַ וויכטיקער זאַך.

נאָכדעם ווי דער יונגערמאַן האָט זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן פון אָפיס־צימער, כדי צו זיין זיכער, אַז קיין פרעמדע אויערן הערן זיך נישט צו, האָט ער אָנגעהויבן מיט אַ תחנונימדיקן טאָן:

— הערט אייך איין, סעניאָר זילבערשטיין, איך בין אַ שניידער בין איך. ס'הייסט איך האָב אַ שניידערישן װערקשטאַט. פריער האָב איך אַליין געאַרבעט האָב איך, היינט דאַנקען גאָט אַרבעטן אַנדערע פאַר מיר. איך אַרבעט פאַר גראָסמאַנען אַרבעט איך. אין דער צייט וואָס איך אַרבעט, איז מיר געלונגען אָפצושפּאָרן אַ סומע פון צוואַנציק טויזנט פּעזאָס. איך קען אָפּשפּאָרן נאָך טויזנטער פּעזאָס קען איך. איך בין נישט חלילה קיין קאָרטן־שפּילער ווי אַנדערע, איך בין אויך נישט קיין אויסברענגער. איך ווייס וואָס עס הייסט שפּאָרן אַ מעזע.

— אָבער וואָס ווילט איר פון מיר — איז שוין לעאָן זילבערשטיין אַרויס פון געדולד — זאָגט קלאָר, אָן הקדמות, וואָס פאַרלאַנגט איר פון מיר? איך בין אַ פאַרנומענער מענטש. איר זעט דאָך, אַז דאַרפן וואַרט מען אויף מיר.

— נאָר זייט נישט אין כעס. סעניאָר זילבערשטיין, וואָס מיינט איר, אַז גאָט ריכט איינעם אויף, דאַרף ער שוין זיין אַזוי גרויס ביי זיך?

— נו, שוין, זאָגט וואָס פאַרלאַנגט איר?

— איך וויל, אַז איר זאָלט מיך צונעמען פאַר אַ שותף צו די גאָלד־מינעס וויל איך. וואָס מיינט איר, אַז אַ שניידער איז וואָס, בין איך נישט דער זעלביקער וואָס איר?

זילבערשטיין האָט פּלוצלונג אַ גלאָץ אויסגעטאָן אַ פּאָר אויגן אויפן שניידער און אַ הילכיקן געשריי געגעבן:

— ו ו אָ ס ? !

אויף אַ ווייל זענען ביידע, אי דער שניידער, אי זילבערשטיין,

געבליבן ווי אין פאַרגליווערטער דערשטוינונג און איינער האָט דעם אַנדערן געקוקט אין די אויגן מיט איבערראַשונג.

זילבערשטיין האָט דער ערשטער זיך באַרואיקט. עס האָט אים בדיעבד הנאה געטאָן, וואָס מען האָלט אים שוין פאַר אַן אייגנטימער פון גאָלד מינעס, האָט ער שוין אין אַ מילדערן טאָן געפרעגט:

— ווער האָט עס אייך דערציילט וועגן די גאָלד־מינעס?

— איר זעט דאָך, אַז מען ווייסט. נישטאָ קיין סודות אויף דער וועלט. וואָס זשע זאָגט איר, סעניאָר זילבערשטיין, איר ווילט מיך צו נעמען פאַר אַ שותף? לאָזט אַ צווייטן אויך צו, צו ווערן אַ לייט. גלויבט מיר, עס וועט סטייען פאַר אַלע וועגן. איך קען אַריינלייגן אַ סך טויזנטער פעזאָס קען איך אַריינלייגן.

זילבערשטיינען איז געפעלן געוואָרן דער פּראָסטער און אָפנהאַרציקער אופן פון דעם שניידערס רעדן, האָט ער אים געענטפערט גאַנץ פּשוט.

— גלויבט מיר, יונגערמאַן, מיר וויסן נאָך אַליין נישט, ווי עס האָלט מיט דעם ענין. לאָזט מיר איבער דעם אַדרעס אייערן, אַז עס וועט עפּעס ווערן דערפון וועל איך שיקן נאָך אייך.

— זאָגט איר מיר הייסט עס צו — האָבן דעם שניידערס אויגן זיך אָנגעצונדן פון פרייד — אַזוי איז גוט, אַזוי איז גוט!

און דער שניידער איז אַוועק פון זילבערשטיינען פול מיט פריידיקער האָפנונג אויף אַ צוקונפטיקן ניי לעבן ווי אַ מיליאָנער פון גאָלד־מינעס.

איינמאָל איז צום אַלטן זילבערשטיין געקומען אַ מיטליאָריקע פרוי.

— איר דערקענט מיך נישט, הער זילבערשטיין? — האָט זי אָנגעהויבן — איר זענט דאָך געווען מיין בורר, נאָכן טויט פון מיין מאַן עליו השלום, ווען איך האָב געהאַט צו טאָן מיט די שותּפים זיינע, די גנבים.

— האַ, יאָ, וואָס זשע מאַכט איר מאַדאַם גלינסקי? וואָס וועט איר זאָגן עפּעס גוטס?

— איך בין געקומען ביי אייך בעטן אַ טובה. איר ווייסט דאָך, אַז די שותּפים, די גנבים, האָבן מיר אויסגעצאָלט פופציק טויזנט פּע־

זעם מזומן געלט, כאָטש מיר איז אַרויסגעקומען אַ סך מערער, אָבער דאָס געלט ליגט אין פרעמדע הענט, אויף פּראָצענט. איז ווער קען וויסן וואָס פונעם געלט קען ווערן, נישט אין קיין בייזע שעה אַרויסגערעדט, עס איז פאַרט אין פרעמדע הענט. וואָלט עס געווען מיין געלט וואָלט איך נישט אַזויפיל איבערגעטראַכט, וואָרן וויפל מ׳שטיינס געזאָגט איז מיר נאָך געבליבן צו לעבן, וואָס זשע וועל איך איינשלינגען אַ וועלט. אָבער עס איז דאָך נעבעך די יתומים׳ס געלט, וואָלט איך בעסער ווען האָבן דאָס געלט אין אַ זיכער געשעפט.

— איז וואָסזשע קען איך פאַר אייך טאָן מאַדאַם גלינסקי? גלויבט מיר, אַלץ וואָס איז נאָר געווענדט אין מיר — מיט פאַרגעניגן. איר ווייסט דאָך, אַז איך בין געווען אַ גוטער פריינד, זאָל זיין אָפּגעשיידט, מיט אייער מאַן עליו השלום.

— איך ווייס עס טאַקע, דעריבער בין איך געקומען צו אייך. איך וואָלט וועלן דאָס געלט אַריינלייגן אין דעם געשעפט פון די גאָלד־מינעס, וואָס איר האָט געמאַכט מיט דעם אַמעריקאַנער מיליאָנער, מיסטער דזשאַקסאָן.

— איך?! נישט איך דאַרף גאָלד־מינעס, נישט איך ווייס פון גאָלד־מינעס. וויפל מיר איז נאָך באַשערט צו לעבן דאַרף איך שוין, דאַנקען גאָט, קיין געשעפטן נישט מאַכן. איך האָב שוין גענוג געפּראַצעוועט אין מיין לעבן. אויף די עלטערע יאָרן וויל איך לעבן במנוחה און דינען דעם בורא יתברך.

— וואָס זשע זאָגט מען אין גאַס, אַז איר האָט גאָלד־מינעס וווּ מען פאַרדינט שטיקער מיליאָנען?

— אפשר מיינע קינדער, ווער ווייסט, און גלויבט מיר, ליבע מאַדאַם גלינסקי, לאָזט אייך נישט פאַרפירן פון מענטשנס רייד און גלויבט נישט אין דעם וואָס מענטשן זאָגן.

די פרוי איז אַוועק פון אַלטן זילבערשטיין אַן אַנטוישטע, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטער נאָז און זי האָט זיך געטראַכט:

— הע, אַן אַלטער עובר בטל, מען דאַרף זיך בעסער ווענדן צו די זין זיינע.

אַזוי האָבן די זילבערשטיינס זיך גאָרנישט געקענט אָפּטשעפּן

פון די פאַרשידענע מענטשן, וועלכע האָבן געבעטן, אַז מען זאָל בײַ זיי צונעמען זייערע קאַפּיטאַלן און אַרײַננעמען זיי אַלס שותּפים צו די גאָלד־מינעס, וועלכע ברענגען אַריין „אין די שווערע מיליאָ־נען".

כאָטש די זילבערשטיינס האָבן פריער געהאַט באַשטימט צו האַלטן די גאַנצע זאַך בסוד, האָט עס זיי אָבער דאָך הנאה געטאָן, וואָס מענטשן זענען דערפון געוואָר געוואָרן. עס האָט זיי גע־שמייכלט, וואָס מענטשן האַלטן זיי שוין פאַר מיליאָנערן און ווילן זיי אָנטרויען אַזוי פיל געלט.

— און אפשר — האָבן זיי געטראַכט — אפשר וועט זיי טאַקע דאָס באַרגעלייגטע געלט אַמאָל צונוץ קומען.

דערווייל זענען די וואָכן געלאָפן און מיסטער דזשאַקסאָן האָט פון זיך נישט געלאָזט הערן. ביסלעכווייז האָט דער וואָרעם פון יאוש, אַנטוישונג און פאַרצווייפלונג אָנגעהויבן צו פרעסן די זילבער־שטיינס. צוזאַמען מיט דעם האָט אַ נערוועזע פאַרביטערונג זיי באַהערשט און געמאַטערט. איינער דעם צווייטן האָט אָנגעהויבן צו באַשולדיקן אין דעם, וואָס מיסטער דזשאַקסאָן — ווי זיי האָבן עס אויסגעטייטשט — איז אַוועק פון זיי אומצופרידן און דעריבער האָבן זיי פאַרשפּילט אַזאַ אויסערגעוויינלעך גליק אין לעבן.

ערשט מיט חדשים שפּעטער איז צו די זילבערשטיינס אָנגע־קומען אַ בריוו, געשריבן אויף אַן אָפיציעלן בויגן פון דער „קאָמ־פּאַניע צו עקספּלואַטירן די גאָלד־מינעס פון יאַקי, שטאַט סאָנאָראַ, אין מעקסיקע".

די קאָמפּאַניע האָט צו וויסן געגעבן, אַז צען אַקציעס פון דער קאָמפּאַניע זענען פאַראַן צו פאַרקויפן. די צען אַקציעס זענען אין ווערט פון צוויי הונדערט טויזנט דאָלאַר. לויטן פאַרלאַנג פונעם הויפּט־שעף פון דער קאָמפּאַניע, מיסטער דזשאַקסאָן, ווערן די צען אַקציעס געהאַלטן פאַר די זילבערשטיינס פון מעקסיקע. די דאָזיקע סומע פון צוויי הונדערט טויזנט דאָלאַר מוז ווערן אײַנגעצאָלט אין דער באַנק פון דער קאָמפּאַניע אין שיקאַגאָ, נישט שפּעטער ווי ביז זעכציק טעג. אויב אָבער ביז צום דאָזיקן טערמין וועט די פולע

סומע נישט דערהאַלטן ווערן איז די קאָמפּאַניע פריי צו פאַרקויפן די אַקציעס צו אַ צווייטן.

צוזאַמען מיטן דאָזיקן אָפיציעלן בריוו פון דער קאָמפּאַניע, האָבן אויך די זילבערשטיינס דערהאַלטן אַ פּריוואַט־בריוו פון מיסטער דזשאַקסאָן. ער אַנטשולדיקט זיך, פאַרוואָס ער האָט אַזוי לאַנג נישט געשריבן, ווייל ער איז געווען קראַנק, אָבער זיין צוזאָג האָט ער געהאַלטן. ער באַדויערט נאָר, וואָס מער ווי צען אַקציעס האָט ער נישט געקענט פאַרלויפיק אַרויסקריגן. און כאָטש עס זענען געווען אויף זיי אַ סך בעלנים, האָט ער, דזשאַקסאָן, זיך אָנגעשטרענגט, אַז זיי זאָלן אָנקומען צו זיינע ליבע פריינד, די זילבערשטיינס, כדי זיי און זייערע קינדער זאָלן אים האָבן צו געדענקען אויפן גאַנצן לעבן.

—5—

עס איז שוין ווייט נאָך האַלבער נאַכט.

אין הויז פון אַלטן זילבערשטיין איז די לופט אָנגעפילט מיט שווערער פּיין, מיט טיפן טרויער און ווייטיקדיקער שרעק. אַלע אין שטוב לויפן אַרום ווי משוגעים, מיט פאַרבראָכענע הענט, מיט פאַרשאָטנטע פּנימער און אויסגעלאָשענע אויגן. אַלץ זעט אויס ווי אַרום אַ בעט פון אַ גוסס, אין דער שוידערלעכער דערוואַרטונג אויף דער אומפאַרמיידלעכער מינוט פון טויט.

דער אַלטער טאַטע לאָזט אַלעמאָל אַרויס אַ ספּאַזמישן געוויין, ווי אַ קינד, און שרייט אויס מיט באַנומענע קולות:

— אוי גאָט, וואָס האָב איך דערלעבט אויף די עלטערע יאָרן! פאַרוואָס קומט דאָס מיר!

גאָט, פאַרוואָס! פאַרוואָס! זאָג מיר גאָט פאַרוואָס!

און ווי אַן ענטפער אויפן טאַטנס שניידנדיקן געוויין, קומט אַלע מאָל אונטער אַ ביטערער האַרצרייסנדיקער זיפץ, יעדעס מאָל פון אַן אַנדערן זון:

— אוי, אוי, וואָס הויבט מען אָן צו טאָן!

— אַזוי אומגליקלעך געוואָרן!

— אליין, מיט די אייגענע הענט, לעבעדיקערהייט זיך באַגראָבן!
— ווער זאָל זיך ריכטן אויף אַזאַ וויסטן און פינצטערן סוף!
— און וואָס טוט מען מיטן פרעמדן געלט!
— אַזוי פיל געלט ביי פרעמדע מענטשן אָנגענומען!
— מען וועט דאָך אונדז אַלע פאַרשפּאַרן אין תפיסה, ווי שווינדלער, גנבים!
— אַז זיי קענען דאָך נישט קיינעם נאָר אונדז!
— טאַטע, גיב אַן עצה, וואָס טוט מען איצט!
— אַליין געמאַכט פון זיך אַזאַ שוואַרצן תכלית!
— אַזויפיל יאָרן פראַצע פאַרטאַכלעוועט און פאַרניכטעט!

און נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל גייט אַרום דער בריוו פון האַנט צו האַנט און יעדערער לייענט אים ווי מען לייענט אַ טויט־אורטייל אויף זיך אַליין. און כאָטש מען האָט אים שוין געלייענט צום וויפלטסטן מאָל, לייענט מען אים ווידער, מען וויל די אייגענע אויגן נישט גלויבן. אפשר איז פאָרט נישט אַזוי.

שרייבט ער מיסטער דזשאַקסאָן, נישט אין ענגליש, נאָר אין פּראָסט יידיש:

„מיינע ליבע זילבערשטיינס:

אייער געלט איז ריכטיק דערהאַלטן געוואָרן און מיינט נישט, אַז דאָס איז געגאַנגען חלילה פאַרלוירן. עס איז נאָר אַרויס פון די הענט פון קליינשטעטלדיקע יאָלדן און עס איז אַריינגעפאַלן אין גוטע הענט, וואָס ווייסן יאָ וווהין דאָס ריכטיק צו פאַרווענדן. איידער איר האָט דאָס געלט אָפּגעשיקט האָט איר כאָטש באַדאַרפט דאָס גוט אָנקוקן, ווייל מער וועט איר דאָס שוין קיינמאָל נישט זען.

א פריינדלעכן גרוס אייערע פאַמיליעס.

אייער מיסטער דזשאַקסאָן".

— אַזאַ אומפאַרשעמטער אַפעריסט!

— ער האָט נאָך פארשטאָכענע אויגן, חוזק צו מאכן פון אונדז!

— אוי געוואַלט, איך וועל אראָפּ פון זינען!

— וואָס הויבט מען איצט אָן צו טאָן!

— פאַרוואָס קומט עס מיר גאָט. ווי צו מיינע אַלטע יאָרן, צו וואָס איך האָב דערלעבט!

און א געבעט האָט געפליעט אין יעדנס האַרץ, אַז די נאַכט זאָל זיך אַזוי ציען און ציען ביז אייביק.

א גרוילעכער פּחד האָט אָנגעיאָגט פארן אָנקומענדיקן טאָג.

אַ עצה

עס איז געווען נאָך גאָר פרי פון יענעם זונטיק, ווען ליפּע ראָל־ניק איז אַהין אָנגעקומען.

דער שטאַרקער ווינט, וואָס האָט אויסגעמישט הימל מיט ערד, האָט ליפּען געצוואונגען צו האַלטן פאַרמאַכט די אויגן עטלעכע מינוט צייט און אים נישט דערלאָזט צו זען, וווּ ער געפינט זיך ערגעץ אין דער וועלט.

אין דער דאָזיקער צייט, ווען ליפּע האָט געהאַלטן פאַרמאַכט די אויגן, איז דערווייל נעלם געוואָרן דער מעקסיקאַנער מיט די אייזלען, וואָס האָבן אים געבראַכט צופירן אַהין.

ערשט ווען דער ווינט האָט זיך אַביסל איינגעשטילט און ליפּע האָט געעפנט די אויגן איז אַן אומעט אים באַפאַלן און ער האָט אין פאַרצווייפלונג אויסגעשריגן:

— אוי ווי צו מיר, וווּהין בין איך עס דאָ אַריינגעפאַלן! וווּהין האָט מיך פאַרשיקט דער דאָקטאָר, דער רשע, ימח שמו! ווי וועל איך עס דאָ אויסהאַלטן, אין אַזאַ העק, אין אַזאַ מדבר!

אַרום און אַרום בערג: אַ באַרג איבער אַ באַרג, אַ באַרג אַריינגע־פלאָכטן אין אַ באַרג און אַ באַרג צוגעטוליעט צו אַ באַרג; און דאָ — אינמיטן, צווישן די הויכע געקייטלטע בערג — אַ פאַראייניזאַמטער טאָל.

אַ צענדליק נידעריקע, ליימענע כאַטקעס שטייען פונאַנדערגע־שפּרייט אין פראָנט פון צוזאַקערטע פעלדער און קיין לעבעדיקע באַשע־פעניש זעט מען נישט פאַר די אויגן.

— צו וועמען רעדט מען? ביי וועמען פרעגט מען זיך? ווו זאָל

מען זיך אינפאָרמירן וועגן דעם הייסן קוואַל פון דאַנען, וווהין דער דאָקטאָר האָט מיך געשיקט זיך באָדן?

ליפע האָט מיטאַמאָל זיך צעשריגן מיט ווילדע קולות.

—אפשר וועט עמיצער דערהערן מיינע געשרייען — האָט ער געטראַכט — און ארויסקומען צו מיר.

אָבער אומזיסט — קיין לעבעדיקע באַשעפעניש האָט זיך נישט באַוויזן.

ליפע איז פאַרבייגעגאַנגען די ליימענע כאַטעס, אומעטום געקלאַפּט אין די פאַרמאַכטע טירן, געשריגן, געליאַרעמט, אָבער — אין קול ואין עונה.

— וואָס איז דאָ געשען? זאָל דאָ האָבן זיך דורכגעטראָגן א מגפה און אַלע מענטשן זענען אויסגעשטאָרבן?!

ליפע האָט אָנגעשפּיצט די אויערן, אפשר וועט פּאָרט צו אים זיך דערטראָגן א לעבעדיקער קלאַנג פון ערגעץ ווו.

אַזוי האָט זיך געצויגן מינוט נאָך מינוט. ליפען האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז יעדע מינוט ציט זיך אן אייביקייט און טרויעריקע מחשבות האָבן אָנגעהויבן צו קריכן אים אין קאָפּ אַריין.

— ווער ווייסט צי האָט מען נישט אַמאָל מיך פאַרפירט אין שאול תחתיה, פון וואַנען איך וועל זיך שוין נישט אומקערן קיין לעבעדיקער!

און ער האָט אין געדאַנק שוין גענומען באַוויינען זיינע צוויי און דרייסיק יאָר, וואָס דאַרפן זיך ענדיקן אין אַ מעקסיקאַנער ווילדעניש.

פלוצלינג האָט זיך צו זיינע אויערן דערטראָגן א ווידער־קול פון אַ פערדס הירזשען.

ליפע האָט אויפגעציטערט פון פרייד.

אַ לאַנגע צייט פלעגט ליפע דערציילן:

— כ'האָב דאָך שוין גענוג שיינע מוזיק געהערט אין מיין לעבן. א סך הנאה האָב איך שוין געהאַט אין מיין לעבן פון קלוגע און לאָגיש־אַרויסגעזאָגטע געדאַנקען, נאָר אזא פרייד ווי כ'האָב דאַמאָלסט געהאַט פון יענע „וואונדערבאַרע" קלאַנגען, וואָס זענען גע־

קומען פון יענעם „קלוגן" פערדס הירזשען, האָב איך נאָך אין מיין לעבן נישט געהאַט.

ליפּע האָט גענומען נאָכשפּירן און נאָכגיין נאָך די קלאַנגען פון פערדס הירזשען און עס האָט אים געפירט צו אַ זייער שמאָלער סטעזשקע, וואָס האָט זיך אַריינגעשניטן צווישן צוויי הויכע בערג.

אַדורכגעגאַנגען די ראַזיקע שמאָלע סטעזשקע, דורך וועלכער קוים איין מענטש האָט געקענט זיך דורכשטופּן, האָט ליפּע פאַר זיך דערזען אַ גרויסן קיילעכדיקן הויף ווי אַ ראָד, וווּ איין האַלבער ראָד איז אַרומגעמויערט געווען מיט אַ פּאַרקן און דער צווייטער האַלבער ראָד איז אַרומגענומען געווען מיט אַ געמויערט הויז און נומערירטע טירן איבער דער גאַנצער ברייט פונעם הויז.

אַזעלכע נומערן זענען געווען ניינאונצוואַנציק און איין טיר — איבער וועלכער ס'איז, אַנשטאָט אַ נומער, געווען אויפגעשריבן „אַדמיניסטראַציע".

דאָרטן, אין דער אַדמיניסטראַציע, האָט ליפּע געטראָפן אַן עלטערע פרוי, וועלכע האָט געגעבן אים צו פאַרשטיין, אַז ער דאַרף רעדן העכער, ווייל זי איז טויבלעך.

אויף זיינע אויסגעשריגענע פראַגעס, וווּ זענען עס אַלע מענטשן פון דאַנען, האָט די אַלטע אים דערקלערט, אַז אַלע זענען אַוועק אין אַ דערבייאיקן דאָרף צו „מיסאַ" (תפילה), וואָרן דאָ — האָט זי געגעבן צו פאַרשטיין — איז צום אומגליק, נישטאָ קיין קירכע. גייט מען דעריבער, יעדן זונטיק אינדערפרי, אַוועק אַהין, איבער יענער זייט באַרג, וווּ ס'איז פאַראַן אַ קירכע.

און די אַלטע האָט דערביי אויסגעדריקט איר גרויס באַדויערן, וואָס ער, ליפּע ראַלניק, האָט פאַרשפּעטיקט. ווען ער וואָלט געווען געקומען בלויז מיט צוויי שעה פריער — האָט זי צוגעקרעכצט — וואָלט ער נאָך געוועזן באַוויזן מיטצוגיין מיט אַלע אַהין צו „מיסאַ".

* * *

ליפּע ראַלניק איז געווען אַ הויכער און אַ דאַרער, מיט אַ לענגלעך אויסגעצערט פּנים. פון זיינע ברענענדיקע שוואַרצע אויגן האָט אַרויסגעקוקט שטיפערישע דרייסטקייט און פון זיינע ליפּן האָט אַראָפּגעשמייכלט אַוואַנטוריסטישע געוואַגטקייט.

ליפּע האָט בּיסלעכווייז געגומען זיך אַריינלעבן אינעם דאָזיקן העק צווישן די בערג און ער האָט — וואָס מער ער האָט באַנומען די בערג־שיינקייט פונעם ארום — אָנגעהויבן באַטראַכטן דעם פּלאַץ, נישט ווי אַ קור־אָרט, וווּהין דער דאָקטאָר האָט אים געשיקט צו היילן זיך פון רעומאַטיזם, נאָר ווי אַן אינטערעסאַנט הפקר־ווינקל, ווו זיינע אַוואַנטוריסטישע נייגונגען וועלן זיך קענען פריי צעוויקלען און אומגעשטערט זיך צעלייגן, און דאָס האַרץ האָט אים אונטער־געזאָגט, אַז סוביעקטן פאַר דעם וועלן נישט פעלן.

ליפּע האָט פאַרנומען אַ צימער, וועלכן די אַלטע און טויבע אַד־מיניסטראַטאָרין האָט אים אָנגעוויזן, און ער האָט זיך געוווּנדערט, צו טרעפן אין אַזאַ פאַרוואָרפענעם מדבר־ווינקל אַזאַ שיין און פיין איינגעאָרדנט צימער, גאָרנישט ערגער ווי אַ צימער אין אַ פיינעם גרויס־שטאָטישן האָטעל.

ווי אַ קינד, וואָס פאַרלירט און געפינט, אַזוי האָט זיך ליפּע דער־פרייט מיטן דאָזיקן צימער און פאַר פרייד האָט ער זיך צעטאַנצט, צופּייפנדיק אַ גוט־באַקאַנט גאַסן־לידל, ביז ער האָט זיך אַנידערגע־וואָרפן, אַ מידער, אויף זיין בעטל.

אַ גערודער אין הויף האָט אים אַרויסגעריסן פון ערשטן האַלבן דרימל וואָס ער האָט נאָרוואָס געהאַט געכאַפּט.

ליפּע איז אַרויס אין הויף און דערזען אַ געמיש פון פאַרשי־דענע מענטשן, מענער און פרויען, יונגע און עלטערע, מיינסטנס — פון פּראָסטן און אָרעמען פויערים־פאָלק.

פון צווישן אַלע האָט זיך שטאַרק געוואָרפן אין די אויגן אַן עלטערער מאַן, אַ הויכער און ברייט־פּלייציקער, מיט זייער אַ חשי־בותדיקן אויסזען, ווי פון אַן אַלטן גענעראַל. ער איז געשטאַנען אָנ־געשפּאַרט מיט איין האַנט אָן אַ שטעקן און מיט דער צווייטער האַנט — אָן אַ יונג מיידל, ווי פון אַ יאָר 18—20.

כדי צו מאַכן זיך היימיש איז ליפּע צו צום בינטל מענטשן, זיך פאָרגעשטעלט מיטן נאָמען און היימישלעך צוגעגעבן:

— אַ שאָד וואָס איך בין געקומען אַהער שפּעט און כ'האָב נישט באַוויזן מיטצוגיין מיט אייך צו „מיסאַ".

— טאַקע אַ שאָד! האָבן אַלע צוזאַמען אויסגעדריקט מיטלייד

און באַדויערט דעם אָרעמען ליפּען, וואָס ער האָט נעבעך פאַרשפּעטיקט צו „מיסאַ״.

דערביי האָט יעדער איינער באַזונדער זיך פאָרגעשטעלט מיטן נאָמען און פאַמיליע־נאָמען, געבנדיק ליפּען די האַנט.

אַזוי איז געשלאָסן געוואָרן היימישקייט צווישן די אַלטע תושבים מיטן ניי־אָנגעקומענעם פּאַציענט, ליפּע ראַלניק.

איין מיידל נאָר, א הויכע מיט א לענגלעך און פול געזיכט; א ברונעטקע, מיט צעלאָזטע לאַנגע קאַשטאַן־האָר און גרויסע, לעבעדיקע, ברוינע אויגן, (אָט די זעלביקע וואָס האָט געהאַלטן דעם הויכן אַלטן מאַן אָנגעשפּאַרט אויף אירע אַקסלען) האָט ליפּען אַזוי שטאַרק אָנגעקוקט, גלייך אין די אויגן אַריין, און ביים פאָרשטעלן זיך מיטן נאָמען, אַנאַ־מאַריאַ וואַלדעז, האָט זי שטיל אַרויסגעמורמלט, מיט אַזאַ האַלב־איראָנישן טאָן:

— איך מיין, אַז איר וואָלט סיי ווי מיט אונדז נישט געווען מיטגעגאַנגען צו „מיסאַ״.

— פאַרוואָס מיינט איר אַזוי, פרײַלין? האָט ליפּע געפרעגט, כלומרשט מיט פאַרוווּנדערונג.

—— איר פאָרט דאָך נאָכנישט אַוועק פון דאַנען — איז געקומען איר ענטפער צוזאַמען מיט א שמייכל — מיר וועלן נאָך רעדן, אויב אייך וועט זיין אָנגענעם.

— אָך — האָט זיך ליפּע צעפלאַמט — עס וועט זיין פאַר מיר א כבוד און א פאַרגעניגן.

דער עולם איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען, יעדער איינער צו זיך אין צימער. און אַנאַ מאַריאַ, וואָס איז געבליבן אַביסל הינטערשטעליק, ווייל זי האָט געפירט דעם אַלטן זייער לאַנזאַם, האָט עטלעכע מאָל זיך אומגעקוקט צו ליפּען, פריינדלעך צו אים געשמייכלט, ביז זי איז מיטן אַלטן אַריין צו זיך אין צימער.

ליפּע איז געבליבן שטיין ווי צוגעשמידט צום פּלאַץ. ער האָט א פאַרגאַפטער נאָכגעקוקט און דורכגענומען אַנאַ־מאַריאַס גאַנצן געשטעל, אפילו נאָכדעם ווי זי איז שוין געהאַט פאַרשוווּנדן הינטער דער טיר פון צימער האָט ליפּע נאָך אַלץ זי געזען און באַוווּנדערט:

— טאקע ווי אין „שיר השירים" שטייט: — „ווי אַ רויז צווי־שן דערנער". גיי טרעף אַז אין אַזאַ וויסטן מדבר וועל איך אָנטרעפן אַזאַ פּרעכטיקע בלום. סאַראַ געטאָקטע פיגור זי האָט! סאַראַ רייַ־צנדיקע פרישקייט! ס'הויכט פון איר אַראָפּ ווי פון אַ צייטיקן עפּל נאָך אויפן בוים! סאַראַ חיינעוודיקע צאַרטקייט עס צעלייגט זיך אויף איר פּנים ווען זי גיט אַ שמייכל! און ווייזט אויס אַז די בחור־טע איז שוין גאָר קיין נאַר נישט. אָבער פון וואַנען האָט זי געקענט דערקענען איר מיר, אַז איך וואָלט סיי ווי נישט געווען געגאַנגען צו מיסאַ...?

⁂

פּאַרנאַכט צו, אינדרויסן האָט שוין אָנגעהויבן צו טונקלען און ליפּע ראָלניק איז נאָך אַלץ אַרומגעגאַנגען ווי אַ שיף מיט זוויער־מילך זאָל אים האָבן אונטערגעגאַנגען.

— איינמאָל זיך באַוויזן די גאָלדענע פּאַווע, אָט אָט כמעט זי שוין געהאַט אין האַנט און — אַוועקגעפלויגן.

:: :: ::

מיט פיבערדיקן אומגעדולד האָט ליפּע געוואַרט צומאָרגנס פון אינדערפרי אָן, אויף אַ געלעגנהייט ווידער צו באַגעגענען זיך מיט אַנאַ־מאַריאַן.

האָט ער געהאָפט אַז ביי מיטאָג, ווען אַלע קומען זיך צוזאַמען ביי דער דאָניא כאַוויטאַ אין „רעסטאָראַן" אַזוי צו זאָגן, וועט ער דאָרטן זיכער זיך טרעפן מיט אַנאַ־מאַריאַן. אפילו ווען ער זאָל נישט האָבן די געלעגנהייט צו רעדן מיט איר, וועט ער ווייניקסטנס זעטיקן די אויגן זיינע מיט קוקן אויף איר. אָבער זי איז אַהין נישט געקומען, נישט זי און נישט דער אַלטער, מיט וועמען זי איז געווען צוזאַמען.

אויף דער טיר פון זייער צימער איז געהאָנגען אַ שלעסל — אַ באַווייז אַז קיינער איז דאָרטן נישטאָ.

עס האָט אויך קיינער נישט געוווסט צו זאָגן ווהין זיי זענען אוועק.

די זון האָט שוין געהאַט גענידערט הינטער די בערג און ליפּע שטייט אַזוי מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ, די אויגן אָנגעווענדט צו אַ שפּיץ באַרג, ווי ער זאָל, אין זיין פאַרלעגנהייט, זאָגן אין געדאַנק

דאָס געבעט פון קאַפּיטל תהילים קכ"א:

— „אשא עיני אל ההרים — מאין יבא עזרי (איך הויב אויף מיינע אויגן צו די בערג — פון וואַנען קען קומען מיין הילף).

און ווי ער שטייט אַזוי פאַרטראַכט דערפילט ער אַ לייכטן ריר ביים אָרבל און באַלד — אַ קלינגענדיק שטימעלע:

— וואָס שטייט איר אַזוי פאַרטראַכט, הער ראָלניק, נאָך וועמען בענקט איר עס אַזוי שטאַרק?

— טאַקע נאָך אָט דעם זיסן מלאך, וואָס שטייט נעבן מיר און וועמען כ'האָב אַ גאַנצן טאָג אַזוי פאַרבענקט אַרומגעזוכט.

— אָ, הער ראָלניק, איר קענט נאָך אַלץ אייערע חניפה־ריידע־לעך, ווי אַמאָל.

— וואָס, פריילין וואַלדעז, — האָט ליפּע געפרעגט מיט אַ ציטער אין קול — וואָס, איר קענט מיך דען פון פריער?!

אַנאַ־מאַריאַ האָט שעמעוודיק און נאַיוו־חיינעוודיק זיך צע־שמייכלט, דערביי האָט זי אָנגעקוקט ליפּען גלייך אין די אויגן אַריין און געשוויגן.

דער דאָזיקער קורצער מאָמענט האָט ליפּען אַריינגעבראַכט אין צעטומלונג. אויף קיין פאַל האָט ער זיך נישט געקענט דערמאָנען, וווּ ער זאָל ערגעץ אַמאָל זי שוין האָבן געזען.

נאָך אַ ווײַלע שווייגן האָט אַנאַ־מאַריאַ זיך אָנגערופן:

— איר, הער ראָלניק, גלייב איך, געדענקט מיך שוין נישט, אָבער איך געדענק אייך נאָך זייער גוט. איר האָט זיך אַבסאָלוט גאָר נישט געענדערט.

און זי האָט באַלד צוגעגעבן:

— איך זע דאָך, אַז איר קענט זיך נישט דערמאָנען ווו איך פלעג אייך אָפט טרעפן, וועל איך אייך אַרויסהעלפן: אין קערע־טאַראָ, — ביי מיין פעטער אין הויז, ביי סילווערמאַן, ווו איר פלעגט מיט אַ צען יאָר צוריק, אָדער אפשר שוין מער, ווען איך בין נאָך אַ קליין מיידעלע געווען, אַזוי אָפט קומען. דאַכט מיר, איר זענט געווען מיין פעטערס אַ חבר, צי אַ קרוב.

— אוי — האָט ליפּע געגעבן אַ פּאַטש איין האַנט אין דער צווייטער און אויסגעשריגן מיט עקסטאַז — ביסטו דאָס יענע קליינע

מאריקיטא (ער איז באַלד אריבער אויף „דו"), ווען איך פלעג אָפט אויסקושן יעדעס אבר.

— ניין, ניין ס'איז נישט אמת — האָט אַנאַ־מאַריאַ לאַכנדיק פּראָטעסטירט — ניין, ס'איז נישט אמת. איר האָט מיך שטענדיק געוואָלט קושן, אָבער איך האָב זיך נישט געלאָזט.

ליפּע האָט אויסגעשטרעקט בײדע הענט און אויסגערופן:

— אויב אַזוי, וועל איך דיך איצט ארומנעמען און געבן אַ קוש. היינט ביסטו דאָך שוין אַ גרויסע, וועסטו דאָך זיך לאָזן. אמת, מאַרי־קיטאַ?

אַנאַ־מאַריאַ האָט מיט בײדע הענט אירע זיך געשיצט פון לאָזן זיך ארומנעמען:

— ניין, ניין. נישט איצט און נישט דאָ. מאָרגן, באַלד אינדער־פרי, אויב איר וועט וועלן כאַפּן אַ שפּאַציר צווישן די בערג וועלן מיר שוין דאָרטן אַלץ רעדן. איצט מוז איך שוין גיין זען מיין זיידן, מיט וועמען איך בין אַהער געקומען. אויף ווידערזען!

און אַנאַ־מאַריאַ איז אַוועק.

נאָך איר אַוועקגיין איז ווידער ליפּע געבליבן ווי געפּלעפּט:

— ווידער זיך באַוויזן די גאָלדענע פּאַווע, אָט אָט כמעט זי שוין געהאַט אין האַנט, און — אַוועקגעפלויגן.

*
**

נאָרוואָס איז די זון אַפּערגעקראָכן פון הינטער די בערג. דער טאָג האָט זיך נאָרוואָס ארויסגעהויבן איבער די רעשטלעך פון דער נאַכט. ערשט אין דער שטילקייט און פרישקייט פון פרימאָרגן האָט אין ליפּעס אויגן אַנאַ־מאַריאַ אויסגעזען פּרעכטיקער, צאַרטער און רייצנדיקער. ערשט איצט האָט ליפּע באַמערקט דעם צויבער וואָס ליגט אין די צוויי חן־גריבלעך, וועלכע פאָרמירן זיך אין אירע פולע באַקן, ווען זי ברענגט ארויס איר אַזוי זיסן שמייכל. ערשט איצט האָט ער זיך גוט איינגעקוקט אין דער ליכטיקייט פון אירע גרויסע, ברוינע אויגן, פון וועלכע עס האָט געשלאָגן מיט וואַרעמקייט און מיט הימ־לישער גוטסקייט, און אַ נערוועישער ציטער האָט אים דורכגענומ־מען ביים אַריינגעמען איר האַנט אין זיינער צו דער „גוטמאָרגן"־באַגריסונג.

אין דער זעלביקער צייט אָבער, איז אים געוואָרן שטארק אויפ־פּאַלנדיק, און אויך דערווידער, דער „צלם" אירער, וואָס זי האָט איצט געטראָגן אויפן האַלדז.

— זאָל דאָס וועלן זיין א שמירה אזא — האָט ער געטראַכט — וואָס דאַרף זי אָפּהיטן פון שלעכטס ביים שפּאַצירן מיט א מאַן אליין צווישן די בערג? אָדער אפשר האָט זי געהאַט אַן אנדער כוונה דערביי...

און איידער ליפּע האָט נאָך רעכט צייט געהאַט צו טראַכטן, זיך צו עפּעס דערטראַכטן און איר וואָס זאָגן, האָט זי שוין אָנגע־הויבן צו רעדן:

— ווייסט איר, הער ראַלניק, צו וואָס איך האָב אייך אַרויס־גערופן צום איצטיקן שפּאַציר? איך וויל זיך מיט אייך האַלטן אַן עצה. איך שטיי אין א פּאַרצווייפלטער לאַגע און איך קען זיך אליין קיין עצה נישט געבן. באַלד ווי איך האָב אייך נעכטן דאָ דערזען, איז מיר געקומען אויפן געדאַנק, אַז איר זענט דער איינציקער וואָס קען מיר געבן א ריכטיקע עצה אין דעם פאַל.

— וואָס וועל איך קריגן דערפאַר — האָט ליפּע געפרעגט שפּאַ־סיק און מיט אַן אָנגעצונדענער גיריקייט אין זיינע שווארצע אויגן — אז איך וועל דיר געבן א ריכטיקע עצה?

— קריגט איר פון מיר א קוש.

— דו, מאַריקיטאַ, האָסט מיר שוין געגעבן די ריכטיקע עצה און דערפאַר —

און איידער אַנאַ־מאַריאַ האָט נאָך צייט געהאַט צו טראַכטן פון ווערן זיך האָט שוין ליפּע געהאַלטן זי אַרומגענומען און אָפּגעפּרעסט איר א פלאַמיקן קוש אין אויסגעלאַטירטן אַקסל אירן.

זי האָט אים כלומרשט אָפּגעשטופּט פון זיך:

— גייט שוין, גייט. איך רעד צו אייך ערנסט. איך וויל זיך מיט אייך בעראַטן ווי מיט א פריינד, וואָס קען מיך פון קינדוווייז אָן, און איר — אַלץ מיט אייערע נאַרישקייטן.

ליפּע האָט זיך כלומרשט אַנטשולדיקט:

— נו. שוין, זיי מיר מוחל, מאַריקיטאַ; פאַר מיר קענסטו זיך אָפּרעדן פון הארצן, ווי פאַר אַן אמתן, אויפריכטיקן פריינד און

אַלס אַזעלכער וועל איך דיר ראַטן וואָס צו טאָן, ווי אַן אייגענער שוועסטער.

— די זאַך איז אַזוי — האָט אַנאַ מאַריאַ אָנגעהויבן אויף אַן אמת מיט אַן ערנסטן טאָן, וועלכער האָט אָנגעשטעקט אויך ליפּן — איר געדענקט דאָך נאָך אוודאי גאַנץ גוט, אַז די מומע מיינע, אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל זי האָבן, האָט —

ליפּע האָט איר איבערגעשלאָגן אינמיטן רעדן:

— וואָס? די מומע לעבט שוין נישט?! אָט די שיינע סוסאַנאַ, מיט דער קריסטאַל־ריינער נשמה, זי לעבט שוין נישט מער?!

אַנאַ מאַריאַ האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ:

— ניין, זי לעבט שוין נישט מער אויף דער זינדיקער וועלט.

אַ ווײַלע זענען זיי ביידע, ליפּע און אַנאַ־מאַריאַ, געגאַנגען שטילשווייגנדיק. יעדערער פאַרטאָן אין זיינע אייגענע אומעטיקע געדאַנקען און דערינערונגען וועגן דער פאַרשטאָרבענער סוסאַנאַ.

אַרום און אַרום האָט געוואונקען און געלאָכט אַ העלער און לוסטיקער פרימאָרגן און מיט אַ חוזק־שמייכל האָט ער דורכגענומען און באַטראַכט אָט די צוויי יונגע לעבנסדורשטיקע מענטשן וואָס פאַטערן אַזאַ גילדענעם מאָמענט, אַליין צווישן בערג, אין אַזאַ זוניקער דערוואַכונג — אויף טויטן־זכרונות גאָר.

די ערשטע האָט איבערגעריסן די שטילקייט אַנאַ מאַריאַ:

— הערט זשע מיך אויס ווייטער, הער ראַלניק, איר פלעגט דאָך אָפט אַריינקומען צו זיי, ווייסט איר גאַנץ גוט, אַז דער פעטער מיט דער מומען האָבן זיך זייער און זייער ליב געהאַט, אָבער דאָך איז זייער לעבן געווען אַ טראַגיש.

— יאָ, איך געדענק עס זייער גוט.

— איך בעט אייך שלאָגט מיר נישט איבער, לאָזט מיר פריער אויסרעדן. די מומע איז געווען, ווי מיר אַלע, ס'הייסט — אונדזער גאַנצע פאַמיליע, אַ פרומע קאַטאָליקין און דער פעטער איז געווען, כ'מיין צו זאָגן איז — אַ ייד. דאָס האָט געבראַכט צו שטערונגען אין זייער גליק פון פאַמיליע־לעבן. דער פעטער האָט נישט געלאָזט, אַז די מומע זאָל גיין אין דער הייליקער קירכע אַריין און די מומע האָט דערפון שטאַרק געליטן און די גאַנצע פאַמיליע אונדזערע האָט

דערפון געליטן. דאָס האָט אויך געפירט צו דעם, אז די גאַנצע פאַמיליע זאָל זיך דערווייטערן פון דער מומען, כאָטש אַלע האָבן זי זייער ליב געהאַט. יאָרן לאַנג האָט די מומע קיין קינדער נישט געהאַט. ערשט שפּעטער, אַ סך יאָרן נאָך דער חתונה, האָט זי געבוירן אַ קינד, ביים געבורט איז די מומע געשטאָרבן, זאָלן איר די הימלען ליכטיק זיין.

אַנאַ מאַריאַ האָט אויסגעווישט די טרערן וואָס האָבן זיך איר געשטעלט אין די אויגן און האָט ווייטער גערעדט:

— איצט שטיי איך פּונקט אַקוראַט, פאַר אַזאַ פאַל און איך ווייס נישט וואָס צו טאָן.

ליפּע האָט זי אַרומגענומען ביי דער טאַליע, זי צוגעדריקט צו זיך און אַנאַ־מאַריאַ, נישט נאָר וואָס זי האָט זיך נישט געוועהרט, נאָר זי איז גאָר געווען צופרידן צו טוליען זיך צו וועמען. זי האָט אין יענעם מאָמענט געוואָלט זיין נאָענט, גאָר נאָענט צו איינעם מיט וועמען זי זאָל קענען זיין אָפנהאַרציק, פאַר וועמען זי זאָל קענען פריי זיך אַראָפּרעדן דאָס וואָס דריקט איר אויפן האַרצן און יענער זאָל איר אויפמערקזאַם אויסהערן, איר מיטפילן און ריכטיק ראַטן וואָס צו טאָן.

ליפּע האָט זי גענומען קושן נאָכאַנאַנד ווו ס'האָט זיך געלאָזט: אין די פולע באַקן אירע, אין די האַלב פאַרטרערטע אויגן, אין די זאַפטיקע ליפּן אירע, אין נאַקעטן אַקסל אירן און אַנאַ־מאַריאַ האָט זיך געפילט גליקלעך צופרידן וואָס ליפּע ווייזט איר אַרויס אַזויפיל צערטלעכקייט און צוגעלאָזנקייט.

ביידע — מידע שוין פון גיין — האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ ברייטן שטיין און אַנאַ־מאַריאַ, אַן אויפגעהייטערטע, האָט אָנגעהויבן דערציילן איר געשיכטע:

אין שולע נאָך אין „פּרימאַריאַ", איז זי אַנאַ־מאַריאַ געגאַנגען אין איין קלאַס מיט האַרין. אַזוי פון ערשטן קלאַס אָן ביזן זעקסטן.

די גאַנצע זעקס יאָר האָבן זיי זיך געהאַלטן צוזאַמען. צוזאַמען האָבן זיי געמאַכט די לעקציעס, צוזאַמען האָבן זיי זיך געשפּילט, און צוזאַמען האָבן זיי געצייכנט, צו וועלכן ביידע האָבן אַרויסגעוויזן שטאַרקע נייגונגען.

זי, אַנאַ מאַריאַ, פּלעגט אָפט אַריינקומען צו האַרים עלטערן אין הויז און זיי פּלעגן איר זייער מקרב זיין און האָבן אָפן אַרויס־געוויזן צופרידנקייט, וואָס האַרי חברט זיך מיט איר.

האַרים עלטערן זענען דאַמאָלסט געווען זייער רייך, זיי האָבן געהאַט אַ סוועטער־פאַבריק.

אירע עלטערן ווידער, כאָטש זיי זענען געווען נישט אַזוי צו־פרידן וואָס זי חברט זיך מיט האַרין, זיי האָבן עס איר נישט איינמאָל געזאָגט, פונדעסטוועגן האָבן זיי איר נישט געשטערט. פאַרקערט — ווען האַרי פלעגט אַמאָל קומען צו אירע עלטערן אין הויז האָבן זיי אים זייער פיין אויפגענומען.

אַז זיי האָבן געענדיקט די „פּרימאַריאַ" האָבן האַרים עלטערן געמאַכט אַ יום־טוב, צו וועלכן עס זענען אויך פאַרבעטן געוואָרן אַנאַ מאַריאַס עלטערן און געהייסן האָט עס, אַז דער יום־טוב ווערט געמאַכט פאַרביידן, פאַר האַרין און אַנאַ מאַריאַן. און ביידנס על־טערן זענען דערפון זייער צופרידן געווען.

נאָך דער „פּרימאַריאַ" זענען זיי, האַרי און אַנאַ מאַריאַ, זיך פונאַנדערגעגאַנגען. האַרי איז אַוועק לערנען אין „סעקונדאַריאַ" און זי, אַנאַ מאַריאַ — אין אַ האַנדלס שולע, אָבער פונאַנדערגעגאַנ־גען זענען זיי זיך נאָר אין די שולעס. אויסער די שולעס האָט זייער קענג־זייטיקע חברשאַפט אָנגעהאַלטן פונקט ווי פריער. צוזאַמען פּלעגן זיי זיך אַרויסהעלפן ביי מאַכן די לעקציעס, צוזאַמען האָבן זיי זיך געשפּילט, אַנאַ מאַריאַ פלעגט אָפט, ווי פריער, קומען צו האַרין אין הויז און טיילמאָל — האַרי צו אַנאַ מאַריאַן אין הויז.

איינמאָל אין אַ זומער — ס'איז געווען שוין דאָס לעצטע יאָר וואָס האַרי איז געגאַנגען אין „סעקונדאַריע" און אַנאַ־מאַריאַ — אין האַנדלס־שולע — איז האַרים מוטער מיט האַרין און די אַנדערע קינדער אירע (האַרי איז ביי זיי דער עלטסטער) אַרויסגעפאָרן אין אַ דאָרף צו פאַרברענגען דאָרטן די מאַי־וואַקאַציעס.

האָט האַרים מוטער — מיט דער דערלויבעניש פון אַנאַ מאַ־ריאַס עלטערן, וואָס איז, אגב, נישט אַזוי לייכט אָנגעקומען — מיט־גענומען אַנאַ מאַריאַן אויך אַהין.

דער זומער איז געווען אַ הייסער און דאָס דאָרף אַזאַ שיינס,

ביי אַ געדיכטן וואַלד, מיט אַ קלאָר, קיל טייכל און גרינע לאָנקעס, דורכגעשפּריצט מיט פאַרשידנפאַרביקע פעלד־בלומען.

דאָרטן, איינמאָל אין אַ פאַרנאַכט, האַרי מיט אַנאַ מאַריאַן זע־נען נאַרוואָס אַרוים פון באָדן זיך אין טייכל און אַזוי, האַלב־נאַקע־טע, נאָר אין די באָד־קאָסטיומען, אויף דער גרינער לאָנקע, פעסט איינגעקלאַמערט איינער אין צווייטן — האָבן ביי ביידן נאָר אָנ־דערש אָנגעהויבן קלאַפּן די הערצער; זודיקער און אימפּעטיקער האָט ביי ביידן גענומען לויפן דאָס יונג־בלוט, פון די פיס אין קאָפּ אַריין און צוריק. און אַ נײַ, גאָר אַ נײַ, געפיל האָט ביי ביידן, איינ־ציימיק, דערוואַכט. אַ געפיל וואָס איז געווען אַ געמיש פון פאַרשי־כורטער קאָפּ־שווינדלערישער זיסקייט, צוזאַמען מיט עפּעס אַן אומ־באַקאַנטן און אומהיימלעכן פּחד.

דער אָוונט איז מיטאַמאָל צוגעפאַלן. אַ שיינער אָוונט איז ער געווען. אַ ליכטיקער און אַ ברייטער. ביידע, אַנאַ מאַריאַ און האַרי, האָבן דאָס ערשטע מאָל אין זייער לעבן דערזען ווי שיין דער טיף בלויער און אויסגעשטערנטער הימל הענגט איבער דער וועלט. און ביידע האָבן, ווי גאָר נײַ געבוירענע, דאָס ערשטע מאָל דערפילט ווי שיין, ווי אָנגענעם, ווי צאַרט, ווי ליב און זיס גאָטס וועלט איז.

אין עטלעכע טעג אַרום, נאָך יענעם אָוונט, האָבן די איינוווי־נער פון דאָרף איינגעאָרדנט אַ טאַנץ־אָוונט.

אַ גאַנצן אָוונט האָבן זיי, אַנאַ מאַריאַ מיט האַרין, געטאַנצט צוזאַמען און מיט יעדן טאַנץ האָבן זיי דערפילט, אַלץ מער, ווי עס פאַלט פון זיי מיטאַמאָל אַראָפּ די קינדהייט און זי ווערט ערגעץ פאַר־לוירן אין דער אייביקייט און אויף דעם פּלאַץ וואַקסט אויף אין ביידן אַ צעבליטע יוגנט־דייפקייט.

צוריק אין שטאָט אַריין זענען זיי, אַנאַ מאַריאַ מיט האַרין, שוין אָנגעקומען ווי פאַרליבטע, אַפילו מיט אַ שבועה, אַז אויף איי־ביק געהערן זיי איינער דעם צווייטן, אויף לעבן און אויף טויט.

⁂

די גאַנצע צייט וואָס אַנאַ־מאַריאַ האָט גערעדט צו ליפּן, מיטן ציל צו געפינען ביי אים אַן עצה אין איר פאַרצווייפלונג, זענען לי־

פעם הענט שטאַרק באַשעפּטיקט געווען. זיי האָבן אַרומגעבלאָנדזשעט איבער טיילן פון אַנאַ־מאַריאַס קערפּער און האָבן אויך געזוכט „אַן עצה".

ליפּע, אַ צעצונדענער, איז מיט אַלע זיינע צעפּיבערטע חושים אַזוי אַריינגעטאָן געווען אין זיין באַשעפטיקונג, אַז צו זיינע אויערן האָט זיך אַפילו נישט צוגעקלעפּט קיין איין וואָרט פון דעם אַלעם וואָס אַנאַ מאַריאַ האָט אין אים אַריינגערעדט.

ערשט ווען זי איז אַנטשוויגן געוואָרן, האָט ליפּע זיך געכאַפּט, אַז אַנאַ מאַריאַ האָט צו אים גערעדט, און כדי צו ווייזן, אַז ער האָט די גאַנצע צייט איר אויסגעהערט האָט ער אַ פרעג געטאָן:

— נו, און וואָס ווייטער?

קודם האָט זי אָפּגעשטופּט זיינע הענט, האָט אים פאַרדראָסיק שאַרף אַריינגעקוקט אין די אויגן און מיט פאַרוואורף אַ זאָג געגעבן:

— איך רעד צו אייך ווי צו אַ פריינד. איך וויל זיך מיט אייך באַ־ראַטן און איר האָט אין זינען נאָר „אייערס". איר האָט אַפילו ניט גע־הערט וואָס כ'האָב גערעדט צו אייך.

ליפּע האָט זיך כלומרשט באַליידיקט פון איר פאַרוואורף:

— וואָס רעדסטו, מאַריקיטאַ טייערע, וואָס הייסט כ'האָב דיר נישט געהערט! כ'קען דיר אַפילו איבערזאָגן וואָרט און וואָרט וואָס דו האָסט דערציילט און עס אינטערעסירט מיר זייער צו וויסן, וואָס עס איז ווייטער געשען.

אַנאַ מאַריאַ האָט אַ שמייכל געטאָן, האָט אַריינגענומען זיין האַנט אין אירע ביידע הענט, ווי זי זאָל דערמיט וועלן אים איבער־בעטן פאַר דער באַליידיקונג, און זי האָט ווייטער גענומען דערציילן:

— עטלעכע חדשים בין איך געווען די גליקלעכסטע אין דער וועלט. דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן — אַזוי גליקלעך. מיר האָבן ביידע, איך און האַרי, געענדיקט אונדזערע שולעס. האַרי האָט געענדיקט די „סעקונדאַריע" און איך — די האַנדלס שולע. ווידער האָבן האַריס עלטערן געמאַכט צוליב דעם אַ גרויסן יום־טוב, צו וועלכן מיינע עלטערן זענען פאַרבעטן געוואָרן. און ווידער האָט עס געהייסן, אַז דער יום־טוב ווערט איינגעאָרדנט צוליב אונדז ביידן. אויפן יום־טוב האָט האַריס טאַ־טע דערקלערט, אַז ווי איך וועל זיך נאָר אָפּרוען אַ פּאָר וואָכן באַקום

איך אַ פּאָסטן ביי אים, אין זיין פאַבריק. דערביי האָט ער מיר גע־געבן אַ מתנה — אַ האַנט־זייגערל. מיין פרייד אויף יענעם יום־טוב, איז געווען אַריבער אַלע גרענעצן. קיין מענטש קען זיך עס גאָר־נישט פאָרשטעלן. נאָר פּלוצלונג...

— וואָס איז געשען? — האָט ליפּע געפרעגט, מיט אַן אמת שווין פאַראינטערעסירט, ווען אַנאַ מאַריאַ האָט מיטאַמאָל זיך אָפּ געשטעלט אינמיטן רעדן — וואָס איז געשען? דערציילט, מאַריקיטאַ.

— איך ווייס נישט פאַרוואָס און פאַר ווען, איינמאָל, איך בין אַריינגעקומען צו האַרים עלטערן אין הויז, ווי שטענדיק און ווי איך בין געווען געוווינט, האָט קיינער צו מיר נישט געוואָלט אַרויסרעדן קיין וואָרט, אויף אַלץ וואָס איך האָב געפרעגט האָט מיר קיינער נים געענטפערט. עס האָט אויסגעזען, ווי אַלע דאַרטן אין שטוב זענען ברוגז מיט מיר. איך בין דאַמאָלסט אַוועק פון זייער שטוב שטאַרק אַ באַליידיקטע און דערשלאָגענע. איך האָב דעמאָלסט געמיינט, אַז די וועלט גייט מיר אונטער. דערנאָך האָט מיך האַרי געטראָפן. מיט בימערע טרערן האָט ער פאַר מיר זיך צעוויינט און מיר דערציילט, אַז זיינע עלטערן ווילן נישט אַז איך זאָל קומען מער צו זיי אין הויז.

דאָ האָט אַנאַ מאַריאַ זיך צעכליפּעט, אַז ליפּע האָט זי קוים געקענט באַרואיקן און שלוכצנדיק האָט זי קוים אַרויסגערעדט:

— זיי ווילן נישט, האָט מיר דאַמאָלסט האַרי געזאָגט, אַז זייער זון זאָל זיך חברן מיט מיר, ווייל איך בין אַ גויע.

אַנאַ מאַריאַ איז געבליבן זיצן פאַרטראַכט. דערנאָך, שוין אַ באַרואיקטע, האָט זי מיטאַמאָל אַ פרעג געטאָן ליפּן:

— זאָגט מיר, הער ראַלניק, וואָס איז אַזעלכעס אַ גויע?

— אַ גויע הייסט אַזעלכע וואָס איז נישט קיין יידישע.

— ה־ו־מ־ם, אַזוי, איצט פאַרשטיי איך שוין!

— וואָס פאַרשטייסטו, מאַריקיטאַ?

— גאָרנישט, איך פאַרשטיי שוין! דערנאָך האָט מיר מיין טאַטע אויך שטרענג פאַרזאָגט, אַז איך זאָל נישט וואַגן מער צו חברן זיך מיט דעם יידליק, האַרין. „איטלעכער דאַרף זיך גיין צו זיינס”, האָט

מיין טאַטע נעשריגן, געליאַרעמט און מיט כעס געקלאַפּט אין טיש: „געווג האָט דיין מומע סוסאַנאַ, אונדז פאַרשוואַרצט דאָס פּנים אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט, ווילסטו אויך אונדז פאַר־שוואַרצן דאָס פּנים! ניין, נישט ביי מיין לעבן! אָדער עס וועט זיין מיין טויט, אָדער דיין טויט!”

נאָך אַ ווײַלע שווייגן האָט אַנאַ מאַריאַ פּלוצלינג אַ פרעג גע־געבן ליפּען:

— זאָגט מיר, הער ראָלניק, פאַרוואָס זענען מענטשן צעטיילט אויף קאַטאָליקן און יידן? פאַרוואָס זאָלן נישט אַלע מענטשן זיין גלייך — אַלע קאַטאָליקן?

ליפּע האָט זי אַרומגענומען, אָפּגעפּרעסט איר אַ הייסן קוש:

— איך ווייס נישט, מאַריקיטאַ טייערע, גלויב מיר, קינד, איך ווייס אַליין נישט. אָבער, דערציילט מיר, וואָס איז ווייטער געשען?

— פונדעסטוועגן, נישט געקוקט אויף די שטערונגען מצד האַ־רים עלטערן און מצד מיינע עלטערן, פלעגן מיר זיך, געהיימערהייט, אָפּט באַגעגענען און אונדזער ליבע איז נאָך געוואָרן שטאַרקער ווי פריער און מיר האָבן זיך ביידע צוגעשווירן, אַז נאָר דער טויט קען אונדז פונאַנדערשיידן. ביז איינמאָל, אין איין שיינעם טאָג, האָט האַ־רים פאָטער פאַרקויפט זיין סוועטער־פאַבריק אין קערעטאַראָ און די גאַנצע פאַמיליע זייערע האָט זיך איבערגעצויגן קיין מעקסיקע.

אַנאַ מאַריאַ האָט זיך פאַרטראַכט אַ ווייל און דערנאָך האָט זי אויסגעשריגן, מיט אַ באַזונדערן נצחון־פלאַם אין אירע אויגן:

— אָבער גאָט האָט אים געשטראָפט דערפאַר!

— וואָס מיינסטו דערמיט צו זאָגן, מאַריקיטאַ? — האָט ליפּע איר נעפרעגט מיט פאַרוואונדערונג — מיט וואָס האָט אים גאָט געשטראָפט?

— האַרים פאָטער האָט דאָרטן, אין מעקסיקע, זיך פאַרפּלאָנ־טערט אין נייע געשעפטן און ער האָט דאָרטן פאַרלוירן זיין גאַנץ פאַרמעגן. און איצט, שוין עטלעכע יאָר, ווי ער אַרבעט אַלס אָנגע־שטעלטער ביי אַ צווייטן. אַ מצווה אויף אים! עס איז מיר נאָר אַ רחמנות אויף מיין האַרין, וואָס ער דאַרף נעבעך אַרבעטן אַזוי שווער.

— וואָס טוט ער דען „דיין" האַרי? — האָט ליפּע געפרעגט, באַטאָנענדיק מיט איראָניע דאָס וואָרט „דיין".

— ער אַרבעט אַלס אויפזעער אין אַ זאָקן־פאַבריק, ביי זיין טאַטנס אַ „פּייסאַנאָ" און ער שרייבט מיר, אַז ער אַרבעט זייער שווער.

— זאָג מיר, מאַריקיטאַ, אין דער גאַנצער צייט וואָס „דיין" האַרי וווינט נישט אין קערעטאַראָ — האָט ליפּע געפרעגט, מיט אַ באַזונדערן מיין, ווי ער זאָל געוועזן צילן צו עפּעס — האָסטו זיך מיט אים וועגן באַגעגנט?

— יאָ, מיר טרעפן זיך. שטענדיק ווען ער האָט נאָר אַ פרייע צייט קומט ער צו מיר אין קערעטאַראָ.

— און וואָס זאָגט דיין בייזער טאַטע צו דעם?

— מיין טאַטע ווייסט נישט פון דעם, און באַזונדערס, איז שוין באַלד אַ יאָר ווי מיין טאַטע ליגט קראַנק צו בעט און ער ווערט ערגער פון טאָג צו טאָג.

ליפּע האָט געהערט אין אַנאַ מאַריאַס נישט דערזאָגטע ווערטער און אין טאָן פון איר רעדן וועגן טאַטנס קראַנק זיין, אַן אָפּקלאַנג פון אַ נקמה־געפיל, ווי אַ שטיינער זי זאָל געוועזן זאָגן: „גאָט האָט אים געשטראָפט פאַר מיין צער", און גאָר אומגעריכט האָט ליפּע איר אַ פרעג געגעבן:

— זאָג מיר דעם אמת, מאַריקיטאַ טייערע, אָבער דעם ריינעם אמת, האָסטו געהאַט מיט דיין האַרין אינטימע באַציונגען?

אַנאַ מאַריאַ האָט פאַרשנדיק אָנגעקוקט ליפּען, ווי זי זאָל וועלן פון זיין פּנים אַראָפּלייענען, צי דאַרף זי זיך אין אים אָנפאַרטרויען, צי נישט. דערנאָך האָט זי ווי פאַרשעמט, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און שטיל געענטפערט:

— יאָ.

— אַ־ז־ו־י !

— העער ראָלניק, וואָס מיינט איר דערמיט צו זאָגן?

— גאָרנישט, סתם אזוי.

און ער האָט באַלד צוגעגעבן:

— וואָס זשע, מאַריקיטאַ, דענקסטו איצט צו טאָן?

— האָט דאָס קום איך דאָך פרעגן ביי אייך אַן עצה, ווייל איך קען זיך אַליין קיין עצה נישט געבן. איך ווייס אַלע שוועריקייטן, מיט אַלע פּיינען און צרות, וואָס מיר שטייט פאָר פון אַלע זייטן, אויב איך וועל חתונה האָבן מיט האַרין. איך געדענק נאָך זייער גוט וואָס די מומע סוסאַנאַ האָט דורכגעלעבט, און דאָס איז נאָר געווען — פון איין זייט. איך וועל דאָס דאַרפן אויסשטיין פון ביידע זייטן: אי פון מיין זייט און אי פון האַרים זייט, אָבער מיר האָבן זיך דאָך קעגנזייטיק אַזוי שטאַרק ליב. מיר זענען דאָך פון קינדוויַיז אָן אַזוי צוגעוווינט איינער צום צווייטן. פון פּיצל־וויַיז אָן האָבן מיר זיך דאָך איינער דעם אַנדערן אַזוי אויפריכטיק און האַרציק ליב. און איך פיל, אַז אונדזער ביידנס גליק ליגט נאָר אין אונדזער באַנאַנדערדיקן צוזאַמענלעבן.

— ווילסט מיר פאָלגן, מאַריקיטאַ, וואָס איך וועל דיר ראָטן?

— יאָ, איך וועל אייך פאָלגן. דערפאַר האָב איך דאָך אין אייך זיך פאַרטרויעט ווי אין אַן אייגענעם ברודער און איך פרעג ביי אייך אַן עצה.

— פאָלג זשע מיר, מאַריקיטאַ, וואַרט נאָך צו אַ שטיקל צייט.

— איך האָב אָבער מורא צו וואַרטן. וואָרן איך ווייס, אַז דאַרמן, אין מעקסיקע, רעדט מען האַרין רייכע שידוכים, מיט אַ סך געלט, פון צווישן זיין טאַטנס „פּייסאַנאָס", האָב איך מורא, אַז ער וועט נישט קענען ביישטיין דעם נסיון פון געלט און ער וועט דאָרטן חתונה האָבן מיט אַ צווייטער.

— נו, וועט דאָס זיין אַ באַוויַיז, אַז ער האָט דיך נישט ליב.

— אָבער איך האָב דאָך אים ליב.

— זאָלסטו וויסן, מאַריקיטאַ טייערע, — האָט ליפּע שוין גערעדט מיט אַ טאָן, ווי אַ לערער צו אַ שילערין — זאָלסט שטענדיק בעסער אויסוויילן דעם וואָס האָט דיך ליב, איידער דעם וועמען דו האָסט ליב.

— און ווער האָט דען מיך ליב?

אַנשטאָט אַן ענטפער האָט ליפּע אַריינגענומען אַנאַ מאַריאַן אין זיינע אָרעמס, שטאַרק זי צוגעדריקט צו זיך און באַשאָטן איר מיט פאַלמיקע קושן.

— טאַקע אויף אַן אמת, הער ראַלניק? — האָט אַנאַ מאַריאַ אויסגעשריגן מיט באַגייסטערונג, אין וועלכער ס'איז געווען אַ טאָן פון צווייפל — טאַקע אויף אַן אמת, הער ראַלניק?

— איך בעט דיר, נשמה מיינע, ערשטנס, רוף מיך נישט „הער ראַלניק" נאָר רוף מיך „ליפּע" און צווייטנס, זאָג מיר נישט „איר" נאָר „דו".

— נו, זאָל זיין אַזוי, טאַקע אויף אַן אמת, ליפּע, האָסט מיך טאַקע ליב?

—— ⁂ ——

די זון האָט שוין ווייט געהאַט זיך אַרויפגערוקט אין הימל. פון איבער אַ באַרג האָט זיך אויפגעהויבן אַ ווינט.

די איינציקע צוויי עדות וואָס האָבן געוואַכט איבער די צוויי אָפּגעזונדערטע מענטשן, וואָס זענען געלעגן צווישן די בערג, אין צעגליטן פיבער, איינגעשלאָסן און איינגעקלאַמערט איינער אין צווייטן.

און ביידע, די זון מיטן ווינט, האָבן זיך צוגעקוקט, ווי אַזוי ליפּע ראַלניק האָט דעמאָנסטרירט זיין „ליבע" צו אַנאַ־מאַריאַן...

דער ווינט האָט זיך צעשריגן און די זון האָט מיט איראָניע זיך צעשמייכלט. און ווי ביידע עדות זאָלן געווען זאָגן מיטאַמאָל:

— יאָ, דאָס איז שוין איינמאָל אַן עצה!

מירטשעס מאָרגן

א גאַנצע נאַכט האָט דאָס גרויסע יום־כּפּור־ליכט געשמאָלצן, געקאָפּטשעט און געפּלעמלט מיט מיסטישן ציטער פון יום־הדין. אין דערבייאיקן סאַלאָן־צימער איז אייזיק דער לעדער־סוחר געלעגן אין אָנטועכץ אויף דער קאַנאַפּע. ער האָט זיך געדרייט פון איין זייט אויף דער צווייטער, געוואָלט אנטשלאָפן ווערן און נישט געקענט. די פּלעמלעך פונעם גרויסן יום־כּפּור־ליכט האָבן אויפגעברויזט אין אייזיקן אן אומרו און געוועקט אין אים זכרונות. און די זכרונות — אַזעלכע זיסע, אַזעלכע ליבע און טייערע, פון טאַטע־מאַמעס היים...

אייזיק האָט מיט אַלע זיינע חושים זיך איינגעלעבט אין יענעם אַמאָל, אין יענע יום־כּפּור־נעכט פון זיין יוגנט און ווידעראַמאָל האָט ער זיי דורכגעפילט און דורכגעלעבט מיט אַלע יענע זיסע ציטערנישן און פריידן פון יענע נעכט. אָט זעט ער זיך ווידער מיטן טאַטן יום־כּפּור ביינאַכט אין קאָצקער שטיבל: אויפן דיל איז אויסגעשפּרייט היי. אויף די טישן, אין קאַסטנס מיט זאמד, זענען אָנגעשטעלט א סך גרויסע ליכט. אַלע גייען אין די בלויזע זאָקן, אָנגעטאָן אין די ווייסע קיטלען, אין די טליתים איינגעהילט און די פּנימער ביי אַלע זענען פאַרצויגן מיט שטרענגער און טיפער ערנסט. דער שטויב וואָס הויבט זיך פון אויסגעשפּרייטן היי און דער געדיכטער קאָפּיטש, וועלכער רייסט זיך פון די גרויסע יום־כּפּור־ליכט קריכן אין האַלדז אַריין, פאַרשטאָפּן די נאָז און לאָזן אויף דער נשמה אַזאַ אייגנאַרטיקן, צופרידענעם און יומטובדיקן פּחד. נאָך „יעלות", נאָך „כי הנה כחומר" און נאָכן גאַנצן מעריב מיט די

סליחות, ס'איז שוין שפּעט אין דער נאַכט, הויבט מען אָן זאָגן „שיר היחוד". ווינציק מענטשן זענען שוין צו „שיר היחוד" געבליבן. דער הויכער רב מרדכי, מיט דער לאַנגער און ברייטער פלאַקסענער באָרד, שטייט פאַרן עמוד און זינגט אויס, מיט אַזאַ מאָדנעם, צעצוי־גענעם יום־כפּור־ניגון, וועלכער קלינגט מיט טרויער און פרייד צוזאַ־מען, — אשירה ואזמרה לאלהי בעודי" און פּסוק ביי פּסוק זינגט מיט, מיטן זעלביקן ניגון, דער קליינער עולם וואָס איז געבליבן אויף אַ גאַנצער נאַכט אין שטיבל. שפּעטער, שוין נאָענט צו טאָג, זיצט דער טאַטע ביי אַ ברעג טיש, מיט נאָך עטלעכע יידן, און לערנען די מסכתא יומא, זיי אַזוי מ'האָט צוגעגרייט דעם כהן גדול צו דער עבודה פון יום־כפּור, נאָך מיט זיבן טעג פריער, און ווי אַזוי עס איז צוגעגאַנגען דער גאַנצער גאַנג פון דער עבודה אין בית המקדש אינעם טאָג פון יום־כפּור.

אייזיק דערמאָנט זיך ווי אים האָט דאַמאָלסט אָנגענומען אַ רח־מנות אויף דעם אָרימען ציגעלע, אויף וועלכן ס'איז נעבעך געפאַלן דער גורל „לעזאזל", ווי מ'האָט נעבעך געפירט דאָס אומשולדיקע צי־געלע פון ירושלים ביז צוק, אויף געהרגעט צו ווערן אין וויסטן מדבר.

אייזיק לאָזט דעם געדאַנק ווייטער לויפן איבער די שפּעטער־דיקע יאָרן: אונטערן איינפלוס פון חברים, וועלכע האָבן אָפּגע־שפּאָט און אָפּגעחוזקט פונעם יידישן „צוריקגעשטאַנענעם און ווילדן לעבן", איז ער אַנטלאָפן פון דער היים אין דער וועלט אַריין. ער האָט געוואָלט ווערן מענטשלעך און וועלטלעך...

אייזיק טוט פּלוצלונג אַ שפּרונג אויף פון דער קאַנאַפּע, ווי עפּעס אַ שאַרפע זאַך זאָל אים מיטאַמאָל אַ שניט געבן איבערן קערפּער. ער לויפט האַסטיק צו צום ברענענדיקן יום־כפּור־ליכט. ער עסט זיך איין מיט די אויגן אין די מיסטישע פלעמלעך פונעם ליכט, ווי ער זאָל וועלן אויסגעפינען דאָרטן דעם באַשייד פון זיין גאַנצן הפקרדיקן, געשמאַק־לאָזן און ציללאָזן לעבן פון היינט.

מיטאַמאָל גיט ער אַ ווילדן געשריי אַרויס:

— פע, אַן אומעטיק, איינזאַם, מוטלאָז און איזהאַלטסלאָז לעבן!

און אין געדאַנק רעדט אייזיק ווייטער צו זיך אַליין, שוין אָן ווערטער:

— אך, וויפל פרייד, גייסטיקע הויכקייט און שיינקייט איז געווען אין יענעם לעבן! וויפל געשמאַק און דערהויבנקייט איז געלעגן אין דער קדושה פון אַ פּראָסטן שבת אין דער היים! וויפל צאַרטקייט, פיינקייט און צירלעכע איידלקייט איז געלעגן אינעם יום־טוב סוכות, אין דער באַשיידן־אויסגעפּוצטער סוכה מיטן שמעקעדיקן גרינעם סכך, אין אתרוג מיטן לולב, הדסים און ערבות. און וויפל פרייד, ראַפינירטע נשמה־פרייד, איז איינגעוועבט געווען אין די אַלע הכנות צום דאָזיקן גאַנצן קלאַפּערגעצייג פונעם סוכות־יום־טוב! היינט הושענא רבה, שמיני עצרת, שמחת־תורה!

—אויבערפלעכלעך האָט פּאַר אַ פרעמד אויג דער שמחת־תורה געקענט אויסדאַכטן ווי עפּעס אַ צעלאָזענע ווילדע הוליאַנקע, וועלכע איז אָפטמאָל דערגאַנגען צו פּשוטער שיכרות. אָבער וואָס פאַר אַ נעזונטער און לאָגיש־דורכגעטראַכטער, פּאָטענציעלער כוח איז געלעגן אין אָט דער שמחת־תורה־פייערונג: עס איז געווען אַ גוט־אויסגעשמידט געווער אַזאַ אין קאַמף קעגן אַלע שונאי ישראל. און דאָס געווער איז באַשטאַנען פון ביטול און חוזק. ווי יידן זאָלן געווען זאָגן: וואָס, איר, שונאים אונדזערע, שלאָגט אונדז, רודפט אונדז, ווילט אונדז אומברענגען, אָבער מיר לאַכן פון אייך. ווי לאַנג די תורה איז מיט אונדז און מיר מיט דער תורה לאַכן מיר פון אייך, שפּאָטן מיר פון אייך. מיר פרייען זיך מיט אונדזער תורה און מיר זענען אייך מבטל כעפרא דארעא. איר וועט אונטערגיין און מיר מיט אונדזער תורה וועלן בלייבן אייביק.

אייזיק פירט ווייטער, אין געדאַנק, זיין געשפּרעך מיט זיך:

— נו, און חנוכה. וויפל „געשיכטעלעך האָבן דערציילט די ליכטעלעך" און האָבן געוויזן, אַז אין די ערגסטע מאָמענטן דאַרף מען נישט אַריינפאַלן אין יאוש. און די קליינע פלעמעלעך פון די חנוכה־ליכט האָבן אַריינגעבראַכט אַזוי פיל פרייד, אויפגעאייטערטקייט און וואַרעמקייט אין יעדן יידיש הויז. איצט פּורים! — אינעם גאַנצן „חייב אדם לבסומא בפוריא", אינעם גאַנצן שיכורן און אין דער מכלומרשטדיקער צעלאָזנקייט איז אין תוך געלעגן אַזאַ באַזאַכטע אַרנסטעלעכקייט, אַזאַ געזעצטע יידישע איינגעשטעלטקייט. און ווי אַ סימבאָל פון נאָענטער ברידערלעכקייט האָט געדינט דער „ומשלוח

מנות איש לרעהו". אין געמיינזאַמער געמוטיקטקייט האָט זיך גע־פלאָכטן קוראַזש פאַרן וויטערדיקן קאַמף קעגן דער אַרומיקער שונ־אים־וועלט, וועלכע מיינט אַז זי קען אונדז איינשלינגען, אָבער ל א מ י ט א ן א ל ף , נאָך א כוסה און נאָך א כוסה און מיר בלייבן אייביק, אויף צו להכעים די המן'ס פון אַלע צייטן, פונעם גאַנצן אַרום און אַרום.

היינט פסח!

אייזיק דערמאָנט זיך, ווי פסח איז שטענדיק געווען ביי אים דער באַליבטסטער יום־טוב. אַזאַ שיינער פרעכטיקער, פרילינגס־יום־טוב! נאָך אַ קאַלטן, איינגעקאַרטשעטן, פראָסטיקן ווינטער, ווי אַלץ איז געווען פאַרקאַוועט, פאַרהאַקט, פאַרהאַמערט און פאַרמאַכט, איז ווידער אַלץ ברייט געעפנט געוואָרן און ווידער האָט אַ וואַרעמע ליכטיקע, זוניקע וועלט זיך געשפּאַרט דורך פענצטער, טיר און טויער און פול געמאַכט יעדעם ווינקעלע מיט פרייד און מוט. און ווי חגעוודיק, פרעכטיק, זויבער און צאַרט האָט מען אָט דעם דאָזיקן ליבן גאַסט־פסח אויפגענומען! קינד און קייט האָבן, מיט איבערפולטער פרייד, מיט צעוואַרעמטע הערצער און מיט אויפגעלעבטע געמיטער, געגרייט זיך פון פורים אָן אויפצונעמען דעם ליבן פסח, מיט אָפענע אָרעמס.

און ווו איז נאָך פאַראַן אַ שיינקייט אין דער וועלט וואָס זאָל זיך קענען פאַרגלייכן מיט דער צאַרטער שיינקייט פון די סדרים־נעכט ביים טאַטנס טיש! אַפילו אינעם פסחדיקן „מען מעג און מען טאָר נישט", אין דער דאָזיקער פון דורות־איינגעשטעלטער, געפאָרמירטער געצאַמטקייט איז געלעגן אַ נחת־רוחדיקע צופרידנקייט און איינגאַרטי־קער פאַרגעניגן.

און דער יום־טוב שבועות! — אין סאַמע מיטן פונעם פרייען, ליכטיקן, לוסטיק־לעבעדיקן זומער האָבן מיר פאַרבונדן נאַטור־שיינ־קייט מיט גייסטיקער שיינקייט. פייערן מיר דעם טאָג ווען מען האָט אונדז געגעבן אַ תורה, וועלכע מוטיקט און שטאַרקט, וועלכע טיילט אוים און הויבט אויף דעם ייד און מאַכט אים שטאָלץ צו זיין מיט זיך, און דער יום־טוב פון מתן־תורה גיסט זיך צונויף מיט דער באַנייאונג פונם גאַנצן באַשאַף. און אין יעדן יידיש האַרץ האָט

געברויזט דאָס געפיל, אַז אַלץ אַרום מיר איז צוליב מיר. און דאָס האָט אין דעם ייִדישן באַוווּסטזיין דערהויבן אַ שטרעבונג צו גאַנצ־קייט און פולקאָמענהייט.

אייזיק איז ווידער געקומען, אין זיין טראַכטן, צו די ימים־נור־ראים פון דער היים, ווען ייִד און גאָט זענען ענגער, פאַמיליאַר פאַר־בונדן געוואָרן צווישן זיך און ייִדן האָבן זיך דערפילט ווי קינדער וואָס קערן זיך אום צוריק צום טאַטן, נאָך אַ צייט פון אָפּוועזנהייט.

אייזיק שטייט און קוקט נאָך אַלץ, מיט איינגעגעסענע אויגן, אין די מיסטישע פלעמלעך פונעם ברענענדיקן יום־הדין־ליכט און ער פרעגט:

— און היינט וואָס?

—הפקר! אַ פאַרמלאָז און געשמאַקלאָז לעבן. אָן גייסט, אָן הייליקייט אָן געצאַמטקייט און אָן קולטור! איין גרויסער, אומגע־לומפּערטער, כאַאָטישער און גרענעצלאָזער, „מען מעג אַלץ”, צע־פּרעסט דעם קערפּער מיט דער נשמה צוזאַמען.

און אייזיק פרעגט ווייטער זיך אַליין:

— און וואָס ווייטער? וואָס וועט פון די קינדער ווערן? זיי בלייבן נישט קיין ייִדן און נישט קיין גויים. פון אמתער ייִדישער פרייד האָבן זיי אפילו קיין אָנונג נישט; ייִדישער שטאָלץ, ייִדישער בטחון איז זיי אַבסאָלוט פרעמד און אין צייטן פון נסיון ווייסן זיי אפילו נישט, פאַר וואָס, פאַר ווען און צוליב וואָס זיי לײַדן!

אייזיק גיט אַ שווערן זיפץ:

— אומשולדיקע און אומגליקלעכע קינדער נעבעך! וואַקסן אָן אָן אינהאַלט און אָן אָן אָנהאַלט אין זייער לעבן. וואָס־זשע קען זיי טרייסט געבן אין שווערע טעג פון נסיון?!

⁂

געוועזן איז שוין ווייט נאָך האַלבער נאַכט. אָן אויסגעמאַטער־טער פון קלערן און נאָכטראַכטן איז אייזיק, אַוועקגעפאַלן אַ מידער אויף דער קאַנאַפּע און איז איינגעשלאָפן. קוים אַוועק איין האַלבע שעה ווי אייזיק איז געשלאָפן אין אַ קאָשמאַר פון פאַרפּלאָנטערטע חלומות, פּלוצלונג האָט דער טעלעפאָן זיך צעקלונגען.

אייזיק האָט זיך אימפּעטיק אויפגעכאַפּט:

— וואָס איז? ווער איז דאָרט?
— איך, יאָס, פיר פעקלעך זוילן.
— וואָס?! וואָס?! איך פארשטיי נישט. ווער רעדט?
— עס רעדט אייזיק?
— יאָ, איך, אייזיק רעד. וואָס איז? ווער איז דאָרט?
— א רוח דיר אין דיין טאַטנס טאַטן אריין. וואָסי, פארשטייסט נישט וואָס מ׳רעדט צו דיר? כ׳האָב פיר פעקלעך זוילן.

אייזיק האָט אויפגעציטערט ביים טעלעפאָן, ווי מ׳זאָל אים ברענען מיט אָנגעגליטע אייזנס די טריט פון די פיס און אזוי ציטערנדיק האָט ער אריינגעשריגן:

— ניין, ניין, יאָס, נישט היינט, נישט היינט, מירטשעם מאָרגן!
— וואָסי, רעב צאַץ, ס׳איז היינט יום קדוש ביי דיר? נאָדיר גאָר, אָט אַ נייער צדיק, א רוח דיר אין דיין גע׳פגר׳ט הארץ אריין, האָסטו דיר אַ מארעוויכער מיט א ספּאָדיק. זאָג, יאָ צי ניין. א נישט שטעל איך עס אָפּ ערגעץ אנדערש. איך האָב פיינט שטיק. זאָג, יאָ צי ניין!

מיטאמאָל האָט זיך דערהערט א קוויטשיקע, האַלב־פארשלאָפענע, ווייבערשע שטימע, וואָס האָט אראָפּגעשריגן פון דער הויך, פונעם שלאָף־צימער ארויס.

— וואָס איז עס דאָרטן פאר א געוואַלטן ביים טעלעפאָן?
— קום אראָפּ וועסטו מיט אים רעדן.

ווייכע שטעק־שיך האָבן, מיט דראָבנע טריטעלעך, געפּאַטשט שנעל איבער די טרעפּ און מיט אימפּעט צוגעשפּרונגען צום טעלעפאָן.

— הא, דו, יאָס! וואָס האָסטו געבראַכט עפּעס גוטס?
— וואָס זאָגסטו צו דיין חיים שמערל? כאַטש גיי און טו אים אָן א ספּאָדיק מיט פּיאות.
— איך בעט דיר, יאָס, נאָר זידל זיך נישט. דו רעד מיט מיר. זאָג וואָס האָסטו?
— קדחת מיט כשרן פּאָדים האָב איך. ס׳איז גוט פאר דיר?
— דאָס האַלט פאר זיך אַליין. עס וועט דיר צונוץ קומען. איך

רעד צו דיר ווי א מענטש, זאָלסטו ענטפערן ווי א מענטש: דו ווייסט דאָך אז איך האָב פיינט דיינע גנבהשע שטיק!

— פיר פעקלעך זוילן האָב איך. דערציילט מיר דיין מאַנדל גאָר, אַז נישט היינט.

— דו קוק נישט אויף אים. דו רעד מיט מיר. שוין ברענג זיי צו טראָגן!

אייזיק איז אויפגעשפרונגען ווי אַן אָפגעבריטער, איז צו ראָפּ־טום צום טעלעפאָן, האָט אַרויסגעכאַפּט די טרובקע פון ווייבס האַנט און ער האָט זיך צעשריגן מיט ווילדע קולות:

— ניין, ניין, איך וועל נישט לאָזן. נישט היינט, נישט היינט. מירטשעם מאָרגן, מיטשעם מאָרגן! איך וועל היינט נישט צונעמען. אויף קיין פאַל נישט היינט. נישט היינט, נישט היינט, מירטשעם מאָרגן! מירטשעם מאָרגן! זאָל ער גיין צום טייוול מיט די פעקלעך צוזאַמען! נישט היינט, נישט היינט, מירטשעם מאָרגן! מירטשעם מאָרגן!

אַ גאַנצן טאָג ביים דאַוונען איז אייזיק געשטאַנען אין שול אַ שיינענדיקער. דאָס פּנים זיינס האָט געלויכטן פון פרייד. ער האָט זיך געפילט גליקלעך און איז צופרידן געווען מיט זיך אַליין, וואָס ער איז ביי־געשטאַנען אַ נסיון און אין די אויערן האָבן אים גע־קלונגען זיינע אייגענע ווערטער: „מירטשעם מאָרגן, מירטשעם מאָר־גן" און אים האָט זיך געדאַכט, ווי ער הערט די ווערטער פון ווייט, ווייט, ווי אַ בת־קול הילעכט פון ערגעץ אָפּ און שרייט אים אַריין אין די אויערן, מיט איבערנאַטירלעכע קולות:

— מירטשעם מאָרגן! מירטשעם מאָרגן!

שיר געמאַכט ביזנעס

— .1 —

אויפֿן אַכטן יאָר נאָך זייער חתונה האָבן די שטיינס ענדלעך שלום געמאַכט מיטן גורל, אַז אַזוי מוז עס זיין, אַז מן הסתם איז זיי אַזוי באַשערט. פֿאַרפֿאַלן. — און אַזוי ווי עס איז, צו דעם מוז מען זיך צופּאַסן און מיט דעם דאַרף מען זיך איינלעבן.

זיי האָבן ענדלעך שלום געמאַכט מיטן געדאַנק, אַז קיין קינדער וועלן זיי נישט האָבן. זיי זענען שוין פֿולשטענדיק איבערצייגט געוואָרן, אַז די דאָקטוירים זענען שווינדלערס און געלט־צאַפּערס, ווייטער גאָרנישט.

צוויי מאָל איז די פֿרוי רבקה שטיין שוין געלעגן אונטערן מעסער און געלאָזט זיך אָפּערירן. מאַיאָנטקעס מיט געלט, און נאָכמער בלוט און געזונט, האָבן פֿאַרשידענע דאָקטוירים פֿון איר אַרויסגעצאַפּט, איין פֿאַרלויף פֿון זעקס יאָר צייט, און נאָך אַלעם דעם האָבן זיי, די שטיינס, זיך אַרומגעזען, אַז אַלץ איז געווען אַרויסגעוואָרפֿן.

ערשט אויפֿן אַכטן יאָר נאָך זייער חתונה, ווען זיי האָבן שוין אויפֿגעגעבן יעדע האָפֿענונג, איז ביי זיי, ביי די שטיינס, רייף געוואָרן דער געדאַנק, וועלכער האָט אייגנטלעך געפּיקט אין זיי שוין אַ לאַנגע צייט, אַז מען דאַרף אַדאָפּטירן אַ פֿרעמד קינד.

פֿאַרשידענע פּלענער האָבן זיי דורכגעוואָרפֿן, פּראָיעקטן אַלערליי האָבן זיי דורכגעטראַכט, ווי אַזוי דאָס צו מאַכן און אויף וועלכן אופֿן דאָס דורכצופֿירן. וויפֿל יאָר, למשל, דאַרף אַלט זיין דאָס קינד

און פון וואָס פאַר אַ פאַמיליע זאָל עס זיין, אָדער אפשר גאָר אינ־גאַנצן אַן עלטערן־לאָז קינד. ביז זיי האָבן ענדלעך באַשלאָסן, אויב שוין יאָ אַ פרעמד קינד צו אַדאָפּטירן איז דאָך שוין גלייכער, אַז דאָס זאָל זיין פון דער אייגענער פאַמיליע, פון אייגן פלייש און בלוט. צו אייגנס וועט פאָרט זיין אַ נענטערע, ליבערע און וואַרעמע־רע באַציאונג. אייגנס וועט לייכטער זיין איינצוגלידערן זיך און צונויפבאַהעפטן זיך, אַז מיט דער צייט זאָל עס טאַקע ווערן ווי אַן אמתדיק אייגנלייביק קינד.

——— ⁂ ———

צען יאָר איז לאָלאַ אַלט געווען, ווען זי איז אָנגעקומען קיין מעקסיקע, צו אירע רייכע פעטער און מומע, אהרן און רבקה שטיין.

דעם פאָטער אירן האָט לאָלאַ נישט געקענט. ער איז געשטאָר־בן ווען זי איז נאָך גאָר אַ פּיצל קינד געווען. לאָלאַס מוטער, רבקה שטיינס עלטערע שוועסטער, האָט אין איר אלמנהשאַפט, אַליין אויפגעהאָדעוועט און דערצויגן פיר קינדער, דריי יינגלעך און לאָלאַן.

לאָלאַס מוטער, רחל סאָלניק, איז באַרימט געווען אין דער פּוי־לישער שטאָט ב. אַלס אַן ערשטקלאַסיקע שניידעריו (מאָדיסטין), די רייכסטע פרויען פון שטאָט זענען געווען אירע קליענטינס.

דורך דעם איז בײַ איר שטענדיק געווען דער צענטראַלער פונקט פון די ערשטע נייעסן, פּליאָטקעס, באַרעדעכצן, רכילותן און סתם מעשהס, פון דער גאַנצער שטאָט. בײַ רחל סאָלניק אין הויז האָט מען געקענט זיך דערוויסן פון אַלע שווערע הערצער, פון אַלע גע־היימענישן אין יעדער פאַמיליע, פון די באַהאַלטנסטע סודות אין יעדנס שלאָף־צימער, פון אַלע ליבע אינטריגעס, פון אַלע אמתע און פאַלשע אַוואַנטורעס. אפילו פון אַזעלכע וואָס זענען נאָך נישט גע־שען, נאָר וואָס דאַרפן ערשט פאָרקומען, האָט מען שוין בײַ דער שניידערין רחל סאָלניק, מיט אַ צייט פריער דערפון געוווסט.

דאָרטן, אין יענעם שטענדיק־טומלדיקן הויז. וו עס האָט תמיד געווימלט מיט ווייבערישן טומל און איז אַלעמאָל פול געווען מיט געלעכטער, צינישע רייד און צוויידייטיקע ווערטער, האָט ביזן צענ־טן יאָר זיך דערצויגן די קליינע לאָלאַ — רחל סאָלניקס טאָכטער.

אָט דער דאָזיקער גאַנצער אַמביענט, ביי רחל סאָלניק אין הויז, האָט זייער פרי אַנטוויקלט די נייגעריקייט ביי דער קליינער לאָלאַן, צו וועלן אַלץ וויסן, אומעטום זיך וועלן אונטערהערן וואָס מ׳רעדט און אומעטום זיך אַריינמישן. צו צען יאָר איז לאָלאַ שוין רייף גע־ווען צו פאַרשטיין און באַנעמען זאַכן, וואָס אַנדערע קינדער אין אירע יאָרן זענען נאָכנישט פעאיק אַפילו צו באַנרייפן.

לאָלאַ האָט זיך גאַנץ גוט צוגעהערט, הינטער דער טיר — ווי איר שטייגער איז געווען — צו די אַלע דיסקוסיעס, וואָס די מוטער אירע האָט געהאַט מיט די ווייבער פון אירע קליענטינס, וועגן די בריוו, וואָס זי האָט אַזוי אָפט דערהאַלטן פון איר רייכער קינדער־לאָזער שוועסטער, פון מעקסיקע, אַז מ׳זאָל צו איר שיקן דער קליי־נער לאָלאַן.

רחל סאָלניק איז געווען פאַרקעשנט, אַז זי וועט איר קינד פון זיך נישט אַוועקשיקן.

— דאַנקען גאָט — האָט זי געטענהט — מיין קינד פעלט חלי־לה גאָרנישט ביי מיר, אַז איך זאָל עס דאַרפן אַוועקשיקן אין דער פרעמד. טאַקע אַן איינענע שוועסטער און קיין עין הרע אַ רייכע שוועסטער, אָבער זי וועט פאָרט נישט קענען זיין קיין מאַמע צו מיין קינד.

די ווייבער אָבער האָבן איר שטאַרק צוגערעדט, אַז זי זאָל עס יאָ טאָן.

— וואָס קען דאָ, אין ב. מישטיינס געזאָגט אַ מיידל דערלעבן — האָבן זיי אַריינגערעדט אין רחל סאָלניק — נאָך אַ יאָר, נאָך אַ יאָר, לאָלאַ וואַקסט קיין־עין הרע אונטער. אַ מאַמע דאַרף שוין אָנ־הויבן טראַכטן וועגן תכלית. אין אַמעריקע איז גאָר עפּעס אַנדערש. דאָרטן זענען פאַראַן גאָר אַנדערע געלעגנהייטן און מעגלעכקייטן. דאָרטן קען זיך אין איר פאַרליבן אַ רייכער מיליאָנער און איר וועט נאָך פון איר אַ סך נחת דערלעבן. זי וועט נאָך, מיט דער צייט, אייך אַלע אַריבערנעמען אַהין.

דערווייל האָט רבקה שטיין געהאַלטן אין איין באַמבאַרדירן מיט בריוו צו דער שוועסטער אירער אין פוילן, אַז זי וועט לאָלאַן אַפּגילטן, ווען זי וועט קומען צו איר, אַז זי וועט לאָלאַן דערציען

ווי א מיליאָנערס א טאָכטער און זי וועט זיין צו איר בעסער ווי אַן אייגענע מאַמע.

לאָלא איז געווען א שיין קינד: הויך געוויקסיק, מיט א פול־רונדיק, ליכטיק פּנים, מיט געקרויזטע, העלבלאָנדע, זיידענע האָר און שאַרפע טונקל־בלויע אויגן. נאָכמער ווי אַנדערע האָבן זי גע־האַלטן פאַר א שיין קינד האָט לאָלא אַליין דערפון געוווסט און זי האָט שטאַרק קאָקעטירט מיט זיך.

ביי לאָלאן האָט געברענט א שטאַרקער באַגער צו פאָרן צו דער רייכער מומען, אַהין אין דער וויַיט, אַזש קיין מעקסיקע. עס האָט גערייצט איר קינדערשער פאַנטאַזיע די וויַיטקייט, די אומבאַקאַנטע רייכע מומע און דאָס נייע לעבן דאָרט, ווי אין איר קינדערשער פאַנטאַ־זיע האָט זיך אויסגעמאָלן.

לאָלא פלעגט אין דער שטיל בעטן צו גאָט, אַז ער זאָל ווייך מאַכן דער מאַמעס האַרץ און זי זאָל איינשטימען צו לאָזן איר פאָרן צו דער מומען קיין מעקסיקע.

ענדלעך האָט גאָט זיך דערבאַרעמט און צוגעהערט זיך צום געבעט פון דער קליינער לאָלאַן. דאָס איז געשען, ווען די רייכע מומע פון מעקסיקע האָט אין איין שיינעם, זומערדיקן פרימאָרגן זיך באַוויזן אין ב.

נאָך א סך געוויינען און געבעטן און אַפּעלירן צו רחלס נשמה און צו איר האַרץ, האָט רחל סאַלניק סוף כל סוף זיך געלאָזט באַ־ווירקן פון איר שוועסטער און זי האָט איינגעשטימט צו לאָזן מיט־נעמען לאָלאַן קיין מעקסיקע.

⁂

מיט לאָלאַס אַנקומען איז אַריין א דערגאַנצונג אין דער פאַ־מיליע שטיין. אַן אידילישע רואיקייט און א נחתדיקע צופרידנקייט האָבן מיטאַמאָל זיך צעליַיגט איבער אַלע ווינקעלעך פון הויז אין דער שטיין־פאַמיליע. עס איז לייכט געווען צו דערקענען אויף די געמיטער, סיי ביי אהרן שטיין און סיי ביי רבקה שטיין, די געענדער־טע שטימונג וואָס די קליינע לאָלא האָט פאַראורזאַכט מיט איר קו־מען. און די דאָזיקע צופרידנקייט איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג, פון וואָך צו וואָך, וואָס אַמאָל אַלץ מער און מער.

לאַלאַ האָט געהערט צו די קינדער וועלכע קענען זיך מאַכן שנעל באַליבט. איר שמייכלענדיק פּנים, אירע לעבהאַפטע אויגן, איר ליבטע שטיפערישע האַלטונג, איר דרייסטקייט און פרייקייט ביים רעדן מיט מענטשן, אירע קלוגע ענטפערס און איר קענען זיך אונטערהנפענען ווו מען דאַרף — דאָס אַלץ האָט לאַלאַן באַליבט געמאַכט, פון ערשטן מאָמענט אָן, ביי יעדערן מיט וועמען נאָר זי האָט זיך באַגעגנט.

⁂

עס איז נאָכנישט געהאַט געווען קיין חודש ווי לאַלאַ איז אָנגעקומען קיין מעקסיקע, איז אין איינעם אַ נאָכמיטאָג, ווען אין שטוב איז קיינער נישט געווען נאָר לאַלאַ מיט דער דינסט — אַריינגעקומען אַ מאַן און געפרעגט זיך אויף הער שטיין. לאַלאַ האָט אים געענטפערט:

— דער פעטער איז איצט נישטאָ, אָבער ער דאַרף באַלד אָנקומען, אויב איר ווילט קענט איר דאָ צוּוואַרטן.

אַזוי ווי דער מאַן זיצט אַזוי און וואַרט גייט לאַלאַ צו אים צו און פרעגט:

— זאָגט מיר הער, איז אייך נישט אומעטיק אַזוי צו זיצן און וואַרטן?

דער מאַן האָט זיך צעשמייכלט, אים איז געפעלן געוואָרן די דרייסטקייט פונם קינד, האָט ער געענטפערט שפּאַסיק:

— און אַז מיר איז אומעטיק, וואָס קען איך זיך העלפן.

— אויב אַזוי — האָט לאַלאַ געזאָגט — דערציילט מיר אַ מעשה וועט אייך נישט זיין אומעטיק.

דער מאַן האָט זיך צעלאַכט און געזאָגט מכלומרשט ערנסט:

— איך קען נישט קיין מעשה׳ס.

— וועל איך אייך דערציילן אַ מעשה — האָט לאַלאַ פאָרגעשלאָגן אין אַ טאָן ווי עס רעדט אַ גלייכער מיט אַ גלייכן — איך קען אַ סך שיינע מעשה׳ס דערציילן.

כדי שפּילעוודיק זיך צו רייצן מיטן קלוגן און דרייסטן קינד, האָט דער מאַן געענטפערט:

— איך האָב נישט ליב צו הערן קיין מעשה׳ס.

לאַלאַ האָט זיך געפילט באַליידיקט פון דעם מאַנס ענטפער, האָט זי זיך אָפּגערופן:

— דאָס פאַרשטיי איך שוין נישט. איך ווייס, אַז יעדער מענטש האָט ליב, אָדער צו דערציילן מעשה׳ס, אָדער צו הערן מעשה׳ס.

דער מאַן האָט אָנגעקוקט דאָס קינד און ער האָט נישט געקענט באַגרייפן, אַז אַ קינד זאָל רעדן אַזוי דרייסט, אַזוי פריי און מיט אַזאַ פאַרשטאַנד, האָט ער מיטאַמאָל אַ פרעג געטאָן:

— זאָג מיר קינד, ווי רופט מען דיך?

— איך הייס לאַלאַ, אָבער צו וואָס דאַרפט איר וויסן מיין נאָמען? — האָט לאַלאַ געפרעגט האַלב ברוגזלעך.

— ווייל איך וויל וויסן, ווי הייסט דאָס קינד וואָס רעדט ווי אַן אַלטער.

— און ווי רופט מען אייך?

— איך הייס משה ליבערמאַן — האָט דער מאַן געענטפערט האַלב־שפּאַסיק — אָבער צו וואָס דאַרפסטו וויסן מיין נאָמען?

— ווייל איך וויל וויסן, ווי הייסט דער אַלטער וואָס רעדט ווי אַ קינד.

און לאַלאַ האָט זיך קלינגענדיק צעלאַכט. זי איז צופרידן געווען, וואָס זי איז אַרויס די זיגערין.

אין דעם איז אהרן שטיין אָנגעקומען. דער מאַן האָט דערציילט שטיינען דעם שמועס וואָס ער האָט געהאַט מיטן קינד.

שטיין האָט זיך הילכיק צעלאַכט, האָט געכאַפּט לאַלאַן אויף די הענט און איר אויסגעקושט יעדעס גליד. און קושנדיק זי האָט ער איר אַריינגערעדט אין אויער אַריין:

— ביסט אַ מזיק, מיין טייערע טאָכטער!

— ביסט אַזוי טייער און זיס, מיין ליבער טאַטעשי! — האָט לאַלאַ מיטן זעלביקן טאָן אַריינגערעדט שטיינען אין אויער אַריין — איך האָב דיך ליב ווי מיין לעבן.

אינם דאָזיקן מאָמענט האָבן ביידע, שטיין מיט לאַלאַן, שאַרף זיך אָנגעקוקט. לאַלאַ האָט, ווי אַ דערוואַקסענער מענטש, גוט פאַרשטאַנען דעם באַדייט פונם דאָזיקן קורצן ווערטער־אויסטויש און אויך פונם נישט דערעדטן... שטומערהייט איז דאָמאָלסט געשלאָסן

געוואָרן דער ווירקלעכער אדאַפּטירונגס אקט צווישן „פאָטער און קינד".

--- ⁂ ---

יאָר נאָך יאָר. לאָלא איז געוואקסן שלאַנק און שיין. אַלץ איז מיט איר מיטגעוואַקסן. די זעלביקע געקרויזטע, העל־בלאָנדע זיידע־נע האָר, שאַרפע טונקל־בלויע אויגן, דאָס צאַרטע אויסגעפּולט־רונ־דיקע פּנים, מיטן לעבעדיקן, כיטרע־דרייסטן שמייכל, וועלכע האָבן אַזוי באַחנ׳ט איר קינדהייט, האָבן אויך אַזוי פּרעכטיק־רייצנדיק פאָרמירט לאָלאַן אין אירע יוגנט־יאָרן.

עס זענען אויך מיט לאָלאַן מיטגעוואַקסן אירע קינדערישע גע־וווינהייטן און אירע אייגנטימלעכע כאַראַקטער־שטריכן. די זעלבי־קע נייגעריקייט צו וועלן אַלץ וויסן און אומעטום זיך אונטערהערן. אומעטום זיך וועלן אַריינמישן און יעדערן אַריינזאָגן. קיינעם נישט וועלן שולדיק בלייבן קיין ענטפער. שאַרפזיניק און שפּיציק אַריינ־שטעכן מיט ווערטער. מיט שטיפערישער הנאה אונטערפירן און „אונטערשטעלן אַ פיסל" ביי יעדער געלעגנהייט, ווו עס לאָזט זיך און אויך אונטערצוחנפענען זיך צו ווענען מען דאַרף. געוווינהייטן מיט וועלכע עס איז אַזוי פול געווען איר קינדהייט, מיט די זעלביקע געוווינהייטן איז לאָלא אַוועק אויף אַ ברייטן שליאַך, אין איר יוגנט אַריין.

ביי אַ סך פון אירע יוגנט־חברים האָט לאָלא שטאַרק אויס־געגומען צוליב דעם, צוליב איר דרייסטקייט און שאַרפקייט, בפרט ווען זי איז געשיצט געווען דורך איר רייצנדיקער שיינקייט. אַנדע־רע אָבער האָבן איר נישט געקענט פאַרליידן, צוליב איר חוצפּהדי־קייט, נישט געקוקט אויף איר „שיין פּנימל" און איר „קאָקעטישן דרייען זיך".

צו פופצן יאָר איז לאָלא שוין געווען פולשטענדיק אַ דערוואַק־סענער מענטש. סיי אין פאַנאַנדערוווקס פון איר קערפּער, סיי אין פאַרשטאַנד, סיי אין איר האַלטונג און — אויך אַלס פרוי; לאָלא האָט מיטאַמאָל באַקומען אַן אומרואיקן גלאַנץ אין די אויגן אירע. איר בלוט האָט זיך צעזידט מיט ווייבלעכע באַגערן, אַ נערוועזער אויפציטער פלעגט צוקן אין יעדן גליד אירן ביי דער מינדסטער באַ־

רירונג מיט א מאַן און די יונגע ברוסטן אירע פלעגן זיך צעצאַפּלען מיט פאַרלאַנגלעכן אויפברויז, אין געזעלשאַפט פון אירע יונגט־חברים.

אהרן שטיין האָט עס דער ערשטער באַמערקט. ער האָט דער־פילט אין לאַלאַס טוליען זיך צו אים, אין אירע אַרומאַרמונגען און קושן אים, אַז עס איז נישט ווי א באַציונג צו א פאָטער, אויך נישט אַפילו ווי צו א פעטער, נאָר עס איז ווי פון א גערייצטער, אומבאַ־פרידיקטער פרוי צו א מאַן, אַלס מאַן. אהרן שטיין האָט אָנגעהויבן גוט צו באַטראַכטן און נאָכקוקן לאַלאַן אין אַלע אירע באַוועגונגען און באַנעמונגען און ער איז געוואָרן זייער אומרואיק. עס האָט אים געבראַכט צום שטאַרקן טראַכטן וועגן לאַלאַן. און ער האָט ענדלעך באַשלאָסן, אַז נישט געקוקט אויף לאַלאַס גאַנץ יונגער עלטער, אָבער צוליב אירע פרי־אַנטוויקלטער ווייבלעכקייט און צוליב איר שטאַרק־הייסן טעמפּעראַמענט, דאַרף מען זען זי חתונה צו מאַכן.

***

צו זעכצן יאָר איז לאַלאַ א כלה געוואָרן.

די שטיינס זענען געווען אויפן זיבעטן הימל פאַר פרייד און גליק. א סך עלטערן פון כלה־מיידלעך האָבן מקנא געווען די שטיינס מיטן שידוך, סיי מיט די מחותנים און סיי מיטן חתן אַליין.

קיין רייכע מענטשן זענען די זאַלצבערגס — די מחותנים — נישט געווען, אָבער זייער אָנגעזעענע מענטשן אין דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט און זיי זענען רעספּעקטירט געווען פון אַלע קלאַסן אינם יידישן ישוב פון מעקסיקע. דער חתן, דוד זאַלצבערג, א יונגע בחור פון עטלעכע און צוואַנציק יאָר, איז געווען א סטו־דענט פונם לעצטן קורס אויפן מעדיצינישן פאַקולטעט, א שטילער, באַשיידענער יונגערמאַן, מיט אַן ערנסטער באַציונג צו זיין שטו־דיום און צו זיין צוקונפט. דוד זאַלצבערג איז אויך געווען אַקטיוו־טעטיק אין פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן פון דער לינקער ריכטונג.

לאַלאַ איז, פון ערשטן טאָג אָן פון איר כלהשאַפט, געווען צע־טומלט. זי האָט זיך נישט געקענט דעצידירן, צי דאַרף זי זיין גליק־לעך מיט איר חתן, צי נישט. פון איין זייט האָט עס איר געשמייכלט און באַפרידיקט איר שטאָלץ, וואָס דער חתן אירער איז א מענטש

מיט א שטאַרק געלויבטן נאָמען. עס איז ביי איר געווען דאָס גע־פיל, ווי פון א מענטש וואָס פאַרמאָגט א זאַך, וועגן וועלכער אַלע רעדן, אָבער קיינער פאַרמאָגט עס נישט, נאָר ער אַליין. פון דער צווייטער זייט אָבער איז לאָלאַ נישט געווען צום האַרצן דעם חתנס שוין צו שטאַרקע רואיקייט.

עס האָט זיך נישט געפּאָרט מיט איר הייסן טעמפּעראַמענט די פּאַסיוויטעט פון זיין האַלטונג און זיין גאַרנישט מענלעכע באַנעמונג אין זיינע באַציונגען מיט איר. לאָלאַ, צו אירע זעכצן יאָר אין זי־בעצענטן, איז עס גאָר נישט געווינס געווען צו אַזא באַנעמונג צו איר, פון יונגע לייט וואָס ברויזן מיט לעבעדיקן לעבן.

אזוי האָט לאָלאַ, די גאַנצע צייט, זיך געשטיקט צווישן צוויי געפילן, וועלכע האָבןביידע גלייך, אין דער זעלביקער מאָס, זי באַהערשט.

— .2 —

פון די פּאַראייניקטע שטאַטן איז אָנגעקומען קיין מעקסיקע מיס. הירש און האָט מיט זיך מיטגעבראַכט א שטורעם.

שטורעם האָט געזעצט פון אירע אויגן, שטורעם אין יעדן גליד אירן, שטורעם אין איר יעדער באַוועגונג. און מיט שטורעם האָט זי פאַרכאַפּט מעקסיקע.

מענטשן וואָס האָבן זי נישט געקענט און קיינמאָל נישט גע־זען אפילו, האָבן פון איר גערעדט, וועגן איר דערציילט, אירע ווער־טער נאָכגעזאָגט, אירע חכמות איבערדערציילט און אירע איינפאַלן באַוואונדערט. יונג און אַלט האָבן געהאַט עפּעס וואָס צו רעדן וועגן דער וואונדערבאַרער מיס. הירש פון די שטאַטן.

געווען איז זי א דאַרע און א הויכע, העכער פון דורכשנים, א ברונעטקע, מיט אונטערגעשווירענע, געדיכטע, שוואַרצע האָר און מיט א פּאָר שוואַרצע ברענענדיקע אויגן, וואָס האָבן געשאָטן מיט פייער, א פייער וואָס האָט געוואַרעמט און געגליט, געברענט און געבריט אין דער זעלביקער צייט. א נעזל האָט זי געהאַט א פּאַר־ריסנס, א שפּיציקס, וואָס האָט געוונקען צוזאַמען מיט די אויגן, אויף א געהיימען אופן עפּעס צוגעזאָגט און גלייכצייטיק — שטרענג באַפוילן צו האַלטן זיך רואיק און געהאָרכזאַם. די ליפּעלעך אירע

— דינגע, וואָס אַט האָבן זיי אייך געהאַלטן געשמידט, מיט זייער נחתיקן ווייבערישן שמייכל און אָט האָבן זיי געטשמעליעט אייער ווילן, מיט דער האַרטקייט און אַנטשלאָסנקייט פון זייער אויסדרוק.

קיין זייער יונגע איז מים. הירש שוין נישט געווען, אָבער דער ברען פון דעם שוואַרצן פייער אין אירע אויגן, דער שטורעם פון אירע באַוועגונגען און דער לילית־רייץ, וואָס האָט איר גאַנצן קערפּער געהילט, האָבן פאַרווישט יאָרן און האָבן געצוווּנגען צו פאַר־געסן חשבונות.

מים. הירש האָט מען געשמועסט, איז אַן אָנגעזעענע זשורנאַ־ליסטן אין דער ענגליש־אַמעריקאַנער פּרעסע. אין מעקסיקע האָט זי געהאַלטן אַ ציקל לעקציעס איבער „די פאַרשידענע סיסטעמען, וואָס האָבן פאָרמירט, און פאָרמירן היינט צו טאָג, דאָס מלוכהשע און געזעלשאַפטלעכע לעבן אין דער וועלט”.

מים. הירש איז אָפט געווען דער ערן־גאַסט אויף פאַרוואַל־טונגס זיצונגען פון פאַרשידענע יידישע אינסטיטוציעס, געזעלשאַפטן און אָרגאַניזאַציעס. פון יעדער זיצונג וואָס איז פאָרגעקומען צוזאַ־מען מיט דער מים. הירש, זייען מענטשן אַוועק באַגייסטערט פון איר שאַרפזיניקייט, קלאָרער לאָגישקייט און איר וועלט־קענטשאַפט. אַ צייט לאַנג נאָך אַזאַ זיצונג האָט מען די קלוגע ווערטער פון דער מים. הירש נאָכגעזאָגט, איבערדערציילט און קאָמענטירט.

אַ גרויסער יום־טוב און אַ ריזיקער כבוד איז געווען פאַר דעם הויז פון דעם געזעלשאַפטלעכן טוער, ווו די מים. הירש האָט באַ־וויליקט אָנצונעמען די איינלאַדונג אויף מיטאָג, אָדער אויף אָוונט־ברויט, אָבער זעלטן האָט זי אַזאַ איינלאַדונג באַוויליקט אָנצונעמען.

צוליב דער נאָענטקייט פון ביידנס פּאָליטיש־אידעאָלאָגישע אײַ־בערצייגונגען איז דער מים. הירש אויסגעקומען, באַלד אין די ערשטע טעג פון איר קומען אין מעקסיקע, זיך צו באַקענען מיטן יונגן סטודענט דוד זאַלצבערג, לאָלאַס חתן.

איינמאָל אַ נאָכמיטאָג זענען זיי ביידע, די מים. הירש און דוד זאַלצבערג, געזעסן אין אַ קאַפע און האָבן דיסקוטירט וועגן די אויס־פירונגען פון איר לעצטער לעקציע. אינמיטן, אינגאַנצן אומגעריכט, ווי פון הימל אַראָפּגעפאַלן, האָט די מים. הירש געגעבן אַ זאָג אַריין:

— דערלויבט מיר אייך צו פרעגן, הער זאַלצבערג, מיינט איך, אַז איר, מיט אַזוי פיל וויסן און געלערנטקייט, מיט אייער לאַנישן באַנעמען די וועלט און דאָס לעבן, קענט זיין אַ פּאָר מיט אָט דער, דער כלה אייערער?

דוד זאַלצבערג האָט פאַרוואונדערט אָנגעקוקט דער מיט. הירש, וואָס זי איז אינמיטן דערינגען אריין מיט אַזאַ ריין פּערזענלעכער פראַגע. און ער האָט געענטפערט מיט אַ פראַגע:

— פאַרוואָס, מיינט איר, אַז נישט?

— נאַרט זיך אַליין נישט אָפּ — האָבן די אויגן ביי דער מיט. הירש זיך צעפלאַמט און די ליפּעלעך האָבן צווײדײטיק זיך צעשמייכלט — זייט נישט אַזוי באַשיידן, ווער זענט איר און ווער איז זי. פאַר אייך שטייט פאַר אַזאַ ברייטע און גלאַררייכע צוקונפט, מיט אַזעלכע ליכטיקע פּערספּעקטיוון, סיי אויפן פּראָפעסיאָנעלן געביט און סיי אויפן פּאָליטישן געביט, אייך שטייט פאַר צו ווערן אַ פאַרנעמפולע פּערזענלעכקייט. און דאָ גייט איר זיך פאַרבינדן מיט אַ מיידל, ביי וועמען דאָס געפּוצטע פּנימל מיטן קערפּער אירן איז ביי איר דאָס גאַנצע לעבן. און ווי האָט אַמאָל אַ קליינשטעטלדיקער שדכן געזאָגט: „דאָס האָט זי, דאָס גיט זי און פון דעם וועט קיין האָר נישט פעלן”.

זאַלצבערג האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און געשוויגן.

— לאָזט נישט אַראָפּ דעם קאָפּ ,הער זאַלצבערג — האָט מיט. הירש ווייטער גערעדט און וואָס ווייטער, אַלץ מיט מער שטורעם — זייט אַ מאַן מיט כאַראַקטער, קוקט מיר גלייך אין די אויגן. קענגן איבער אייך זיצט אַ מיידל וואָס הייסט מיט. הירש, קוקט מיך אָן — דערביי האָט זי געגעבן אַזאַ שעלמישן ווונק מיט די אויגן און מיטן גנזל צוזאַמען — מענטשן דאַרפן זיך אַליין קענען און דאַרפן וויסן וועך מיט וועמען עס דאַרף זיך פּאָרן.

אַ לענגערע צייט, טאָג נאָך טאָג, האָט די מרס. הירש זיך געטראָפן מיטן סטודענט, דוד זאַלצבערג, אין פאַרשידענע פּלעצער און שטענדיק איז דער שמועס צוגעקומען צום זעלביקן.

— אָבער מיט. הירש — האָט סוף כל סוף זאַלצמאַן זיך אָנפאַרטרויט צו איר — אפילו ווען איך זאָל האָבן אָפּגעטאָן אַ פעלער,

טיימאָל גיב איך עס אַליין צו, איז עס אויך שוין פאַרפאַלן. איך קען שוין דאָס נישט צוריקכאַפּן. עס זענען פאַראַן הונדערטער סיבות דערביי.

— אזוי האָב איך דיך ליב — איז מיס. הירש באַלד אַריבער אויף „דו" — אַז דו ביסט אָפנהערציק. נאָר דעם ריינעם אמת. אָבער זיי נישט קיין נאַריש יינגל. עס פּאַסט פאַר אַן אַמאָליקן ישיבה־בחור, נישט פאַר אַ היינט־וועלטיקן מאָדערנעם יונגמאַן. אַי־בריקנס — לאָז עס איבער צו מיר. אויף מיר מעגסטו זיך פאַרלאָזן. עס וועט שוין אַלץ זיין אין בעסטן אָרדנונג.

צעפלאַמטע צוויי פאָר צונויפגעפּרעסטע ליפּן, אָנגעצונדענע צוויי פּאָר אויגן און צונויפגעדריקטע צוויי באַגערפולע צאַפּלנדיקע הערצער האָבן פאַרזיגלט יענעם שמועס מיט דערפאָלג.

⁂

אין איינעם אַ פרימאָרגן האָט דער טעלעפאָן געקלונגען אין הויז ביי די שטיינס און מען האָט געמאָלדן, אַז מ'וויל רעדן מיט פריילין לאָלאַ שטיין.

באַלד איז דורכן טעלעפאָן אַדורך פאָלגנדער קורצער געשפּרעך:

— פריילין לאָלאַ שטיין? דאָ רעדט מיס. הירש, איך גלויב, אַז איר האָט געהערט פון מיר. איך האָב אויך אַ סך געהערט פון אייך. איך וואָלט זייער גערן געוואָלט אייך צו קענען פערזענלעך, צי וואָלט איר נישט געוואָלט מיר אָנטאָן דעם כבוד אויפצונעמען מיך ביי אייך אין הויז, פאַרשטענדלעך אויב עס איז אייך מעגלעך.

— אָך, מיס. הירש, דער כבוד וועט זיין מיינער. איך האָב זיך גאָר אויף אַזאַ כבוד נישט גערעכנט. אויב אייך איז אָנגענעם קענט איר שוין צוקומען צו אונדז, מיטן גרעסטן פאַרגעניגן וואַרט איך אויף אייך.

אין פופצן מינוט אַרום איז שוין די מיס. הירש אַריין צו די שטיינס אין הויז און זי איז באַלד אַריין אין אַ היימישלעכן אינ־טים־פריינדלעכן טאָן:

— אָך ווי שיין איר זענט, פריילין שטיין. ווי רייצנדיק און חנעוודיק! נישט נאָר אַ מאַן, נאָר אַפילו אַ פרוי קען זיך פאַרליבן אין אייך פון ערשטן בליק אָן. וויפל מען האָט מיר דערציילט

וועגן אייך איז עס קיין הונדערטל נישט פון דעם וואָס מיינע אויגן זעען.

— איי, לאָזט אָפּ, מיס. הירש, טרייבט נישט איבער — האָט לאָלא, אַ פאַרדרויטלטע און פאַרשעמטע איר איבערגעשלאָגן די רייד — אייך דאַרף שוין שיינקייט נישט איבעררעדן, ווייל צו אייער שיינקייט קען זיך קיין מיידל אין דער וועלט נישט פאַרגלייכן.

— איך ווייס, אַז איר זאָגט עס פון העפלעכקייט וועגן. עס איז זייער פיין פון אייער זייט, אָבער דעם אמת מוז מען קוקן גלייך אין די אויגן. ווער וועט עס וואגן זיך צו פאַרגלייכן צו אייך, פריי־לין שטיין.

לאָלא, ווי דרייסט זי איז געווען און גאַנץ אָפט אפילו חוצפה־דיק, האָט זי דאָך אינם דאָזיקן מאָמענט זיך פאַרלוירן, הערנדיק אַזויפיל קאָמפּלימענטן און נאָך פון וועמען, פון דער באַרימטער מיס. הירש; לאָלא איז אַביסל צעטומלט געוואָרן און האָט זיך אין אָנפאַנגס געפּלאָנטערט אין די ווערטער. ענדלעך, כּדי צו פאַרפירן דעם שמועס אויף עפעס אַנדערש און נישט מער רעדן וועגן איר פּער־זאָן, האָט לאָלא אַ פרעג געטאָן:

— אָבער טייערע מיס. הירש, איך גלויב, אַז איר האָט אַ גע־ווינסן ציל, וואָס האָט אייך געבראַכט מיר אָנצוטאָן אַזויפיל כּבֿוד און קומען מיך באַזוכן. אפשר איז מיר דערלויבט צו וויסן, מיט וואָס איך קען אייך דינען?

מרס. הירש האָט דערזען, אַז זי האָט צו טאָן מיט אַ מיידל נישט קיין נאַר. אָבער זי, די מיס. הירש, האָט זיך נישט געלאָזט אַראָפּפירן פון וועג. זי האָט געזען ווייטער צו ציען דעם פאָדעם פונם אָנהויב שמועס. זי האָט גוט געקענט דעם דירעקטן וועג, ווי אַזוי צו צוקו־מען צו אַ מיידליש האַרץ. דאָס וואָס איר האָט איצט אַמשטאַרקסטן אינטערעסירט.

— איך וועל אייך זאָגן דעם אמת, פריילין שטיין, — האָט מיס. הירש ווי נישט געהערט לאָלאס פראַגע און זי האָט ווייטער זיך גע־האַלטן ביי אירס — איך בין דאָך שוין אויסגעוועזן אַ וועלט, איך האָב זיך שוין אָנגעזען מיט גענוג שיינהייטן, נאָר אַזאַ ראַפינירטע שיינקייט, ווי איך זע אין אייך, טרעף איך איצט דעם ערשטן מאָל

אין מיין לעבן. נישט אומזיסט ווערט איר אזוי באַוואונדערט פון אַלע מענטשן אין מעקסיקע.

מיס. הירש האָט פארריסן דעם קאָפּ, פארטראַכט זיך אויף אַ ווייל און מיט אַמאָל האָט זי אויסגעשריגן מיט באַגייסטערונג:

— אך ווען מיין ברודער זאָל אייך זען! אך ווען מיין ברודער זאָל אייך זען!

לאָלאַ האָט זיך אָנגעכאַפּט אין די דאַזיקע ווערטער, כדי ענד־לעך אָפּצוציען דעם שמועס וועגן איר פּערזאָן און רעדן וועגן עפּעס אַנדערש, און זי האָט געפרעגט:

— איר האָט אַ ברודער?

— אָך, נאָך וואָס פאַר אַ ברודער! געגוג זענט איר דאָך שיין, איז ער נאָך שענער, דעם אמת מעג מען דאָך זאָגן. איר וועט נישט זיין באַליידיקט, פרײַלין שטיין.

— דעם אמת האָב איך שטענדיק ליב. קוקנדיק אויף אייך שטעל איך זיך פאָר ווי שיין אייער ברודער דאַרף זיין.

— וואָס קענט איר זיך גאָר פאָרשטעלן; באַרימטע קונסט־מאָ־לער ווילן אים אָפּמאָלן, אַז ער זאָל פאַר זיי פּאָזירן, אַלס אַ מוסטער פון פולשטענדיקער שיינקייט פון אַ מאַן, אָבער ווי האָט ער צייט צו אַזעלכע זאַכן. אַז מיין ברודער גייט פאַרביי די גאַס איז מענער און פרויען קאָנען נישט אָפּרייסן די אויגן פון אים.

— דאָס איז מן הסתם ווען ער גייט צוזאַמען מיט אייך, — האָט לאָלאַ חניפהדיק און שמייכלענדיק באַמערקט — אמת איך האָב געטראָפן?

— איי, פרײַלין שטיין, איר קענט, זע איך, גוט אַריינקיבעצן. איך האָב עם נראָד ליב. מיר געפעלט עס. אָבער וועגן מיין ברודער האָט איר שוין גראָד נישט געטראָפן. וואָס דאַרפט איר מיר גלויבן אויפן וואָרט, אָט, נאָט זעט אַליין.

דערביי האָט די מיס. הירש אַרויסגענומען פון איר האַנט־בייטל עטלעכע פאָטאָגראַפיעס פון איר ברודער, ווו ער איז פאָטאָ־גראַפירט געוועזן אין פאַרשידענע פּאָזעס.

לאָלאַ האָט מיט שטאַרקן נייגער זיך איינגעגעסן אין די ביל־דער פון דער מיס. הירשעס ברודער. דערווייל האָט די מיס. הירש

גום באַטראַכט לאַלאַן, געווויגן און געמאָסטן יעדע באַוועגונג אירע און זי האָט זיך געטראַכט:

— זי זעט אויס צו זיין אַ דורכגעטריבענע מויד. עס וועט זיין אַ האַרטע נוס איינצובייסן.

— ווייסט איר גאָר וואָס — האָט מיטאַמאָל די מיס. הירש זיך געווענדעט צו לאַלאַן — עס איז אַזאַ שיינער טאָג היינט, אַזאַ פּרעכ־טיקער דרויסן, קומט, לאָמיר זיך אַביסל דורכפאָרן.

זיצנדיק צוזאַמען אינעם אויטאָמאָביל האָט די מיס. הירש מו־טערלעך ארומגענומען לאַלאַן, געקוקט איר גלייך אין די אויגן אריין און פייערלעך אויסגערופן:

— איר ווייסט, פריילין שטיין, פון ערשטן מאָמענט אָן, ווי איך האָב אייך דערזען האָב איך אייך באַלד ליב געקראָגן. איך בין זיכער, ווען מיין ברודער זאָל אייך זען וואָלט ער זיך באַלד פאַרליבט אין אייך.

— אָבער, איר ווייסט, מיס. הירש — האָט לאַלאַ מיטאַמאָל פאַרלוירן איר פריילעכקייט און איז געוואָרן טויט־ערנסט — איך האָב אייך גאָר פאַרגעסן צו זאָגן, אַז איך האָב שוין אַ חתן.

— טאַקע! — האָט מרס. הירש אויסגעשריגן פאַרוואונדערט, ווי אַ שטייגער זי זאָל הערן עפּעס אויסערגעוויינלעכעס — אַזוי יונג און שוין אַ כלה! און ווער איז ער עס דער גליקלעכער, אפשר האָב איך געהאַט די געלעגנהייט און דעם כבוד צו קענען אים?

— איך ווייס נישט, מעגלעך אַז איר קענט אים. ער הייסט דוד זאַלצבערג. ער איז אַ סטודענט פון מעדיצין.

— אַה! אַ דער זאַלצבערג איז אייער חתן?! אַזוי! אָט דער!

זי איז שטיל געבליבן און ביידע זענען געבליבן זיצן ווי אין אַ פאַרלעגנהייט.

— זאָגט מיר דעם אמת, מיס. הירש — האָט לאַלאַ איבערגע־האַקט דאָס אומהיימלעכע שווייגן — וואָס זענט איר געבליבן פּלוצ־לינג אַזוי זיצן אַזאַ דערשטוינטע, איבערגעראַשטע, אָדער אנטוישטע?

— מיין ליבע לאַלאַ — האָט די מיס. הירש געמאַכט זיך אינ־טימער — איך וואָלט אייך באַדאַרפט עפּעס פרעגן. אָבער עס איז נישט אין מיין נאַטור צו מישן זיך אין פרעמדע ביזנעס.

— ניין, ניין, מיס. הירש — איז לאַלאַ צוגעשטאַנען — איך

בעט אייך. רעדט אָפן און פריי, איך בעט אייך. איר קענט צו מיר רעדן ווי אַ שוועסטער צו אַ שוועסטער. איך וועל אייך זאָגן דעם אמת: אין אָט די פּאָר שעה וואָס מיר קענען זיך זענט איר מיר געוואָרן אַזוי נאָענט, אַזוי ליב, ווי אַ שוועסטער. בעט איך אייך, זייט מיט מיר אויפריכטיק, וועל איך מיט אייך אויך אַזוי זיין.

— דער אמת איז, אַז עס איז מיר זייער שווער צו רעדן — האָט מים. הירש געצויגן די ווערטער, ווי מכלומרשט זי זאָל נישט האָבן די זיכערקייט, צי דאַרף זי רעדן, צי נישט — אָבער אַז איר בעט מיר אַזוי שטאַרק, וועל איך טאַקע זיין מיט אייך ווי אַ שוועסטער, אויפריכטיק און אָפנהאַרציק.

— אָט אַזוי האָב איך אייך ליב, רעדט צו מיר וואָס איר ווילט, פריי און אָפן.

— זאָגט מיר, ליבע לאָלאַ — האָט מים. הירש ווי זיך געקרעקט מיט די ווערטער און דערביי האָט זי צוגעדריקט לאָלאַן צו זיך — אויב איך האָב רעכט צו פרעגן, ווי קומט איר, אַ מיידל יונג, שיין און קלוג, פול מיט לעבן, יעדעס גליד אין אייך שפּריצט דאָך מיט לעבעדיקער צאַפּלדיקייט און מיט זיסער פרישקייט, ווי קומט איר צו האָבן פאַר אַ חתן אַזאַ שמעקדע מיט עסיק, אַזאַ איינגעזייערטן קליינשטעטלדיקן בטלן, כאָטש ער איז נאָך יונג אין יאָרן איז ער דאָך אָבער אין גאַנצן גענומען עלטער פאַר מיין זיידן.

לאָלאַ האָט פּלוצלינג פאַרלוירן די קאָלירן פון פּנים. זי איז געבליבן זיצן בלייך ווי קאַלך, זי האָט זיך אינם דאָזיקן מאָמענט דערפילט ווי אַ פאַרברעכער, וועמען מען האָט געכאַפּט ביי דער האַנט. עס איז איר פאַרהאַקט געוואָרן דאָס לשון און זי האָט קיין וואָרט נישט געקענט אַרויסברענגען.

מרס. הירש האָט פון דער זייט אַזוי שאַרף באַטראַכט לאָלאַן און זי האָט זיך געטראַכט:

— עס גייט אויף אַ וועג.

לאָלאַ האָט זיך שנעל באַרואיקט, זי איז געקומען צו זיך און האָט דרייסט געפרעגט:

— פון וואַנען קענט איר מיין חתן?

— איך האָב זיך באַקענט מיט אים אויף איינער פון מיינע לעק־

ציעס. נאָכדעם ווי איך בין אראָפּ פון דער בינע איז ער צו מיר צוגעקומען האָט זיך פאַרגעשטעלט און אָנגעהויבן מיט מיר צו דיסקוטירן. האָט ער אויף מיר געמאַכט עפּעס אַזאַ מאָדנעם איינדרוק, ווי זאָל איך אייך זאָגן, עפּעס אַזאַ ניע בע ניע מע... ווי אַ לעקיש אין זויערן... אַך, אַנטשולדיקט מיר, לאַלאַ, וואָס איך טו אייך אפשר וויי מיט מיינע ווערטער. איצט אַז איך רעדט מיט אייך, טראַכט איך זיך: „געוואַלט, ווי זענען קלוגע מענטשן אַזוי פאַרבלענדט און זענען נישט פעאיק צו זען זיך אַליין". יעדער מענטש דאַרף און מוז קענען זיך אַליין. עס איז אמת, אַז מען דאַרף זיך נישט איבערשאַצן, אָבער אויך נישט זיך אונטערשאַצן. יעדער פאַרנונפטיקער מענטש דאַרף זיך אַליין אָפּגעבן אַ חשבון: „ווער בין איך און ווער איז דער וואָס דאַרף זיין מיין צווייטער".

לאַלאַ האָט שווייגנדיק אָנגעכאַפּט דער מיס. הירשסביידע הענט, שטאַרק זיי געדריקט, ווי אַ מענטש וואָס טרינקט זיך און כאַפּט זיך אָן אין עפּעס וואָס, כדי זיך צו ראַטעווען, און זי האָט זיך געבעטן:

—מיין טייערע פריינדין, מיס. הירש, איך האָב מיט אייך אַזוי פיל צו רעדן. גאָט אַליין האָט אייך צוגעשיקט צו מיר. איך בעט אייך לאָמיר מאָרגן זיך ווידער טרעפן. איך האָב זייער אַ סך מיט אייך צו רעדן און צו באַראַטן זיך מיט אייך, ווי מיט אַ קלוגער, גוטער און אויפריכטיקער פריינדין. נאָר איר וועט מיך קענען פאַרשטיין, ווי קיינער נישט אין דער וועלט.

לאַלאַן האָבן זיך געשטעלט טרערן אין די אויגן און זי האָט מער נישט געקענט רעדן.

———— ⁂ ————

אַ כמאַרנער אינדערפרי פון יוני־חודש. דער הימל איז פאַרוואָלקנט, דער דרויסן גרייט זיך אויף אַ רעגן.

מיס. הירש איז געשטאַנען ביים אָפענעם פענסטער פון איר צימער אין האָטעל „זשענעוואַ" און געקוקט אַרויס פאַרטראַכט צו דער שטילער גאַס „לאָנדרעס".

גאָרנישט די זעלביקע פייערדיקע און לוסטיקע אויגן ביי דער מיס. הירש. גאָרנישט דאָס זעלביקע פאַרשפּיצטע נעזל פון וועלכן

עס רייסט זיך פֿאַרשייטע זאַרגלאַזיקייט. און אומעטיקע איז זי דאָס מאָל, די מיס. הירש, אויף אירע אויגן איז פֿאַרצווינגן אַ כמאַרע פּונקט ווי איבערן הימל, איר פּנים איז פֿאַרטרויערט פּונקט ווי דער דרויסן.

מיטאַמאָל האָט זי דערזען ווי צום האָטעל איז צוגעפֿאָרן אַן אויטאָמאָביל און עס איז פֿון דאָרט אַרויסגעקראָכן אַ יונגערמאַן, אַ הויכער, מיט אַ מונטערהדיק שמיפֿעריש געזיכט, מיט דיקע פֿליישיקע ליפּן, מיט גרויסע העל־גרינע אויגן און אַלץ אין אים האָט געאָטעמט מיט פֿולבלוטיק לעבן.

די מיס. הירש, אַז זי האָט אים דערזען דורכן פֿענצטער, האָט אַ קאָנוואולסיוון ציטער געטאָן און אַ היסטערישן געשריי געגעבן:

— ס־ע־מ־י!

דער יונגערמאַן האָט פֿאַרריסן דעם קאָפּ, צו זען פֿון וואַנען האָט מען עס אים אַזוי אינטים־פֿאַמיליאַר גערופֿן. באַלד האָט ער, אַ צעצאַפּלטער, אויך אַ הילכיקן געשריי געגעבן:

— מ־ע־ר־י, אין וואָס פֿאַר אַ נומער ביסטו?

— אין נומער זעקס און פֿערציק!

אין אַ דינעם מאַרגן־ראָק אויפֿן בלויזן לייב איז מיס. הירש געוועזן איינגעהילט, ווען דער יונגערמאַן איז פֿייל פֿון בויגן אַרויפֿגעפֿלויגן צו איר אין צימער.

ער האָט זי אַריינגעכאַפּט אין זיינע פֿעסטע אָרעמס, שטאַרק זי געדריקט צו זיך, באַשאָטן זי מיט הייסן קושן און אַ סך מאָל אויסגערופֿן:

— ווער זאָל זיך ריכטן, אַז איך וועל אין מעקסיקע טרעפֿן מיין זיס מיידעלע מערי! ווער זאָל זיך ריכטן, אַז איך וועל אין מעקסיקע טרעפֿן מיין זיס מיידעלע מערי!

אַז מיס. הירש איז געזעסן אויף דער קאַנאַפּע, ביי סעמין אויף דער שויס, זיך נעטוליעט צו אים, איז איר שוין נישט געווען צו דערקענען: פֿאַרשוווּנדן איז מיטאַמאָל געוואָרן פֿון איר פּנים יעדער צייכן פֿון פֿריערדיקן אומעט. די אויגן אירע האָבן ווידער באַקומען זייער העליש פֿייער; דאָס שפּיציקע נעזל — דעם שטיפֿערישן אומרו; די ליפּן — זייער ברוויזנדיקע לוסט און זי האָט געפֿרעגט:

— סעמי טייערער, איז דיין ווייב דאָ אויך דאָ?

— ניין, איך אַליין. איך אַליין, מיין טייערע, מיר זענען פול־שטענדיק פריי!

— און וואָס טוסטו אין מעקסיקע, סעמי?

— איך בין געקומען מאַכן ביזנעס. איך וויל דאָ איינקויפן בי־ליקע שיך און פירן זיי אַ היים. ביי אונדז איז היינט שיך שרעק־לעך טייער. איך גלויב, עס וועט זיין אַ גוטע ביזנעס. ווי מיינסטו, מיין טייער מיידעלע?

— איך בין נישט קיין ביזנעס לידי, דו ווייסט דאָך.

— און וואָס טוסטו, מערי, אין מעקסיקע?

— גלויב מיר, סעמי, איך ווייס אַליין נישט. אָבער שיך האָב איך געמאַכט גוטע ביזנעס אין מעקסיקע.

— דו, מערי, ביזנעס?

— יאָ, איך, מערי, האָב שיך געמאַכט אַ ביזנעס, אָבער עס האָט זיך מיר אַרויסגעגליטשט פון דער האַנט אַרויס.

— אוי, איך שטאַרב פון נייגעריקייט, צו וויסן שוין וואָס פאַראַ ביזנעס מערי האָט שיך געמאַכט און עס האָט זיך איר אַרויסגע־גליטשט.

— שטאַרב נישט סעמי טייערער, איך וועל דיר אַליין דערציילן. איך האָב שיך געקראָגן אַ חתן. איך האָב געוואָלט מאַכן מיט אַ מיידל אַ בייט: געבן איר אַן אויסגעטראַכטן ברודער מיינעם, פאַר אַ לע־בעדיקן חתן אירן, אַ סטודענט פון מעדיצין, און זייער אַן אינטערע־סאַנטער יונגערמאַן. נו, האָב איך פאַרן בחור אויסגעטראַכט מעשה׳ס אויף זיין מיידל און פאַרן מיידל האָב איך אויסגעטראַכט מעשה׳ס אויף איר יינגל. עס איז שוין אַלץ געווען אויף אַ לייט. אָט, אָט איז עס געגאַנגען אויף אַ וועג. אָבער טאַקע ממש, אַלץ אין בעסטן אָרד־נונג, גוט, ווויל און פיין... אָבער —

סעמי האָט אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ געלעכטער:

— אוי ביסטו אַ טייוול, מערי! — האָט ער אויסגעשריגן און ווידער זי באַשאָטן מיט קושן ביזן האַלבן קערפּער אַריין — ווי אַזוי זשע האָט זיך עס דיר אויסגעגליטשט? אַזוי קלוג ווי דו ביסט, ווי האָט עס געקענט געשען, אַז דו זאָלסט נישט דערגרייכן דיינע

אמביציעס? איך מיין אז דאָס דאַרף פאַרשריבן ווערן אין דער גע־שיכטע!

— ווער זאָל וויסן, אַז איך האָב צו טאָן מיט א כיטרער מויד, וואָס איך בין נאָך א הונט קעגן איר, א געהרגעט זאָל זי ווערן! מיר האָט זיך געדאַכט, אז איך בין שוין מיט איר פיקס און פאַרטיק, אז זי האָט שוין צו מיר פולשטענדיקן צוטרוי און זי גלויבט מיר הייליק אין אַלץ וואָס איך זאָג איר. לאָזט זיך גאָר אויס, אז זי האָט מיר גאָר איבערגעכיטרעוועט און האָט מיך געפירט אין באָד אריין... זי האָט מיר פון די הענט צוריק אַרויסגעריסן איר חתן, נאָך מיט א סקאַנדאַל א צוגאָב, און נאָך וואָס פאַר א קאַנדאַל! גאַנץ מעקסיקע איז געגאַנגען אויף רעדלעך... בעסער נישט רעדן וועגן דעם...

— גיין שוין גיי, האָסט עס אין דער ערד, מערי, נעם טו זיך אָן ווילן מיר אַראָפּגיין עסן פרישטיק.

— יאָ, ביסט גערעכט, סעמי, אַז איך האָב דיך נעבן זיך האָב איך די גאַנצע וועלט אין דער ערד, מיט די אַלע יאַלדישע פּראָ־ווינציאַלן.

מיס. הירש האָט פון זיך אַראָפּגעוואָרפן דעם מאָרגן־ראָק און מיט סעמיס צוהילף, זיך גענומען אָנטאָן.

דריי אינדוסטריאַלן

פריער זענען זיי געווען נאָר צוויי.

אויפן אויסערלעכן אויסזען האָבן זיי געהאַט ביידע שיר אַ גאָענטע ענלעכקייט: ביידע נידעריק־ווּקסיקע, ביידע באַברילטע, ביידע מיט הויכע שטערנס און מיט תלמיד־חכמדיקע שטריכן אויף די פּנימער, שטריכן, וועלכע האָבן עדות געזאָגט אויף זייער יאָרן־לאַנגן מאַטערן זיך איבער גמרות און פּוסקים. און דאָך — ווי ווייט פאַרשידן זענען זיי געווען איינער פון צווייטן, סיי לויט זייערע כאַראַק־טערן און אייגנטשאַפטן, און אויך לויט זייערע אינערלעכע וועזנס. אין דער צייט וואָס איינער, ישראל האָט ער געהייסן, איז געווען אַ רו־איקער, אַ געדולדיקער און אַ געלאַסענער, מיט אַ פריי און אָפן פּנים, מיט ליכטיקע לעבנס־לוסטיקע אויגן און מיט אַ ליבלעכן גוטמוטיקן שמייכל, איז דער צווייטער, מנחם האָט ער געהייסן, געווען אַן אומ־רואיסער, אַ היציקער, מיט אַן ערנסט פּנים און אַ באַהאַלטענער צער האָט תמיד אַרויסגעקוקט פון זיינע אויגן.

און מערקווירדיק — באַלד, ביי זייער ערשטער באַקאַנט־שאַפט האָט אַ וואַרעם פריינדשאַפט־געפיל גענומען שטראָמען פון איינעם צום צווייטן און אײדער וואָס ווען, איידער זיי האָבן נאָך רעכט צייט געהאַט גוט זיך צו באַקענען, האָט שוין אַ טיפע פאַר־שטענדעניש און אַן אינטימע פריינדשאַפט זיי ביידן פאַרבונדן און אַן אויפריכטיקע חברשאַפט ביידן געאייניקט.

געקומען זענען זיי, ישראל און מנחם, פון פאַרשידענע יידישע

גענגטן און האָבן זיך אויפגעהאָדעוועט אויף פאַרשידענע דער־ציונגס־סיסטעמען, כאָטש אויפן זעלביקן באַזיס געבויט.

מנחם איז אויפגעהאָדעוועט געווען אין ליטווישע ישיבות, ווו לערנען איז געווען אַ פאַרזיכבדיקער עיקר און ווו מ׳האָט געלערנט צו וויסן נישט נאָר „וואָס מ׳זאָגט" און „וואָס עס שטייט", נאָר צו וועלן תמיד פאַרשטיין אויך „פאַרוואָס מ׳זאָגט" און „פאַרוואָס עס שטייט אַזוי". מ׳האָט געלערנט אַריינצודרינגען אין דער גרונט־סיבה פון יעדער הלכה און פון יעדער פלוגתא, כדי צו קענען אַרויס־ציען שפּעטער מסקנות אויפן זעלביקן באַזיס, אויך אין אַנדערע פאַלן.

ישראל ווידער איז אויפגעהאָדעוועט געוואָרן אין חסידים־שטיב־לעך און אין פּוילישע ישיבות, ווו לערנען איז געווען אַ בייזאַך, אַ טייל פון יראת שמים־יידישקייט, מצוות און מעשים טובים. אין ישי־בות ווו מ׳האָט אַריינגעזוברעוועט אין זיך אַלץ וואָס שטייט אין דער תורה הקדושה און אַלץ איז „למשה מסיני", נאָך וועלכן מ׳טאָר נישט נאָכטראַכטן און אָפּפרעגן.

באַלד ביי דער ערשטער באַקאַנטשאַפט האָט זיך, צווישןביידע צוקונפטיקע חברים, פאַרבונדן אַ שמועס אין לערנען, וועגן אַ ר״ן אין נדרים דף כ״ח, וועגן דער פלוגתא פון בר־פדא און עולא.

דאָ האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן דער גרויסער אונטערשייד פון זייערעביידנס פאַרשידנאַרטיקע צוגענג צו דעם זעלביקן ענין און צו דער זעלביקער שיטה.

אָנגעהויבן האָט זיך עס מיט אַ ר״ן אין נדרים און געצויגן האָבן זיך די שמועסן יאָרן און יאָרן לאַנג, איבער פאַרשידענע פּראָבלע־מען, ווייט ווייט אַוועק גאָר אין אַנדערע ריכטונגען און וועגן. צו־זאַמען מיט דעם איז אויך די פּערזענלעכע חברשאַפט געוואַקסן פון מאָל צו מאָל, און אַ סך געיינזאַמע לעבנס־אינטערעסן, צוזאַ־מענגדיקע שטרעבונגען און געמיינזאַמע געדאַנקען, האָט, די צייט דערנאָך, זיי ביידן נאָך מער חבריש געאייניקט.

געווען איז דאָס אין אַ צייט, ווען אַלץ אין מעקסיקע האָט אָנ־געהויבן גיין מיט שנעלן אימפּעט באַרג־אַרויף.

נישט באַמערקנדיק גאָר, ווען און ווי אַזוי, זענען פון נעכטיקע גאַסן־פּעדלערס און פּאָנטשקע־פּאַרקויפערס אויסגעוואַקסן גרויסע

סוחרים און פאַבריקאַנטן. היימישע בעלי־עגלות, קצבים, היטל־מאַ־כערס, שוסטערס, שניידערס, האָבן זיך פונאַנדערגעבליט און גע־וואָרן רייכע מענטשן מיט אָנזען און פאַרנעם.

דאַמאָלסט האָבן אויך ביי די צוויי חברים, ישראל און מנחם, זיך גענומען וועקן שטרעבונגען און פאַרלאַנגען עפּעס אויפצוטאָן און דערשלאָגן זיך צו פּערזענלעכע דערגרייכונגען אינם ניי־צע־בליטן יידישן ישוב פון מעקסיקע.

זענען פלענער אויף פלענער אָנגעוואַקסן, ווי אַזוי אויפצובויען דאָהי אַ שיינע און ברייטע יידישע פּרעסע, אַ יידישע ליטעראַטור, אַ יידישן פאַרלאַג־וועזן, סיי פאַר יידיש־רעדנדיקע יידן — אויף יידיש און סיי פאַר גויישק־רעדנדיקע יידן — אויף שפּאַניש. אָבער ווו זאָל מען נעמען די מאַטעריעלע מעגלעכקייטן פאַר די דאָזיקע אַלע גוטע און נויטווענדיקע זאַכן? זענען די ביידע „מנחם־מענדלס" געפאַלן אויף אַ געניאַלן פּלאַן: פריער דאַרף מען אויפבויען, פאַר זיך, עפּעס אַ נייע מין אינדוסטריע, אויסאַרבעטן אַ ניי מין אַרטיקל אַזאַ, וואָס זאָל זיין אי ניי, אי „עובר לסוחר", עפּעס אַזעלכעס וואָס זאָל זיין גוט פאַרקויפבאַר און וואָס זאָל אַריינברענגען אַ גוטן ריווח. און מיטן דאָזיקן פאַרדינטן קאַפּיטאַל זאָל מען דערנאָך אויפטאָן „הרים וגבעות" פאַרן יידישן ישוב אין מעקסיקע, פאַרן גאַנצן יידישן פאָלק און ממילא — פאַר זיך אַליין אויך...

האָבן זיי, די ביידע חברים, געטראַכט און געפּלאַנט טעג און וואָכן; ביז איינמאָל פאַרבייגייענדיק אַ גרויס ביכער־געשעפט האָבן זיי דערזען אינם פענצטער פון ביכער־געשעפט אַ בוך, אויף שפּאַ־ניש, פון איינעם מ. ווידאַל, וווּ עס זאָגט זיך בפירוש אינם פאָר־בלאַט פון בוך, אַז מ'קען זיך אויסלערנען פונם דאָזיקן בוך ווי צו מאַכן אַלע סאָרטן שאָקאָלאַד.

ווי אין אַן אומגעריכטער אוצר, פון הימל אַראָפּגעפאַלן, האָבן ביי־דע חברים זיך אָנגעכאַפּט פאַר דער דאָזיקער, נייער, ווונדערבאַרער אידעע.

איינגעהאַנדלט דאָס בוך, האָבן ביידע חברים זיך אוועקגעזעצט קנעלן, מיט זייער גאַנצער אַלטער ישיבה־בחורישער התמדה, איבערן דאָזיקן בוך, עטלעכע וואָכן נאָכאַנאַנד, אַזוי לאַנג ביז... זיי האָבן

איינגעזען, אַז ווען זיי פאַרמאָגן דאָס געלט וואָס מ׳דאַרף אַריינגלייגן אויף מאַשינען צו מאַכן שאָקאָלאַד, וואָלטן זיי דאָך געקענט גלייך צוטרעטן צו אַ ביכער־פאַרלאַג מיט אַ טאָג צייטונג, מיט די אַלע גוטע זאַכן, אָן זייטיקע וועגן.

זענען ווידער אַוועק לאַנגע אָוונטן פון טראַכטן און פּלאַנען. דערווייל — צווישן איין פּלאַן און צווייטן וועגן געשעפטן, האָט מען אַריינגעכאַפּט אַ שמועס וועגן די זעקס טעמים פון „הדחה״, פון „פּרי מגדים״, וועגן פילאָנס פילאָזאָפיע, וועגן די השגות פון ראב״ד אויפן רמב״ם, וועגן „קיום האומה״ און וועגן נאָך אַזעלכע „פּראַק־טישע״ ענינים. גלייכצייטיק זענען געבויט געוואָרן פּלענער וועגן קול־טור־אויפטואונגען אינם מעקסיקאַנער יידישן ישוב און וועגן אַוועק־שטעלן עפּעס אַ נייע מין אינדוסטריע, וואָס זאָל ברענגען גרויסע פּראָפיטן און ערשט מיט דעם פאַרדינטן קאַפּיטאַל זאָל מען קענען צעפירן די הענט ווי עס באַדאַרף צו זיין...

⁂

אינמיטן פון די אַלע פּלענער און טראַכטענישן, טרוימען און פאַנטאַזיעס, וועלכע האָבן ביי די צוויי חברים, ישראל און מנחם, געשטיגן אַזש ביז אין די הויכע הימלען אַריין — האָט זיך אין מעק־סיקע באַוויזן אַ יונג בחורל מיט אַ דאַר און אויסגעצויגן פּנים און מיט אויגן וואָס האָבן געברענט און געברויזט מיט לעבנס־לוסט. געהייסן האָט ער, שמעון. געווען איז ער פון ליטע, וו ער האָט גע־ענדיקט אַ העברעיִשע תרבות־גימנאַזיע און געקומען איז ער קיין מעקסיקע פון פראַנקרייך, וו ער האָט געענדיקט אויף אינזשעניר־כעמיקער. און ווייל ער האָט געהאַט אויך אַ שייכות צו דער פּען, און נאָר אַ פעיקע שייכות, און ווייל — אויך אַ טרוימער, מיט אמתע מנחם־מענדלישע „פּראַקטישע רעאַליטעטן״, און ווייל — אַ ליבער, האַרציקער, צוגעלאָזטער בחור און צוליב נאָך אַ ריי אַנדערע סיבות, האָט פון זיך אַליין אַזוי זיך אויסגעוויקלט, אַז דער דאָזיקער בחור, שמעון דער כעמיקער, איז אַריינגעצויגן געוואָרן ווי אַ גוטער חבר אינם לעבן און אין די טרוימען פון די פריערדיקע צוויי „אינדוס־טריאַלן״. אַזוי — צוזאַמען אין דרייען האָבן די פּלענער אָנגענומען נאָר אַן אַנדערן פאַרנעם, אויף צו באַאַרבעטן זיי און רעאַליזירן זיי.

אזוי איז געוואָרן, סיי אין דער פערזענלעכער חברישער סביבה און סיי אין די אַלערליי פּלענער־בויאונגען, פון די פריערדיקע צוויי „אינדוסטריאַליסטן”, געוואָרן דריי.

⁂

איינמאָל, אין אַ שיינעם זומערדיקן אָוונט, איז שמעון דער בעמיקער געקומען מיט אַ פרייליכער בשורה, אַז ער האָט עס גע־פּאַקט... ער האָט אויסגעפונען, אַז אין מעקסיקע איז פאַראַן אַ גע־וויקס אַזאַ, פון וועלכן מ׳קען ארויסציען אַ זאַפט, און מיט דער הילף פון כעמישע צומישונגען קען מען פונם דאָזיקן זאַפט אויסאַר־בעטן אַזאַ מעדיציניש מיטל, וואָס זאָל קענען מאַכן וואַקסן האָר אויף אַלע פּליכעוואַטע קעפּ.

אַ גאַנצע נאַכט האָבן די דריי חברים־אינדוסטריאַלן געהוליעט און געיובעלט, לכבוד דער דאָזיקער געניאַלער אַנטדעקונג און לכבוד די צוקונפטיקע מיליאָנען, וואָס דאָס דאָזיקע מיטל וועט אַריינברענ־גען. איין קלייניקייט! די האָר־וואַסער וועט מען גיסן אין פלעשער, פּארקויפן וועט מען צו פופציק פּעזעס אַ פלאַש (וואָרן וועלכער פּליך וועט עס נישט געבן פופציק פּעזעס צו זען אויף זיין לידיקן קאָפּ אַ טשופּרינע האָר!). דורכן יאָר וועט מען פאַרקויפן (אין מעק־סיקע און אין אַנדערע לענדער) ווייניקסטנס הונדערט טויזנט אַזעל־כע פלעשער. ממש מיליאָנערן וועט מען דאָך ווערן אין פאַרלויף פון עטלעכע יאָר. און וואָס וועט מען קענען אַלץ אויפטאָן פאַר די דאָ־זיקע מיליאָנען! אַ טעגלעכע יידישע צייטונג אויף יידיש. אַ טעגלעכע יידישע צייטונג אויף שפּאַניש (אדרבא, זאָלן די גויים וויסן וועד און וואָס יידן זענען!), אַ פאַרלאַג פאַר יידישע ביכער אויף יידיש. אַ פאַרלאַג פאַר יידישע ביכער אויף שפּאַניש. איין מאָל אין יאָר וועט מען אַרויסלאָזן אַ ליטעראַרישן זאַמלבוך, מיט אַרבעטן פון די בעס־טע יידישע שרייבער פון דער גאַרער וועלט. און האָנאָראַרן וועט מען צאָלן, נאָך מער ווי ביי די גויים. דאָס יידישע מעקסיקע וועט ממש אויפגעריכטעט ווערן און זיין אַ מוסטער פאַר דער גאַנצער יידישער וועלט.

און — געזאָגט און געטאָן.

האָבן זיך די דריי אינדוסטריאַלן אַרויסגעלאָזט איבער די דער־

פער, ארום מעקסיקע שטאט, צו זוכן די דאזיקע ווונדערבארע געוויקסן. נאך לאנגן זוכן האט מען עס ענדלעך געפאקט. ממש טאקע אט דאס וואס שמעון דער בעמיקער האט געמיינט.

אז זיי האבן שוין געקריגן די געוויקסן האט מען ביי ישראלן אין שטוב איבערגעבעטן די קינדער, אז זיי זאלן אזוי גוט זיין און זיך איבערטראגן פון זייער קינדער־צימער ערגעץ אנדערש. און ביי זיי, אין קינדער־צימער, האט מען עס איינגעארדנט די לאבאראטאריע.

האבן די דריי אינדוסטריאלן אנגעהויבן איינהאנדלען: א לאנגן טיש און פעסער מיט פעסלעך, מיט גאנשערס, מיט סלויעס, מיט גרויסע פלעשער און קליינע פלעשלעך, מיט פילטערס, לייטערערס, דורכזייערס און מיט נאך אזעלכע זיבן און זיבעציק זאכן. און עס איז איינגעריכטעט געווארן אן אמתע לאבאראטאריע אויף צו מאכן מיליאנען פעזעס...

דער הויפט־מחותן איז —פארשטייט זיך — געווען שמעון דער בעמיקער. ער האט עס צוגעפראוועט די צויבער־געוויקסן מיט פארשידענע בעמישע שטאפן און דאס פארוייקט אין א פאס, ווו עס האט בעדארפט אזוי ליגן אומבארירבאר גאנצע צען טעג.

די צען טעג האבן זיך געצויגן ווי צען יאר. מיט אנגעצויגענער געשפאנטקייט און מיט נערוועזער אומגעדולד האט מען געווארט, אז די צען טעג זאלן שוין אריבער. דערוויל האבן די דריי אינדוסטריאלן טאג און נאכט געהאלטן אין איין חשבונען, וויפל פראפיטן דאס געשעפט וועט איבערלאזן, נאכן אראפרעכענען די אויסגאבן פון די רוי־מאטעריאלן און פראפאגאנדע. און די מיליאנען פעזעס האבן געהאלטן אין איין וואקסן פון טאג צו טאג...

קוים דערלעבט שוין דעם עלפטן טאג.

באלד באגינען איז עס געווען. די גאנצע וועלט איז נאך כמעט געשלאפן. זענען שוין די דריי אינדוסטריאלן געשטאנען ביי דער צוגעדעקטער פאס, וואס האט פארמאגט דעם ווונדערבארן אוצר אין זיך.

מיט ציטערנדיקע הענט און מיט א באזונדערן קדושה־געפיל, ווי פרומע יידן ביי אן ארון הקודש להבדיל, זענען די דריי אינדוסטריאלן צו אפצודעקן די פאס מיטן געהיימען צויבער־מיטל.

אָפּגעדעקט די פּאַס און מ׳האָט דערזען — — — אַ ווייסן געדיכטן שימל באַצויגן אויפן „ווי רופט מען עס״... פון זיך אַליין האָט זיך יעדנס האַנט אַ כאַפּ געטאָן צו דער נאָז. שמעון דער כעמיקער האָט אין אָנהויב געפילט זיך אַ ביסל פאַרלוירן, אָבער באַלד האָט ער גענומען טרייסטן די חברים זיינע און נאָכמער — זיך אַליין:

— יאָ, יאָ, אַזוי דאַרף עס זיין. אַקוראַט אַזוי. ס׳איז זייער גוט, זייער גוט.

ווידער זענען די דריי אינדוסטריאַלן געמוטיקט געוואָרן און אַ פרייד האָט זיי אַרומגענומען, אַ פרייד פון שאַפן, און נאָך מער — פון דעם וואָס זיי גייען אויפטאָן אַזאַ פילפאַכיק־גרויסע זאַך: ערשטנס — וואָס אַזוי פיל טויזנטער און טויזנטער פליכעוואַטע קעפּ וועלן דורך זיי געהאָלפן ווערן און ווידער באַהאָרט ווערן, אַ קאָלאָסאַלער אויפטו פאַר דער ליידנדיקער מענטשהייט; צווייטנס — די מיליאָנען פּעזעס וואָס דאָס וועט אַריינברענגען; דריטנס — די גרויסע פאַרנעמפּולע קולטור־אויפטואונגען, וואָס וועלן דורך די דאָזיקע מיליאָנען דערגרייכט ווערן...

איצט האָט שוין די אַרבעט גענומען גיין אין פולן ברען. שמעון דער כעמיקער האָט געגעבן אָרדנס און די אַנדערע צוויי האָבן די אָרדנס אויסגעפילט. האָט מען פריער אַראָפּגענומען דעם געדיכטן ווייסן שימל, און די געדיכטע קלעפּיקע מאַסע, וואָס פון אונטערן שימל, האָט מען אויסגעשעפּט און דורכגעלאָזט דורך אַ ליטערער אין אַ צווייטער פּאַס אַריין. דערביי האָט זייער אָפּט איינער פון די שותּפים זיך שטאַרק פונאַנדערגעניסט און געכאַפּט די האַנט צו דער נאָז... פון דער צווייטער פּאַס האָט מען דורך אַ פילטער געגאָסן די מאַסע... אין גאָנשערם אַריין, און פון אונטערשטן שטאָק האָבן שכנים אַרויפגעשריגן:

— וואָס איז עס פאַר אַ שטינקעכץ דאָרטן ביי אייך אין דער הויך. מ׳קען דאָך פאַרסמט ווערן פון דעם ריח. וואָס איז, איר שינדט דאָרט אָפּ אַ געפּייגערט פערד, צי עפּעס אַן אַנדערע נבלה דאָרטן?!

די דריי אינדוסטריאַלן אָבער האָבן זיך נישט געמאַכט וויסנדיק, וואָס די שכנים שרייען דאָרטן. זיי האָבן געהאַלטן אין איין

גיסן און איבערגיסן און ווידער גיסן פון איין גאַנשער אין צווייטן, ביז ישראלם ווייב איז אריין אין לאַבאָראַטאָריע מיט אַ געוואַלט:

— וואָס טוט זיך דאָ, מיר וועלן דאָך אַלע פאַרסמט ווערן פון שטינקעכץ! איר ווילט מאַכן חזירישע עקספּערימענטן, זאָל עס מנחם אָדער שמעון נעמען צו זיך אַהיים; וואָס עפּעס ביי מיר!? די קינ־דער זענען דאָך שוין פאַרקאַטערט געוואָרן פונם חלשותדיקן ריח ניחוח, און זיי האַלטן אין איין ניסן, זיי וועלן דאָך עס נישט אויס־האַלטן פון אַזאַ שטינקעכץ, פּפו זאָל עס ווערן! וואָס פאַר אַ טינופת האָט איר עס אַריינגעבראַכט אין אַ שטוב אַריין?!

די דריי אינדוסטריאַלן אָבער האָבן זיך געמאַכט נישט וויסנ־דיק, פּונקט ווי זיי וואָלטן גאָרנישט געהערט די אַלע געוואַלטן און געשרייען. זיי האָבן, מיט טיפער ערנסט, ווייטער געהאַלטן אין איין מישן און איבערגיסן, לויט שמעונס אָנווייזונגען. אַליין האָבן זיי שוין אומאויפהערלעך געניסט און געפּאָנפעט, אָבער די הייליקע מלאכה איז אָן אָפּשטעל ווייטער אָנגעגאַנגען: מישן, גיסן און אי־בערגיסן פון איין גאָנשער אין צווייטן...

פאַרנאַכט צו זענען זיך אַלע שכנים צונויפגעלאָפן ביי ישראלן אין שטוב און האָבן געדראָט:

— אויב איר וואַרפט נישט גלייך אַרויס דאָס געפּייגערטע פערד פון אייער שטוב, גייען מיר שוין אַוועק צו מעלדן דאָס אין דער פּאָ־ליציי. מיר קענען שוין מער דאָס שטינקעכץ נישט אויסהאַלטן. די קינדער וועלן אונדז קראַנק ווערן.

האָט שמעון דער כעמיקער געזאָגט, אַז ער ווייסט פון אַזאַ כעמיש מיטל, וואָס זאָל אַוועקנעמען דעם שלעכטן ריח. זענען זיי, אַלע דריי אינדוסטריאַליסטן, אַוועק אין די אַפּטייקן זוכן אָט דאָס כעמישע מיטל, וואָס זאָל אַוועקנעמען דעם פאַרדאָסטן ריח פון דעם אוצרדיקן האָר־געמויזעכץ, כדי אומגעשטערט צו קענען לאָזן די אינדוסטריע אין איר ווייטערדיקן נאָרמאַלן גאַנג.

ישראלם ווייב אָבער האָט נישט געוואַרט, נישט אויף דער פּאָ־ליציי, מיט וואָס די שכנים האָבן געדראָט און נישט אויף די דריי אינדוסטריאַלן, וועלכע האָבן געזאָלט ברענגען אַ כעמיש מיטל אַזאַ,

וואָס האָט באַדאַרפט אוועקנעמען דעם נעפיינערטן גבלה־ריח פון דער האַר־וואַסער, כדי צו לאָזן די אינדוסטריע ווייטער אַרבעטן.

ווען די אינדוסטריאַלן זענען געקומען צוריק אין דער לאַבאָראַטאָריע איז שוין קיין זכר נישט געווען פונם גאַנצן וווּנדערבאַרן „צויבער־מיטל", וואָס האָט געזאָלט באַהאָרן אַלע פּליכעס פון דער וועלט.

אַלץ איז געווען אויסגעגאָסן אין קלאָזעט־קאַנאַל אַריין. אַלע גאָנשערס, סלויעס, פלעשער און פלעשלעך — צעבראָכן אויף פּיצלעך אין איין באַרג מיסט. און די גאַנצע שטוב איז שוין געווען אויסגעשפּריצט מיט קריזאָל־דיזענפעקציע.

זענען זיי, די דריי אינדוסטריאַלן, געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, ביים חורבן פון זייער אינדוסטריע און מיט ווייטיק באַדויערט, וואָס צוליב אַ נאַרישן ריח איז אַזאַ טייערע אינדוסטריע געבראָכן געוואָרן און אַזעלכע טייערע, וווּנדערבאַרע צוקונפטס־פּלענער זענען צעשטערט געוואָרן.

אַ רחמנות האָט זיי אויך אָנגענומען אויף אַט אַזוי פיל פּליכעוואַטע קעפּ, וואָס האָבן געקענט געהאָלפן ווערן און האָבן נעבעך דערצו נישט זוכה געווען.

פאַרלוירן איז געגאַנגען די אינדוסטריע, דערפאַר אָבער זענען די דריי אינדוסטריאַלן זיך געבליבן די נאָענטסטע פריינד און די בעכטע חברים.

נסיון

(פֿאָלקס מעשה)

געווען איז אַ מאַן אין לאַנד פּוילן, יונה־מאיר האָט ער געהייסן. איז דער דאָזיקער מאַן געווען אַ גרויסער למדן, אַן ערלעכער ייִד, אַ ירא־שמים און אַ מענטש מיט אַ סך מידות טובות. האָט ווער אויס־געשטרעקט אַ האַנט, אָדער איז ווער אַרומגעגאַנגען נישט גוט צו־געדעקט זיין לייב, האָט יונה־מאיר אוועקגענומען דאָס לעצטע פֿון זיך און דאָס אָפּגעגעבן צום באַדערפֿטיקן. האָט ווער געלאָזט פֿאַלן פֿאַר אים אַ טרער, אָדער געוויזן פֿאַר אים אַ באַצערט פּנים, האָט יונה־מאיר באַלד געפֿונען פֿאַר יענעם אַ טרייסט־וואָרט, וואָס האָט אָנגעפֿילט יענעמס האַרץ מיט אמונה און בטחון. און געהאַט האָט ער, יונה־מאיר, אַ ווייב — אַ גרויסע צדקנית. האָט זי געאַרבעט שווער און ביטער, כּדי מפרנס צו זיין דאָס בני בית און צו זען, אַז דער מאַן, דער גרויסער למדן און ירא־שמים, זאָל קענען במנוחה און אומ־געשטערט זיצן און לערנען די הייליקע תורה און דינען דעם בורא יתברך.

איז געקומען דער טאָג, ווען אַלע מלאכים שטעלן זיך פֿאַר גאָט ברוך הוא, איז דער שטן אויך געקומען צווישן זיי. האָט גאָט ברוך הוא געפֿרעגט דעם שטן:

— פֿון וואַנען קומסטו?

— פֿון אַרומשוועבן איבער דער וועלט און באַטראַכטן זי — האָט דער שטן געענטפֿערט.

האָט גאָט ברוך הוא געפֿרעגט דעם שטן:

— צי האָסטו אַכט געלייגט אויפֿן גרויסן ערלעכן ייִדן, מיין

געבעט יונה־מאיר? נישטאָ, מיין איך, נאָך אזא גאָטספאָרכטיקער
מאַן, מיט אזויפיל מורא פאר זינד, ווי מיין קנעכט יונה־מאיר, אויף
דער גאַנצער וועלט.

האָט דער שטן געענטפערט:

— נישט אומזיסט איז יונה־מאיר אזא גאָטספאָרכטיקער מאַן,
אז דו האָסט אים ארומגעפּאַנצערט מיט אָרימקייט און באַשיצט
האָסטו אים מיט א ווייב א צדקנית, וואָס טוט כל עבודת פרך אבי
צו דערהאַלטן דעם מאַנס תורה און ערלעכקייט. די פאַרלאַנגען פון
יונה־מאירן מיט זיין פאַמיליע זענען זייער קליינע, א גאַנצע וואָך באַ־
נוגענען זיי זיך מיט א שטיקל ברויט און אביסל קלייען־גריץ, א
כזית פלייש משבת לשבת האָבן זיי גענוג, טאָ ווי אזוי קען אזא
מענטש גאָר האָבן א חוש פאר זינד און ווי קען אזא מענטש
האָבן א געלעגנהייט צו זינדיקן. פּרוביר נאָר אָבער, גאָט, און
שטראָף אים, יונה־מאירן, מיט עשירות, וועסטו דאַמאָלסט זען, צי
ער וועט דיך נישט לעסטערן און ווערן אזא זינדיקער, ווי יעדער
ילוד־אשה אויף דער וועלט.

האָט גאָט ברוך הוא געזאָגט צום שטן:

— איך גיב איבער מיין קנעכט יונה־מאיר צו דיר אין די
הענט און דו פּרוביר אים אוים מיט עשירות. לאָמיר זען צי וועט ער
קענען ביישטיין דעם דאָזיקן נסיון.

ויהי היום, יונה־מאיר איז געזעסן אין בית המדרש איבער א גמרא
זבחים און געלערנט, ווי זיין שטייגער, הויך אויפן קול מיט א שיי־
נעם ניגון: „המזבח מקדש את הראוי לו. רב יהושע אומר, כל
הראוי לאשים אם עלה לא ירד, שנאמר.. „רבן גמליאל אומר, כל
הראוי למזבח אם עלה לא ירד, שנאמר.."

יונה־מאיר האָט אוועקגענומען אויף א ווײַלע דעם קאָפּ פון
דער גמרא, כדי צו געבן א שמעק טאַבאַק, ער טוט א קוק און ווערט
נבהל ונשתומם: קעגן־איבער אים שטייט אַן אַלטער ייד, מיט א
לאַנגער, גרויער באָרד און אויף וועמענס פּנים מען זעט באַשיינפּער־
לעך, ווי עס רוט די שכינה.

— שלום עליכם רב ייד — האָט יונה מאיר אויסגעשטרעקט א

ציטערנדיקע האַנט צום אַלטן, גרייז־גרויען, פרעמדן מאַן — פון וואַ־נען קומט אַ ייד?

— עליכם שלום — האָט דער אַלטער אים געגעבן אַ האַנט — איך קום פון ווייט, קום איך. איך בין פאַרבייגעגאַנגען דעם בית המדרש און כ'האָב געהערט אַ קול תורה בין איך אַריינגעקומען.

יונה־מאיר האָט באַלד דערפילט אינעם אַלטנס האַנט, אַז עס איז עפּעס נישט קיין פּראָסטע האַנט פון אַ געוויינלעכן בשר ודם... ווער ווייסט...

דאָ איז אים געקומען אויפן רעיון דער מאמר: „אשרי מי שראה פניו בחלום ונתן לו שלום והחזיר לו שלום". (ווייל איז צו דעם ווער ס'האָט געזען זיין פנים אין חלום און האָט אים געגעבן שלום און יענער האָט אים צוריקגעגעבן שלום.) זאָל דאָס אַלץ גאָר זיין אויף דער וואָר!... זאָל דאָס זיין ער?!..

און דער אַלטער האָט ווייטער גערעדט:

— איך האָב באַלד פאַרשטאַנען, אַז דאָס זיצט רב יונה מאיר און לערנט.

יונה מאיר איז אינגאַנצן פאַרציטערט געוואָרן און ער האָט געפרעגט:

— פון וואַנען ווייסט איר מיין נאָמען, רב ייד?

— איך האָב נישט געוווסט אייער נאָמען, — האָט דער אַל־טער מאַן געענטפערט — אָבער דאָרטן, פון וואַנען מ'האָט מיך גע־שיקט צו אייך, דאָרטן איז אייער נאָמען גוט באַוווסט. דאָרטן ווייסט מען פון אייער תורה, פון אייערע מעשים טובים, פון אייער גאָטס־פאָרכטיקייט און פרומקייט, און דעריבער האָט מען מיך געשיקט צו אייך. עס איז געוואָרן אַ רעש אין הימל: „סטייטש, היתכן, זו תורה וזו שכרה?! סטייטש, ווי קען דאָס דערלאָזט ווערן, אַז דער ערלעכער ייד, דער למדן, רב יונה־מאיר, זאָל זיין אַזוי פאַרזונקען אין אָרימקייט, אַז ער זאָל אפילו קיין צדקה נישט קענען טאָן ווי עס באַדאַרף צו זיין! ווי מעג מען דערלאָזן אַז רב יונה־מאירס ווייב, די צדקנית, זאָל אַזוי זיך מוטשען על ככר לחם און זיינע קינדער זאָלן אַרומגיין קרוע־בלויה, אָן אַ בגד אויפן לייב! און דאָ ווערן די טעכ־טער זיינע שוין באַלד ראויות לחופה און קיין איין פּרוטה פאַר

זייערטוועגן איז נישטאָ! סטייטש, היתכן, זו תורה וזו שכרה?!״ האָט כביכול מיך געשיקט צו אייך, ‏דאָס אַלץ מתקן צו זיין, אייך צו בענטשן מיט עשירות און דורך דעם צו דערהויבן דעם כבוד התורה.

יונה־מאיר, דערהערנדיק די דאָזיקע ווערטער, איז שטאַרק דער־שראָקן געוואָרן און ער האָט אָנגעהויבן צו שטאַמלען:

— ווי קען עס זיין, אַז מען זאָל מיר פון הימל וועלן געבן געַ־צאָלט, די גמרא זאָגט דאָך, אַז „שכר מצוה בהאי עלמא ליכא״ (אויף דער וועלט צאָלט מען נישט קיין שכר פאַר מצוות).

— דאָס איז נישט קיין שכר — האָט דער אַלטער געענטפערט — דאָס איז נישט אין אייער זכות נאָר אין זכות און אין כבוד פון דער תורה הקדושה, כדי זי אַרויסצונעמען פונעם שפל המצב. רעריבער זאָגט די גמרא, אַז תלמיד חכם שמחל על כבודו אין כבו־דו מחול, (אַ למדן וואָס וויל מוחל זיין אויף זיין כבוד קען ער דאָס נישטאָ טאָן) ווייל דער כבוד איז נישט זיינער, נאָר ס׳איז דער כבוד פון דער הייליקער תורה און אויפן כבוד פון דער תורה הקדושה טאָר אפילו אַ תלמיד חכם נישט מוחל זיין.

— אָבער — האָט יונה־מאיר געציטערט פאַר פחד — איך האָב מורא, אַז מ׳וועט מיר דורך דעם מקפח זיין פון מיין חלק עולם הבא.

— איר דאַרפט זיך גאָרנישט שרעקן, רב יונה־מאיר — האָט אים דער אַלטער געטרייסט — אייער חלק עולם הבא איז סיי ווי שוין מוכן ומזומן פאַר אייך. קיין שום כוח און קיין זאַך אין דער וועלט קען פון דעם שוין גאָרנישט מינערן.

דערביי האָט דער אַלטער מאַן דערלאַנגט יונה־מאירן אין האַנט אַריין אַ קליין הילצערן קעסטעלע און געזאָגט האָט ער צו אים בזו הלשון:

— וואָס איר וועט אַריינלייגן אינעם דאָזיקן קעסטעלע וועט איר אַרויסנעמען כפלים.

יונה־מאיר האָט נאָך עפּעס געוואָלט פרעגן, אָבער דער אַלטער איז פּלוצלינג פאַרשוואונדן געוואָרן.

אַ לאַנגע צייט נאָכן אַלטנס פאַרשווינדן ווערן איז יונה מאיר גע־

בליבן זיצן ווי אין הינער־פּלעט. ער האָט אַליין נישט געוווּסט, צי שלאָפט ער און דאָס אַלץ איז געווען אַ חלום, אָדער איז דאָס אַלצדינג טאַקע פאָרגעקומען אויף דער וואָר.

ערשט פון זיין אייגענעם געשריי וואָס ער האָט אַרויסגעלאָזט:

— ר־ע־ע־ב ע־לי־ע!

האָט זיך יונה מאיר אויפגעכאַפּט.

דערזעט יונה מאיר, אַז אויף דער אָפענער גמרא זבחים שטייט דאָס קעסטעלע, וואָס דער אַלטער האָט איבערגעלאָזט; ליגן זיינע אויגן איבער די ווערטער פון דער גמרא און איבערן קעסטעלע:

—המזבח מקדש את הראוי לו.. ווי איז עס מעגלעך, ווי איז עס מעגלעך, אַז וויפל איך וועל אַריינלייגן וועל איך אַרויסנעמען כפלים, היכי ת־מ־צ־א?!

נעמט יונה מאיר, אויף טשיקאַווע, אַרויס אַ פּרוטה פון קעשענע, לייגט זי אַריין אינעם קעסטעלע... ער גאַפט און שטוינט, און אַ קינדערשע פריידיקע איבערראַשונג האָט אים מיטאַמאָל אָרומגעכאַפּט.

— יאָ, ס'איז טאַקע אמת, ס'איז אַרויס צוויי פּרוטות!

זעט דאָך שוין יונה־מאיר באַשיינפּערלעך, אַז דאָס איז מן השמים און ער טראַכט:

— אויב אַזוי טאָר מען נישט מתרעם זיין און מ'טאָר זיך נישט שטעלן אַנטקעגן. מן הסתם איז אַזוי דער רצון פון דעם בורא יתברך. איצט דאַרף מען לערנען דעם מאמר פאַרקערט: „חייב אדם לברך על הטובה כשם שמברך על הרעה" (אַ מענטש דאַרף דאַנקען דעם אויבערשטן פאַר גוטס, פּונקט ווי פאַר שלעכטס).

נעמט יונה מאיר די צוויי פּרוטות און לייגט זיי ווידער אַריין אינעם קעסטעלע, יאָ ס'איז אמת, ער נעמט באַלד אַרויס פיר פּרוטות. לייגט ער אַריין די פיר פּרוטות נעמט ער אַרויס אַכט, און אַזוי ווייטער און ווייטער.

נעמט יונה מאיר צונויף די אַלע פּרוטות און גייט אַוועק צום מוכסן. דאָרטן בייט ער אויס די אַלע פּרוטות אויף אַ גאָלדן רענדל. יונה מאיר לויפט שנעל אַהיים מיטן גילדענעם רענדל און מיטן קעסטעלע. ער פאַרמאַכט זיך אין זיין חדר מיוחד און ער לייגט

אַריין דאָס גאָלדענע רענדל אינם קעסטעלע, באַלד נעמט ער ארויס פון דאָרטן צוויי גילדענע רענדלעך. לייגט ער אַריין די צוויי רענד־לעך, נעמט ער אַרויס פיר, פון פיר — אַכט, און פון אַכט — זעכצן. און אַזוי ווייטער און אַזוי ווייטער. יונה מאירן הויבט אָן מישן דער קאָפּ און שווינדלען פאַר די אויגן פונם גלאַנץ פון אַזוי פיל גאָל־דענע רענדלעך. און — מיט צעפלאַמטער תאוה האַלט ער אין איין אַריינלייגן גילדענע רענדלעך אינם קעסטעלע און נעמט אַלץ אַרויס טאָפּלט.

קלאַפּט דאָס ווייב, די צדקנית, אין דער טיר פונם חדר:

— יונה מאיר, מיין מאַן, ס'איז שוין צייט צו גיין דאַווענען מנחה.

ענטפערט יונה מאיר דורך דער טיר:

— איך וועל היינט דאַווענען מנחה ומעריב ביחידות.

שפּעט ביינאַכט קלאַפּט דאָס ווייב ווידער אָן אין דער טיר פונם חדר:

— יונה מאיר, מיין מאַן, ס'איז שוין צייט צו עסן וועטשערע.

ענטפערט יונה מאיר דורך דער טיר:

איך בעט דיר, מיין ווייב, דו ביסט דאָך אַן אשה כשרה, שטער מיר נישט, ווייל עס איז אַלץ מן השמים.

גייט אַזוי אַוועק אַ טאָג, צוויי און דריי. יונה מאיר גייט נישט אַרויס פון זיין חדר. נישט ער דאַוונט, נישט ער לערנט, נישט ער עסט, נישט ער טרינקט. יונה מאיר רעדט נישט, טראַכט נישט און ווייסט גאָרנישט וואָס אַרום אים טוט זיך. ער האָט אין דער גאַנצער וועלט פאַרגעסן; אַפילו אין מציאת הבורא האָט ער פאַרגעסן. אַלע זיינע חושים, אַלע זיינע רמ"ח אברים און שס"ה גידים זענען אָנ־געגאָסן בלויז מיט דער איין און איינציקער אָנגעגליטער תאוה, אריינ־צולייגן גילדענע רענדלעך אינם קעסטעלע, פון וועלכן ער נעמט כסדר אַרויס טאָפּלט וויפל ער לייגט אַריין.

אַז עס זענען אַוועק דריי טעג און יונה מאיר איז נאָך אַלץ נישט אַרויס פון זיין חדר. איז דאָס ווייב, אַ דערשראָקענע און פאַר־זאָרגטע אַוועק צום רב און דאָס אַלצדינג אים דערציילט. באַלד איז דער רב, מיט אַלע דיינים און שמשים, אַוועק צו יונה מאירן. זיי האָ־

בן געקלאַפּט אין דער טיר פון זיין חדר, אָבער אין קול ואין עונה.

האָט גאַנץ בית־דין געשריען דורך דער טיר און גוזר געווען בגזרת די פיר אותיות, אַז ער, יונה מאיר, זאָל עפענען די טיר. אָבער קיין ענטפער איז נישט געקומען.

דאַמאָלסט האָט בית־דין אויפגעריסן די טיר און איז אַריין אינעווייניק.

. . . .

יונה מאיה איז געלעגן טויט אויף אַ קופּע גילדענע רענדלעך.

. . . .

. . . .

אין מיטן דערינען האָט אַ ווילד געלעכטער אויפגעפּלאַצט אינם חלל פון יונה מאירס חדר:

— כי־כי־כי, כאַ־כאַ־כאַ!

דאָס האָט דער שטן זיך צעלאַכט מיט שמחה פון נצחון און אויפן קול האָט ער אויסגערופן:

— אַ קליינע גבורה איז בייצושטיין דעם נסיון פון אָרימקייט און צרות, אַ סך האָב דאָס שוין באַוויזן, נישט נאָר איוב אַליין. אַ גבורה איז בייצושטיין דעם נסיון פון עשירות.

אַזאַ נסיון וועט קיינער נישט קענען ביישטיין!...

אַ רייזע קיין ישראל

זינט עס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די מדינת ישראל איז געוואָרן אַ גיהנום ביי הערש מענדל בידניק אין שטוב. אַ פייער פון מחלוקת, צאַנקערייען און קעגנזייטיקע זידלערייען, האָט זיך אָנגעצונדן אין שטוב און עס האָט געברענט טאָג און נאַכט.

הערש מענדלס ווייב, באַשע לאה, האָט אָנגעהויבן צו פּאַרארבעטן און איינלייגן וועלטן, אַז נאָר מ'זאָל אַלץ פאַרקויפן, אויפגעבן און ליקווידירן אַלצדינג וואָס מ'האָט אין מעקסיקע און פאָרן זיך באַזעצן אין ישראל. זי וויל נישט מער וווינען אין מעקסקע, האָט זי געטענהט. באשר זי וויל פירן אַן אמת יידיש לעבן ווי אירע עלטערן האָבן געפירט, אַז שבת זאָל זיין שבת, יום טוב זאָל זיין יום טוב און די קינדער זאָלן זיין יידישע קינדער. זי וויל נישט האָדעווען מער קיין גוים.

ער אָבער, הערש מענדל, האָט זיך געהאַלטן ביי זיינס:

— די ציוניסטן האָבן געוואָלט האָבן אַ מלוכה זאָלן זיי פאָרן אַהין. איך בין נישט קיין ציוניסט און איך וויל נישט זיין קיין ציוניסט. איך האָב זיך נישט וואָס צו קלאָגן אויף מעקסיקע. איך בין דאָ גאַנץ צופרידן.

נאָך חדשים־לאַנגע קריגערייען, געשרייען, צאַנקערייען, האַמפּערנישן, זידלערייען און געוואַלטן, איז באַשע לאה איינגעגאַנגען אויף אַ פשרה:

— ווייסטו וואָס, הערש מענדל, פאָר דו אַליין פריער אַוועק

אַהין, וועסטו זען, אויב ס׳וועט דיר דאָרטן געפעלן וועלן מיר אַוועק זיך באַזעצן דאָרט. און טאָמער נישט — איז נישט.

דאַמאָלסט ערשט האָט הערש מענדל זיך צעיאָכמערט:

— גענוג בלוט און געזונט האָט מיר מיין פאַרמעגן געקאָסט ביז כ׳האָב עס דערגרייכט, זאָל איך גיין גאָר צעפּאַטערן געלט אויף רייזעס קיין ארץ ישראל?! כ׳האָב שוין נישט הייסט עס מער וואָס צו טאָן! איך בין נאָך חלילה דערווייל דאַנקען גאָט נישט גערירט פון זינען! זאָלן זיי, די ציוניסטן, פאָרן. זיי האָבן גרינג געלט. איך וואַרף זיך נישט מיט קיין געלט!

ווער ווייסט צו וואָס די אַלע קריגערייען, צווישן מאַן און ווייב, וואָלטן דערגאַנגען, ווען עס געשעט נישט ביי זיי אָט דער צופאַל.

א יינגל זייערס איז אראָפּגעפאַלן פון די טרעפּ, האָט זיך צע־בראָכן אַ פוס און איז חדשים לאַנג געלעגן צו בעט.

הערש מענדל — אַ פאַנאַטישער אָבערגלויבער — האָט געטאָן אַ נדר: אויב דאָס יינגל וועט זיך בשלום אויפהייבן פון בעט פול־שטענדיק געזונט, וועט ער פאָלגן דעם ווייב און מאַכן אַ רייזע קיין ארץ ישראל.

דאָס יינגל איז געזונט געוואָרן און הערש מענדל בידניק איז געפאָרן קיין ארץ ישראל.

⁂

דער באַלאַנטער פועלי־ציוניסטישער עסקן אין מעקסיקע, ל. ד. האָט זיך געמאַטערט צו דערגיין דעם אמת, וואָס עס קומט פאָר אין מדינת ישראל. וויפל ער האָט גענישטערט אין דער ישראלדיקער פרעסע און זיך באַמיט פון דאָרטן עפּעס ארויסצוקריגן איז עס אים נישט געלונגען. יעדע פאַרטיי — האָט ער געזען — קומט ארויס אין איר אָרגאַן מיט אַנדערע פּרעטענציעס און באַשולדיקונגען קעגן דער ישראל־רעגירונג. אָבער ער האָט געפילט, אַז אַלע זייערע טענות זענען פּאָליטיש־טענדענציעזע און אומבאַרעכטיקטע. אָפטמאָל האָט ער איינגעזען, אַז אפילו זיי אַליין, די פאַרשידענע צייטונגען פון די קעגנערישע פּאַרטייען, זיי אַליין צווישן זיך זענען זיך סותר איינע די אַנדערע. אויך אפילו פון די פּראָ־רעגירונג־צייטונגען האָט ער נישט געקענט ארויסקריגן דעם ריכטיקן אמת וואָס דאָרט קומט פאָר, ווייל

— אזוי האָט זי אים אויסגעדראכט — זיי זענען אויך פּאָליטיש־טענדענציעז.

— איז ווי אזוי זשע דערגייט מען פּאַרט דעם אמת פון מדינת ישראל?

איז ל. ד. געפאלן אויף א געדאנק, אז ער וועט ליבערשט רעדן דירעקט מיט מענטשן וואָס זענען געקומען צוריק פון ישראל. פּאַרט ביי א לעבעדיקן מענטשן, וואָס איז דאָרטן געווען, האָט אליין געזען און געהערט, וועט לייכטער זיין אַרויסצוקריגן דעם אמת וועגן דער ישראלדיקער ווירקלעכקייט און וועגן דער שטימונג דאָרטן ביי פאַר־שידענע קלאַסן מענטשן, פון די ישראלדיקע איינוווינער. אפילו ביי די אומצופרידענע, וואָס זענען געקומען צוריק פון ישראל מיט נע־גאַטיווע מיינונגען, וועט מען קענען אַרויסקריגן, אין לויף פון שמו־עס מיט זיי, די פּאָזיטיווע זייטן פון ישראלדיקן אויפבלי און אויפ־בוי. קעגן זייער ווילן וועלן זיי מוזן אַרויסברענגען די אמתע, אל־זייטיקע, ישראלדיקע ווירקלעכקייט.

אז ל. ד. האָט געהערט, אז הערש מענדל בידניק איז צוריקגע־קומען פון א רייזע אין ישראל איז ער צו אים אַוועק, כדי צו כאַפּן מיט אים א שמועס.

געטראָפן האָט ער הערש מענדלען אין עפּעס א צעדראָסטער שטימונג. ל. ד. האָט אפילו געטראַכט, אז בעסער וואָלט געווען נישט צו פאַרפירן מיט אים א שמועס אין אזא מאָמענט. אָבער אז ער איז שוין צו אים געקומען — האָט ל. ד. זיך מישב געווען — דאַרף מען שוין ווי עס איז ביי אים, ביי הערש מענדלען, עפּעס דערגיין.

און דער שמועס האָט זיך אָנגעהויבן:

— ווי לאַנג האָט איר פאַרבראַכט אין ישראל?

— ווו זאָגט איר?

— אין ישראל. אין מדינת ישראל.

— אין ארץ ישראל, מיינט איר.

— יאָ, אין ארץ ישראל. היינט הייסט דאָך עס מדינת ישראל.

— מאלע וואָס זיי רופן עס דאָרטן היינט, ביי מיר איז עס ארץ ישראל, אזוי ווי מיין טאַטע און מיין זיידע האָבן עס גערופן.

— פון מיינעט וועגן רופט עס ווי איר ווילט. ווי לאנג זענט איר דארטן געוועז?

— צוויי וואכן בין איך דארטן געוועז. גאנצע צוויי וואכן.

— צוויי וואכן, נישט מער? וואס עפעס אזוי ווינציק?

— ווען איך וואלט דארטן געוועזן זיין לענגער, דאכט מיר, וואלט איך באדארפט אהיימקומען אן הויזן. אויך אין די צוויי וואכן זענען די דאלארן געפלויגן ווי שפענער.

— און וואס האט איר דארטן עפעס געזען אין די דאזיקע צוויי וואכן?

— מאדנע, אלע פרעגן די זעלביקע פראגע, וואס כ'האב דארטן געזען. איך ווייס נישט וואס עס איז פאראן דארטן צו זען.

— וואס הייסט! די יידישע שטעט, די יידישע דערפער, די יידישע מלוכה, די כנסת, דאס יידישע מיליטער, יידישע פאליציי; ווינציק איז פאראן דארטן היינט וואס צו זען?!

— איך ווייס נישט. איך בין אין ערגעץ נישט געוועז. איך בין געוועזן נאר אין תל־אביב.

— פארוואס עפעס נאר אין תל־אביב?

— איך האב נישט געהאט קיין צייט צו זיין אומעטום און זען אלצדינג. און איך ווייס נישט וואס עס איז פאראן דארטן וואס צו זען.

— איז עס אמת, אז אלע רעדן דארטן העברעיש?

— ווער עס קען דער רעדט. ווער עס קען נישט קיין העברעיש, רעדט אויף וועלכער שפראך ער וויל.

— און נאך וואס, אייגנטלעך, זענט איר אהין געפארן? אויב איך מעג עס ווייסן.

— גלייבט מיר, אז איך ווייס אליין נישט. מיין ווייב האט זיך צוגעזעצט, אז איך זאל פארן, בין איך געפארן.

— תל־אביב איז עפעס א שיינע שטאט?

— א שטאט ,כ'ווייס, ווי אלע שטעט. איך ווייס נישט פון וואס עס איז פאראן צו ווערן אזוי באגייסטערט.

— איז תל־אביב טאקע אזא גרויסע שטאט?

— מיך ראשט שוין נישט איבער קיין גרויסע שטאט. איך בין

נישט קיין דאָרפישער און נישט פון קיין קליין שטעטל. איך אליין, דאַרפט איר וויסן, קום פון אַ גרויסער שטאָט און כ'האָב שוין גע־נוג גרויסע שטעט געזען. מיך קען שוין אַ גרויסע שטאָט נישט באַצויבערן.

— זענט איר געווען אין כנסת?

— וואָס איז עס, אויך אַ גרויסע שטאָט?

— כנסת איז נישט קיין שטאָט. כנסת איז דער יידישער פּאַרלאַמענט.

— אַה, דאָרטן אין יידישן פּאַרלאַמענט, דאָרטן בין איך נישט געווען, אָבער איך ווייס נישט וואָס דאָרטן איז פאַראַן אַזעלכעס צו זען.

—האָט איר עפּעס געהערט וועגן דער טעטיקייט פון דער הס־תדרות?

— אַה, יאָ, די סטאַדרוט, די קאָמפּאַניע מיינט איר ,וואָס מאַכט צעמענט. יאָ, איך האָב עפּעס יאָ געהערט, אָבער וואָס קען עס מיך אינטערעסירן. איך דאַרף נישט קיין צעמענט.

— האָט איר נישט געזען, צי מ'קען דאָרטן מאַכן עפּעס גע־שעפטן?

— דאָרטן, אין ארץ ישראל מיינט איר, דאָרטן צו מאַכן גע־שעפטן, איך האָב זיך נישט אינטערעסירט. צו וואָס דאַרף איך זוכן צו מאַכן דאָרטן געשעפטן. איך האָב אַ גאַנץ גוט געשעפט אין מעק־סיקע. אָן מיין שאָדן, אויף אַלע יידן געזאָגט געוואָרן. און בכלל, האַלט איך, אַז ס'איז בעסער שטענדיק צו האַנדלען מיט גויים איי־דער מיט יידן.

— און דאָרטן אין ישראל, זענען דען גאָרנישטאָ קיין גויים?

— אפשר זענען זיי יאָ פאַראַן, אָבער איך האָב זיי נישט געזען.

— און די יידישע סאָלדאַטן האָט איר געזען?

— סאָלדאַטן, ווי אַלע סאָלדאַטן. איך ווייס נישט פון וואָס עס איז פאַראַן צו מאַכן אַזאַ וועזן. ווו איך האָב געדינט, אין טולע, רוסלאַנד, זענען אין מיין פּאָלק אויך געווען אַ סך יידישע סאָלדאַטן, און קיינער איז נישט געלאָפן זיי אָנקוקן ווי אויף ביין וווּנדער!

— און דעם כותל המערבי האָט איר געזען?

— ניין, כ'האָב אים נישט געזען. ערשטנס — געפינט זיך דער כותל המערבי אין ירושלים און אין ירושלים בין איך נישט געווען. צווייטנס — ווייס איך נישט וואָס דאָרטן איז פאַראַן צו זען. איך שטעל זיך פאָר, עס מוז אוודאי זיין אזא כותל המערבי ווי אלע כותל המערבים.

— און איר האָט גאָרנישט געוואָלט פאָרן זען הערצלס קבר?

— וואָס האָב איך צו גיין אויף קברים! וואָס איז היינט חודש אלול?! באַזונדערס, האָב איך נישט קיינעם פון מיינע קרובים אויפן דאָרטיקן בית עולם, און אויף פרעמדע קברים, וואָס פאַר אַן אינטערעס האָב איך צו גיין?!

— זאָגט מיר, איך בעט אייך, אין תל־אביב מאַכן יידן גוטע געשעפטן?

— אין דעם זעט איר, האָב איך זיך יאָ אינטערעסירט. אָבער, אין דעם האָב איך זיך מיין אייגענע פראַקטיק. עס איז אזוי, דער וואָס מאַכט גוטע געשעפטן וועט עס אייך נישט דערציילן, ווארן ער האָט מורא, טאָמער וועט איר באַלד ווערן זיינער אַ קאָנקורענט. און דעם, ווידער, וואָס מאַכט שלעכטע געשעפטן, האָב איך נישט וואָס צו פרעגן. איך שטעל זיך פאָר מסתמא איז דאָס אַ שלימזל פון נאָטס גענאָד, וואָס טויג זיך נישט אוים צו קיין ביזנעס. און ביי אונדז אין מעקסיקע, איז דען נישט דאָס זעלביקע?

— און ווי מיינט איר, דאָרטן צו מאַכן עפּעס אַ פאַבריקל וואָלט זיך געלוינט?

— דעם אמת אייך זאָגן, האָב איך דאָרטן אַ סך געטראַכט וועגן דעם, אָבער ס'איז אַ צרה דאָרטן מיט די אַרבעטער. וויפל מ'זאָל זיי נישט געבן איז זיי אַלץ ווייניק. און באַלד סטראַשעט מען אייך מיט אַ שטרייק. גיי הייב זיך אָן מיט יידישע אַרבעטער! איר מאַכט אַ פאַבריק, זייער גוט, זייער ווויל. גייט אַוועק אַ שטיקל צייט ווילן די אַרבעטער שוין ווערן די באַלעבאַטים אין דער פאַבריק. הערט וואָס איך זאָג אייך: מיט אַ ייד איז נאָר גוט קוגל צו עסן, אָבער אַרבעטן זאָל מען מיט גויים.

— איר זענט געווען, זאָגט איר, אין ישראל בלויז צוויי וואָכן.

איז פונוואַנען האָט איר שוין געקענט דאָס אַלצדינג וויסן וועגן די ארבעטער דאָרטן?

— וואָס אַרט אייך, מען ווייסט שוין. מ'האָט מיר גענוג אָנדער־ציילט וועגן דעם.

— ווי אַזוי זשע, זאָגט מיר, עקזיסטירן פאָרט דאָרטן אַזוי פיל פאַבריקן?

— אַה, דאָס מיינט איר. דאָס איז שוין עפּעס אנדערש. וועל איך אייך דערציילן, ווי אַזוי די פאַבריקאַנטן טוען דאָרטן. זיי מאַכן שותפות מיט די ארבעטער אויף געוויסע פּראָצענטער, אַזוי אַרום זענען זיי שוין באַוואָרנט, אַז מ'וועט ביי זיי אין די פאַבריקן נישט שטרייקן.

— וואָלט איר דאָך אויך געקענט אַזוי מאַכן?

— איך האָב פיינט שותפות. שותפות מאַך איך נאָר מיט מיין ווייב.

— און צו עסן איז כאָטש פאַראַן גענוג אין תל־אביב?

— אַ פראַגע אביסל, צי עס איז פאַראַן צו עסן. אויב מ'האָט נאָר דאָלאַרן קענט איר עסן אויף צוזעצט צו ווערן. אָבער מ'דאַרף דאָרטן האָבן דעם מלכס אוצרות. גלייבט מיר, וואָס דאָרטן דאַרף אייך קאָסטן איין מיטאָג האָב איך אין מעקסיקע גענוג מיט מיין גאַנצער פאַמיליע אויף אַלע אויסגאַבן פון אַ גאַנצן טאָג.

— ווי מיינט איר, אַזוי ווי איר זענט שוין דאָרטן געווען, וויל איך וויסן אייער מיינונג. איך האָב חשק צו פאָרן אהין זיך באַזעצן. ווי מיינט איר, זאָל איך עס טאָן?

— וועל איך אייך אויך פרעגן: זאָגט מיר, וואָס שטופּט עס אייך אַזוי אין קאַרק אריין צו פאָרן דווקא קיין ארץ ישראל, וואָס פעלט אייך דען דאָ אין מעקסיקע?

— אָבער דאָרטן איז דאָך אַלץ יידיש. מ'היט אָפּ שבת און מ'פייערט אַלע יידישע יום־טובים, טאַקע ווי יידן.

— גייט שוין גייט, מיט אייערע נאַרישקייטן. פון ווען אָן, זאָגט מיר, זענט איר עס געוואָרן אַזאַ צלאָפּ אַ חסיד?! וואָס דערלייגט איר אַז איר רוט זונטיק, צי קענט איר דען אין די זונטיקס שלעבט פאַרברענגען אין מעקסיקע?!

— פאַרוואָס זשע, זאָגט מיר, זענט איר געפאָרן אַהין און איר האָט געטראַכט צו מאַכן דאָרט אַ פאַבריק?

— איך האָב טאַקע נישט געוואָלט פאָרן, נאָר מיין ווייב האָט זיך אַריינגענומען אַ שמאַקוליינע אין קאָפּ אַריין, אַז נאָר מיר דאַר־פן פאָרן זיך באַזעצן אין ארץ ישראל. איך שריי צו איר: „באַשע לאה לעבן, וואָס פעלט דען דיר דאָ אין מעקסיקע; וואָס איז, עס שטעכט דיר דער האָבער?" און זי, ניין און ניין, נאָר קיין ארץ ישראל. זי, פאַרשטייט איר מיך, איז דאָרטן ביי זיי, ווי הייסן זיי דאָרט, די פרויען פּיאָנערן, געוואָרן אַ גאַנצע מאַכערין, האָבן זיי דאָרטן איר אַריינגעהאַקט אין קאָפּ אַריין „ארץ ישראל". איז זי דאָך נישט מער ווי אַ יידענע, האָט זי עס גענומען אויף אַ רעכט צו אַן אמת. האָט זי זיך אַריינגענומען אַ מאַנקאָליע אין קאָפּ אַריין, אַז נאָר קיין ארץ ישראל וויל זי פאָרן. באשר בכן, זאָגט זי, צוליב די קינדער. איך ווייס נישט וואָס מיינע קינדער זאָל חלילה עפּעס פעלן דאָ אין מעקסיקע.

— און וואָס זאָגט אייער ווייב איצט, ווען איר זענט צוריק־געקומען פון ארץ ישראל?

— וואָס זי זאָגט, פרעגט שוין גאָרנישט, עס איז אַ גיהנום ביי מיר אין שטוב. האָב איך באַשלאָסן איינמאָל פאַר אַלע מאָל: דו באַשע לאה, ווילסט פאָרן, פאָר דיר געזונטערהייט און פּעכניע דאָר־טן אויפן פּיסק. נאָר טאָמער מיינט זי, אַז זי וועט דאָרטן זיצן און איך וועל איר שיקן פון דאַנען געלט אַהין, נישט ביי מאַטיען. איך וואַרף זיך נישט מיט קיין געלט. נעמט אומישנע די ליסטעס פון די אַקציעס דאַהי, אין מעקסיקע, וועט איר זען, מענטשן גיבן הונדער־טערס און טויזנטערס. אָבער מיין נאָמען וועט איר דאָרטן נישט גע־פינען. איך וואַרף זיך נישט מיט קיין געלט. ווי האָט מען געזאָגט ביי אונדז אין פּוילן: „דער נאַר גיט און דער קלוגער נעמט". איך בין נאָך נישט אויף אַזוי פיל נאַריש.

— איך האָב אייך נאָך געוואָלט עפּעס פרעגן.

— אָבער מאַכט עס שנעלער. וואָרן איך יאָג זיך אַוועקצוגיין. מענטשן וואַרטן אויף מיר. עס וועט זיי אויספעלן דאָרטן אַ „האַנט". נאָך אינדערפרי האָט מען ביי מיר באַשטעלט.

— בלויז נאָר איין קורצע פראַגע: פאַר וואָס זשע, זאָגט מיר, רייסן זיך יידן פון דער גאַנצער וועלט, היינט צו פאָרן זיך באַזעצן אין ישראל?

— ערשטנס, ווער האָט עס אייך געזאָגט, אַז מ׳רייסט זיך צו פאָרן קיין ארץ ישראל. פרעגט, אדרבא, ביי אַמעריקאַנער יידן און ביי מעקסיקאַנער יידן, אפילו ביי ציוניסטן, צי וואָלטן זיי געוואָלט וווינען אין ארץ ישראל. און צווייטנס — אויב איר מיינט, אַז מענטשן רייסן זיך יאָ צו באַזעצן זיך אין ארץ ישראל, טאָ וואָס פרעגט איר ביי מיר, פרעגט ביי זיי.

ל. ד. האָט נאָך עפּעס געוואָלט פרעגן ביים דאָזיקן יידן, וואָס איז די טעג צוריקגעקומען פון ישראל, אָבער אַז ער האָט געזען, ווי אַ מענטש איילט זיך אַזוי שטאַרק, האָט ער אים נישט געוואָלט מער אויפהאַלטן.

אַזוי האָט זיך פאַרענדיקט דער שמועס מיט הערש מענדלען, וואָס האָט געמאַכט אַ רייזע קיין ישראל.

עפּעס נייעס, וואָס עס טוט זיך אין ישראל האָט ל. ד. ביי אים נישט געקענט אַרויסקריגן, אָבער וואָס עס טוט זיך ביי יידן אין מעקסיקע, האָט ער שוין גאָר אַ סך אַרויסגעקריגן...

וואָס איז אַ ייד?

— .1 —

ביזן סוף פון זיין לעבן, גאַנצע פינף יאָר צייט, האָט דער אַלטער גוסטאַוואָ הערנאַנדעז געברענט פון כעס און איז געווען מלא רציחה פאַר דער שענדלעכקייט, וואָס די טאָכטער זיינע, לואיסאַ, האָט אָפּגעטאָן; פאַר דעם בזיון, וואָס זי האָט פאַרשאַפט די נשמות פון זיינע טויטע עלטערן און פאַר דער חרפּה, וואָס זי האָט געבראַכט אויך דער גאַנצער לעבעדיקער פאַמיליע זיינער. ער האָט, אויף קיין פאַל, נישט געקענט מוחל זיין, נישט דער טאָכטער זיינער און נישט זיך אליין, אָט דעם געמיינעם פאַרברעך, וואָס זי, לואיסאַ, איז באַגאַנגען: זי האָט פאַרלאָזט דעם אמתן, לויטערן און דערהאַבענעם קאַטוילישן גלויבן, האָט חתונה געהאַט מיט אַ ייד און האָט אַנגענומען דעם גלויבן פון איר מאַן, דעם גלויבן פון די זינדיקע, פון די פאַרשטויסער פון גאָט — דעם יידישן גלויבן.

לואיסאַ האָט מער נישט געטאָרט זיך ווייזן אין הויז פון אירע עלטערן און קיינער פון שטוב האָט נישט געטאָרט, דורך אַ שטרענגן באַפעל, זיך זען מער מיט לואיסאַן.

— אויסגעמעקט איז זי פון מיין פאַמיליע — האָט דער אַלטער גוסטאַוואָ געדונערט, ווען ער האָט געהערט רעדן וועגן לואיסאַן — און אויסגעמעקט זאָל איר נאָמען ווערן פון מיין געדעכעניש.

אַפילו שוין אויפן טויטן־בעט האָט גוסטאַוואָ נישט דערלאָזט, אַז לואיסאַ זאָל קומען אים זען. און ער איז געשטאָרבן מיט אַ קללה אויף די ליפּן צו לואיסאַן, ווייל צוליב איר וועט ער דאַרפן קומען אויף יענער וועלט מיט אַ פאַרשעמט פּנים און ער וועט נישט קע־

נען זיך באַגעגענען דאָרט מיט זיינע אומבאַפּלעקטע, הייליקע עלטערן.

ערשט נאָך גוסטאַוואָס טויט האָט לואיסאַס מאַמע, די דאָניאַ באָוויטאַ, אויפגעבראָכן דעם גדר, האָט פאַר זיך מתיר געמאַכט דעם אַלטנס חרם און איז פון סאַן לואיס פּאָטאָסי געקומען צופאָרן קיין מעקסיקע, צו זען זיך מיט דער טאָכטער, וועמען זי האָט פינף יאָר נישט געהאַט געזען.

אָבער ווען די אַלטע דאָניאַ כאָוויטאַ האָט דערזען איר בראָך, אַז ביי לואיסאַן אין שטוב איז קיין איין הייליק בילד נישטאָ, אפילו נישט אין שלאָף־צימער, אַז נישט לואיסאַ און נישט די קינדער טראָגן נישט קיין צלמלעך אויפן האַרץ, און די קינדער זאָגן נישט קיין שום הייליקע תפילות, נישט צום עסן, נישט צום שלאָפן און נישט ביים אויפשטיין, נאָר אַנשטאָט תפילות, באַלאַנגאַטשעט עפּעס לואיסאַס שווינגער מיט די קינדער, עפּעס מאָדנע אומפאַרשטענדלע־כע ווערטער, ווערטער פונם שטן אויסגעטראַכט — האָט די אַלטע בי־טער זיך צעוויינט און אַ דערשלאָגענע, צעבראָכענע און פאַרקלעמ־טע האָט זי זיך אומגעקערט אַ היים, אויף מער נישט צו באַגעגענען זיך, קיינמאָל שוין, מיט דער פאַרפירטער און פאַרבלאָנדזשעטער טאָכטער אירער. און די דאָניאַ כאָוויטאַ האָט איר וואָרט געהאַלטן.

לואיסאַ ווידער, כדי צו דערשטיקן און פאַרשטילן איר שטאַר־קע בענקשאַפט נאָך די עלטערן, נאָענטע און אייגענע, כדי צו פאַר־טומלען אין זיך איר איינזאַמקייט אין דער ווילד־פרעמדער, יידישער סביבה, האָט זי גרענעצלאָז זיך פאַרשיכורט אין דער פלאַמיקער ליבע צו איר מאַן, סאַלאָמאָן לעווין, וועמען זי האָט, מיטן גאַנצן ברען פון איר יונגער נשמה, געליבט און געצערטלט.

און דעם עודף, וואָס איז לואיסאַן געבליבן נאָך איר ליבע צום מאַן אירן, האָט זי מיט אַ ברייט האַרץ און מיט פולע הויפנס אוועק־געשענקט צו איר שווינגער, צו וועמען לואיסאַ האָט זיך געטוליעט ווי אַ פּיצל קינד צו אַ מאַמען.

און נישט איינמאָל האָט ביילה, סאַלאָמאָנס מוטער, אַ פרומע, אַלט־מאָדישע, יידישע פרוי — זיך אויסגעדרוקט:

— אַזאַ שנור, כאָטש זי איז אַ מעקסיקאַנערין, וואָלט איך ניט אויסגעטוישט פאַר צען אַנדערע, געבוירענע יידישע. כ׳וויים גאַר־

נישט ווי צו דאנקען דעם רבונו של עולם פאר דעם גרויסן חסד, וואָס ער האָט מיט מיר געטאָן און האָט מיר צוגעשיקט אויף די עלטערע יאָרן אזא טייער, ליב קינד; א טרייסט פאר אלע מיינע ביטערע צרות, וואָס איך האָב אין מיין לעבן זיך אָנגעליטן.

און ביילה האָט זיך באַמיט, מיט אלע אירע כוחות, צו מאכן פון איר שנור, פון איר לאהקען (ווי זי האָט זי גערופן), אַן עכט־יידישע טאָכטער, ווי נאָט האָט געבאָטן. און עס איז איר פולשטענ־דיק געלונגען: „לאהקע" האָט געבענטשט ליכט פרייטיקצונאכטס; „לאהקע" האָט כשר געמאכט פלייש, עקזאַקט לויטן דין; „לאהקע" האָט יעדן טאָג געדאווענט, געבענטשט נאָכן עסן און געלייענט „קריאת־שמע" פאַרן שלאָפן; „לאהקע" האָט זיך אויסגעלערנט רעדן יידיש — הלוואי אויף אַנדערע, געבוירענע יידישע קינדער געזאָגט געוואָרן און „לאהקע" האָט איבערגעגעבן אירע קינדער — איין ייִנגל מיט צוויי מיידלעך — צום דערציִען, אינגאַנצן אין די הענט פון איר שוויגער.

אוןביידע ווייבער זענען זייער צופרידן געווען איינע מיט דער אַנדערער. און ווי צוויי שוועסטער, פאַרבלאָנדזשעטע ערגעץ אין א וויטן מדבר, האָבן זיי באַנאַנדער זיך געטוליעט איינע צו דער צווייטער.

— 2. —

אכצן יאָר איז שלמהקע לעווין אַלט געווען ביי זיין אָנקומען אין מעקסיקע.

צוויי חברים זענען זיי געווען. ביידע כמעט אין די זעלביקע יאָרן, שלמהקע לעווין און פסח הענדעלמאַן. צוזאַמען האָבן זיי בייד־דע אַמאָל געלערנט אין טעלז (ליטע); ביידע זענען זיי באַרימטע גע־ווען, אַלס די בעסטע בחורים אין דער טעלזער ישיבה; ביידע האָבן נישט געהאַט שוין לאַנג צו וואַרטן אויף צו קריגן סמיכה אויף רבי־נות; האָבן זיי זיך אָבער מיטאַמאָל מישב געווען, אַז עס איז נישט קיין תכלית צו זיצן און לערנען און אויסקוקן אויף רייכע שידוכים און זיי האָבן באַשלאָסן צו לאָזן זיך אין דער ברייטער וועלט אריין. אזוי זענען ביידע חברים אין יאָר טויזנט ניינהונדערט זעקס און צוואַנציק אָנקומען אין וועראַ־קרוז, מיט דער אויסרעכענונג צו קע־

נען פון מעקסיקע אַריבערכאַפּן זיך אין דער גאָלדענער מדינה, אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

נאָך אין טעלז האָט שלמהקע לעווין געצויגן אויף זיך אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט. סיי מיט זיינע אינערלעכע אייגנשאַפטן און סיי מיט זיין אויסערלעכקייט.

אַ הויכער איז ער געווען שלמהקע; מיט אַ פול קיילעכדיק פּנים; מיט אַ קליין, ווי אָפּגעטאַקט, נעזל; מיט אַ פּאָר פייערדיקע, קלוגע, שוואַרצע אויגן; מיט אַ ליבן, באַטעמטן, בר־דעתדיקן שמייכל, וואָס האָט געלאָזט צוויי חן־גריבלעך אויף די פולע באַקן זיינע. זיין גאַנ־צער געשטעל און דער שיינער אויסזען זיינער האָט גערייצט די פאַנ־טאַזיעס פון אַ סך יונגע ערב־כלה־מיידלעך אין טעלז און שלמהקע איז, אָן זיין וויסן, געוואָרן נעבעך דער אָביעקט פון זייערע חלומות אין שלאָף און אין דער וואַך.

אויך די מעלות, וואָס שלמהקע איז באַזעסן, האָבן אים אַרויס־געהויבן העכער איבער אַנדערע זיינס גלייכן און האָבן אים באַליבט געמאַכט ביי אַלעמען.

ער איז געווען אַ רואיקער און אַ געלאַסענער; אַזוי אין זיין גיין — מיט געלאַסענע, באַזאָכטע טריט; אַזוי אין זיין רעדן — ער האָט גערעדט, ווי ער זאָל וועגן און מעסטן יעדעס וואָרט, וואָס ער לאָזט אַרויס פון מויל; אַזוי איז זיין לערנען — יעדן ענין האָט ער באַ־טראַכט מיט אַ רואיקן, לאַנגזאַמען ישוב הדעת.

שלמהקע איז אויך געווען אַ זעלטן־גוטער אין כאַראַקטער. ער איז גרייט געווען צו טיילן זיך מיט אַ חבר מיטן לעצטן ביסן פון מויל און עס האָט גאָרנישט עקזיסטירט קיין צו שווערס פאַר אים, כדי בייהילפיק צו זיין אַ צווייטן.

און צו אַלעם דעם איז שלמהקע פאַררעכנט געווען פאַר אַ בחור מיט געניאַלע פעאיקייטן. עס פלעגן זיך ווענדן צו שלמהקען יידן לומ־דים מיט שווערע פאַרפּלאָנטערטע סוגיהס אין גמרא, מיט האַרבע קשיות אין פוסקים — איבערהויפּט אין חושן־משפט, אָדער נאָר האָט געפונען איינער אַ סתירה אין רמב״ם האָט ער זיך געווענדעט צו שלמהקען, און שלמהקע האָט מיט אַ קאַלטן, לאָגישן אַנאַליז און מיט זיין אייגנאַרטיקן, געלאַסענעם צוגאַנג, צעגלידערט דעם

פאַרפּלאָנטערטן ענין און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַלץ איז פּשוט און קלאָר.

אויך פלעגן קומען צו שלמהקען שילער פון דער טעלזער גימ־נאַזיע, מיט שווערע מאַטעמאַטישע אויפגאַבן און ער האָט גאַנץ ליבט, מיט זיין סיסטעמאַטישער רואיקייט, געלייזט אַט די אַלע אויפ־גאַבן, מיט אַ מאַך מיט דער האַנט, ווי איינער זאָגט: „אויך מיר אַ שוועריקייט״.

נישט איינמאָל איז שלמהקע באַדויערט געוואָרן פון סטודענטן, וואָס ער, אַזאַ געניאַלער בחור, זאָל אוועקלייגן זיינע גרויסע פעאיקייטן אויף די אַלטע שמות פון גמרא און פוסקים, אין דער צייט וואָס ער האָט געקענט אויסוואַקסן איינער פון די גרויסע וועלט־פּערזענ־לעכקייטן, ווען ער זאָל זיך געווען אָפּגעבן צו מאָדערנע וויסנשאַפטן.

פּסח הענדלמאַן, שלמהקעס נאָענטסטער חבר, איז אויך ווי שלמהקע געווען אַ הויכער, נאָר אַ רויטהאָריקער, מיט בלויע אויגן, מיט אַ לענגלעך און שטרענג געזיכט, אויף וועלכן עס איז געלעגן אויסגעגאָסן עקשנות, ענערגיע און ווילנס־קראַפט.

פּסח איז אויך געווען פון די אויסגעצייכנטע בחורים אין טעל־זער ישיבה, אָבער עס האָט אים געפעלט די מילדקייט און צוגעלאָזנ־קייט צו מענטשן, וואָס עס האָט פאַרמאָגט שלמהקע. אויך זיין שטרענגער, כמעט בייזער, אויסזען, האָט אים נישט געלאָזט אַזוי באַליבט ווערן ביי מענטשן, ווי עס איז געווען זיין חבר שלמהקע לעווין.

כאָטש ביידע, שלמהקע און פּסח, זענען שטענדיק געווען די נאָענטסטע און אינטימסטע חברים, האָבן דאָך, טיף אינעווייניק, געטליעט ביי פּסחן קנאה־געפילן צו שלמהקען, פאַרן גרויסן דער־פאָלג, וואָס יענער האָט אַזוי ביי אַלע קלאַסן מענטשן. און מעגלעך, אַז דאָס איז אויך געווען איינע פון די פיל סיבות, פאַרוואָס פּסח האָט אַזוי שטאַרק צוגערעדט שלמהקען, אַז זיי זאָלן אוועק פון טעלז און זיך לאָזן אין דער גרויסער וועלט אַריין.

— 3 —

צוויי יאָר צייט האָבן ביידע חברים, שלמהקע און פּסח, אַרומ־געוואַנדערט איבער פאַרשידענע שטעטלעך און דערפאַר פון דער

מעקסיקאַנער רעפּובליק און האָבן פאַרקויפט, צו דער קאַטויליש־פּרומער, מעקסיקאַנער באַפעלקערונג, הייליקע בילדער.

פּסחן איז לכתחילה געווען זייער איבערדריסיק און זייער נישט צום האַרצן אַט דער דאָזיקער גאַנצער „הייליקר" מסחר. ער האָט ביי זיך נישט געקענט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז ער זאָל מיט זיינע אייגענע הענט פאַרשפּרייטן עבודה זרה און פאַנאַטיזם צווישן נאַאיווע, אומוויסנדיקע מענטשן; אין דער צייט ווען ער אַליין גלויבט נישט אין דעם, ווי קען ער צורעדן מענטשן צו קויפן „הייליקע" בילדער און דערביי איינרעדן זיי און אויפוויזן, מיט ליגנערישע און פאַלשע רייד, וואָס פאַראַ נסים יעדעס בילד באַווייזט און טוט אויף, און וויפל שמירה און גליק יעדעס בילד ברענגט אריין אין דער שטוב, ווו עס געפינט זיך ?!

פּסחן האָט געפּלאָגט דער געוויסן און עס האָט אים געמאַטערט דאָס געפיל, אַז ער איז אַ ליגנער, אַ באַטריגער און שווינדלער; ער נאַרט אויס ביי אומשולדיקע מענטשן אומזיסט געלט און פאַרפירט זיי נאָך אויף פאַלשע און אומערלעכע דרכים. פּסחן האָט עס נישט געלאָזט רוען. אַפילו ביינאַכט האָט עס אים נישט געלאָזט שלאָפן. נישט איינמאָל האָט ער געזען אין שלאָף פאַרשידענע חלומות, ווי אַלטע יידן מיט ווייסע בערד שטייען איבער אים און רעדן צו אים האַרבע שטראָף־רייד, וואָס ער, אַ יידישער בחור, אַן עילוי פון טעלזער ישיבה, זאָל אַוועק אויף אַזעלכע שלעכטע וועגן, ווערן אַ מיסיאָנער, אַ פאַרשפּרייטער פון קאַטוילישער עבודה זרה. נאָך יעדן חלום אַזעלכן פלעגט פּסח זיך אויפהויבן מיט אַ פעסטן באַשלוס, אַוועקצוואַרפן אַט דעם דאָזיקן עבודה־זרה־מסחר.

שלמהקען איז אָבער דאָס דאָזיקע „הייליקע" געשעפט שטאַרק געפעלן געוואָרן. ער מיט זיין רואיקן און לאָגישן פאַרשטאַנד האָט געזען, אַז דאָס איז אַ געשעפט, וואָס מען קען דערביי מאַכן אַ פּאָר פּעזעס. איי — „עבודה־זרה — שמודע זרה", ס'איז גאָרנישט; די קאַטאָליקן וועלן דורך זיינע בילדער נישט פרומער ווערן ווי זיי זענען. ס'איז נישט מער „תבן לעפריים". וועלן זיי נישט קויפן ביי אים, וועלן זיי עס קויפן ביי אַ צווייטן. פאַר וואָס־זשע זאָל אַ צווייטער יאָ פאַרדינען און ער נישט! האָט שלמהקע — כדי צו באַרואיקן

פסחן — אויפגעוויזן, מיט פאַרשידענע ראיות, אַז מען מעג האַנדלען מיט אַזעלכע זאַכן; אָט האָט ער אים געבראַכט אַ גמרא און אָט האָט ער אויסגעזוכט אַ „רשב"ם" און אָט האָט ער געפונען אַ „ראב"ד", אַז דאָס און יענץ און אַזוי און אַזוי, בקיצור — עס איז נאָך גאָר אַ מצוה פון „חיזוק הדת" ביי גויים, און והא ראיה: אַז מען פאָרט מיט אַ גוי אונטערוועגנס — זאָגט אַ בפירושער דין — און מ'פאָרט פאַרביי אַ קירכע, איז אויב דער גוי צלמט זיך נישט איבער, טאָר מען מיט אים נישט פאָרן און אויב דער גוי צלמט זיך יאָ איבער, מעג מען מיט אים יאָ פאָרן. און דער עיקר — עס איז דאָך נאָר צייטווייליק, ביז מ'וועט צוקומען צו אַ פּאָר פּעזעם; דערנאָך וועט מען זיך אויסזוכן עפּעס אַן אָנשטענדיקע, סטאַבילע פרנסה.

אַזוי האָט זיך עס געצויגן צוויי יאָר צייט, מיט שטענדיקע דיסקוסיעס צווישן פסח'ס אומצופרידנקייט און שלמהקעס איינרעדענישן און איבעררעדענישן.

ערשט אויפן דריטן יאָר איז געלונגען די צוויי חברים און שותּפים איבערצונעמען, אין שטאָט סאַן־לואיס פּאָטאָסי, אַ גוט איינגעאָרדנט מעבל־געשעפט. ערשט איצט האָט שלמהקע אָנגעהויבן דורכפירן זיין פּלאַן, אויף וועלכן ער האָט געטראַכט די גאַנצע צייט פון זיין וואַנדערן אין מעקסיקע. שלמהקע האָט אַראָפּגעבראַכט צו זיך זיין מיטער מיט זיין יינגערער שוועסטער פון ליטע.

ווי צוויי טראָפּן וואַסער איז שלמהקעס שוועסטער, דבורה, ענלעך געווען צו שלמהקען: אַ הויכע, אַ פולע; מיט אַ קיילעכדיק, בראָנעט געזיכט; מיט פעך־שוואַרצע האָר, ליכטיק־שוואַרצע אויגן און מיט אַ ליבן, חנעוודיקן שמייכל. און ווייל אַ פרוי — איז איר שיינקייט געווען נאָכמער אָנזעעוודיקער, מער באַמערקבאַר און מער באַוווּנדערנדיקער.

באַלד פון ערשטן טאָג אָן האָט דאָס שיינע מיידל, דבורה לעווין, געצויגן צו זיך אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט אין סאַן־לואיס פּאָטאָסי. ווו זי איז געווען האָבן גיריקע אויגן, פון מענער און פרויען, זיך איינגעגעסן און דער „וווּנדערבאַרער, פּרעכטיק־שיינער „רוסאַ".

אפילו אין די שטובן איז זי, סאַלאָמאָנס שוועסטער, געווען די טעמע פון אַלעמענס געשפרעך:

— ווי שיין, ווי גראַציעז, ווי חנעוודיק און ווי איידל איז זי, סאַלאָמאָנס שוועסטער! — האָבן אַלע וועגן איר גערעדט.

נישט איין יונגער מעקסיקאַנער בחור האָט אויפגעציטערט, ווען ער האָט דבורהן געזען פאַרבייגייענדיק. דורך פאַרשידענע וועגן האָט מען פון אַלע זייטן אָנגעהויבן צו זוכן דבורה׳ס באַקאַנטשאַפט און חברשאַפט און נישט אין איין מיידליש האַרץ פון סאַן לואיס פּאָטאָסי האָט די דאָזיקע שיינע „רוסאַ” געוועקט אייפערזוכט און קנאה:

— אָט איז זי, די „רוסאַ”, נאָרוואָס געקומען אַהער און שוין האָט זי אַלעמענס הערצער געפאַנגען!

די ערשטע וואָס האָט אָנגעהויבן זיך צו דערנענטערן און זיך צו חברן מיט סאַלאָמאָנס שוועסטער און איז אויך באַלד געוואָרן איר לערערין פון שפּאַניש — איז געווען לואיסאַ הערנאַנדעז, די יונגע צוואַנציקיאָריקע טאָכטער פון סאַלאָמאָנס שכן, דאָן גוסטאַוואָ הערנאַנדעז.

לואיסאַ האָט, באַלד פון ערשטן מאָמענט, שטאַרק ליב געקריגן דבורהן און האָט זיך צו איר צוגעבונדן ווי צו אַן אייגענער שוועס־טער. לואיסאַ איז כמעט פון דבורה׳ס שטוב נישט אָפּגעטרעטן און איז קיין איין טריט כמעט נישט געגאַנגען, וווהין זי זאָל דבורהן נישט מיטנעמען. ביי יעדער געלעגנהייט האָט לואיסאַ, ווי אַן עלטערע שוועסטער, געזוכט צו פּאַטראָניזירן דבורהן און איר פאַרטיידיקן. דערביי האָט זי איר אַרויסגעוויזן איבערגעגעבענער ליבשאַפט און אַן אַ שיעור טריישאַפט.

ווען דבורה איז געוואָרן אַ כלה פאַר פּסחן — ווי שלמהקע האָט

עס פאָרויס אויסגערעכנט — איז לואיסאַ געווען אויפן זיבעטן הימל פאַר פרייד; זי האָט פאַר דבורהן אָנגעקויפט אַ וועלט מיט מתנות און פון איר פּנים האָט אַראָפּגעשיינט גליקלעכע צופרידנקייט. מען האָט באַשיינפּערלעך געזען ווי לואיסאַס האַרץ איז איבערפולט מיט נחת, אפשר נאָך מער ווי ביי דער כלה אַליין.

— 4. —

לואיסאַ הערנאַנדעז איז געווען אַ מיטל-וווקסיקע, מיט אַ שמאָל און לענגלעך געזיכט, וואָס האָט ווי דורכזיכטיק אָראָפּגעשיינט מיט אַ צאַרטער און ליכטיקער קלאָרקייט. די האָר אירע זענען געווען גע־דיכטע און געקרויזטע, פון קאַשטאַן־ברוינעם קאָליר, און אין צוויי יאַנגע פאַרפלאָכטענע צעפּ אַראָפּגעלאָזט געווען איבער דער פּלייצע. אַ פּאָר גרויסע ברוינע אויגן האָט זי געהאַט, וועלכע האָבן שטענדיק געקוקט ווי פאַרחלומט און פאַרטרוימט. איר גאַנצער אויסזען איז געווען ווי אַ לעבעדיקע, הייליקע מאַדאָנע. און ווירקלעך — איז אַ רואיקע, שכינהדיקע הייליקייט אויסגעגאָסן געווען אויף איר גאַנצן וועזן און דאָס האָט אַ וועלט מיט חן צוגעגעבן צו איר יעדער באַ־וועגונג און צו איר יעדן קער און ווענד.

נישט קיין פּסיכאָלאָג און נישט קיין איבעריקער מענטשן־קענ־ער האָט מען באַדאַרפט זיין, כדי צו באַמערקן, ווי די צוויי יונגע מענטשן, לואיסאַ הערנאַנדעז און סאַלאָמאָן לעווין, זענען ווייט נישט גלייכגילטיק איינער צום צווייטן. עס איז גענוג געווען צו זען די פלעמלעך אין ביידנס פּאָר אויגן, ווען די בליקן האָבן זיך באַנאַנדער פאַרטשעפּעט; דעם לייכטן אויפציטער אויף ביידנס פּאָר ליפּן, ווען די צוויי יונגע מענטשן האָבן צווישן זיך גערעדט; די פאַר־שפּיצטע אומרואיקייט, וואָס האָט פון ביידנס געזער אַראָפּגעהויכט. ווען זיי האָבן זיך שטומערהייט אָנגעקוקט; ביידנס שיינענדיקע גע־זיכטער, ווען זיי האָבן זיך ביי די הענט געהאַלטן. ווער עס האָט דאָס נאָר באַמערקט האָט גלייך געקענט ממש אָנטאַפּן מיט די הענט די געמיינזאַמע געפילן, וועלכע האָבן אין ביידנס יונגע הערצער גע־נעסטעט.

אַ נעץ פון אומצופרידנקייט, טרויער, צער און פּראָטעסט האָט זיך געשפּרייט און געפלאָכטן איבערן גאַנצן אַרום און אַרום. אַלץ צוליב די נאַטירלעכע געפילן, וואָס האָבן ביי די צוויי יונגע מענטשן געצייטיקט.

שטאַרק אומצופרידן איז געווען דער אַלטער גוסטאַוואָ הער־נאַנדעז דערפאַר, וואָס אַ פרום־קאַטוילישע טאָכטער, פון דור דורות טריי איבערגעגעבן צו דער קאַטוילישער קירכע, זאָל זיך גאָר איינ־

ליבן אין אָן אומגלויביקן! כאָטש דער מוטער, דער דאָניאַ כאָוויטאַ, איז דער שידוך דווקא יאָ געפעלן געוואָרן. זייער אומצופרידן איז געווען ביילה, שלמהקעס מאַמע: סטייטש, ווו איז עס געהערט געוואָרן, אַז אַ יידישער בחור, דער טעלזער עילוי און רבי ישראל־הערשס זכרונו לברכה, פאַנעוויעזשער מורה הוראהס זון, זאָל גאָר האָלן חתונה האָבן מיט אַ שיקסע!

אומצופרידן איז אויך געווען די שוועסטער דבורה, עס האָט איר נעבעך ווי געטאָן דאָס האַרץ, פאַרוואָס דער ברודער אירער זאָל פאַרפלעקן די משפחה, אויף קינדס קינדער.

עס האָבן נישט געהאָלפן אַלע שלמהקעס טענות, אַז לואיסאַ איז גרייט צו ווערן אַן עכט יידישע טאָכטער, ווי גאָט האָט געבאָטן. די מאַמע מיט דבורהן האָבן זיך געהאַלטן ביי דאָס זייעריקע, אַז אַ ייד איז נישט קיין גוי און אַ גוי איז נישט קיין ייד. „אַ ייד מיט אַ גוי זענען נישט קיין פאָר שטיוול".

אומצופרידן איז אויך געווען שלמהקעס חבר, שותף און שוואָגער, פסח הענדעלמאַן, ער האָט אויפגעוויזן פון גמרא, פוסקים און אַנדערע ספרים, אַז אפילו ביזן צענטן דור בלייבט אַ גר אָדער אַ גיורת נאָך אַלץ אַ גוי און אַז אַן אמתער ייד דאַרף זיך נישט לאָזן פאַרפירן פון אויסערלעכער שיינקייט, ווייל „שקר החן והבל היופי", האָט געזאָגט דער חכם מכל אדם.

עס קען זיין, אַז די אַלע אומצופרידנקייטן און די אַלע מורמלערייען אַרום לואיסאַן וואָלטן אפשר, מיט דער צייט, געווען האָבן אַ ווירקונג אויף שלמהקען און וואָלטן, אפשר, אים ביסלעכווייז אויסגעניכטערט פון זיין „אומנאַרמאַלער" ליבע־שיכרות, האָט זיך אָבער גראָד אַזוי געמאַכט, אַז אַלע אַרום האָבן אָנגעהויבן צו טראַכטן: אַז... ווער ווייסט... אפשר איז עס מן השמים... הלמאי רות, אָט איז זי דאָך אויך נישט געווען קיין געבוירן יידיש קינד.

שלמהקע האָט זיך מיטאַמאָל אָוועקגעלייגט קראַנק אויף טיפוס. וואָכן לאַנג איז ער געלעגן געפערלעך קראַנק און געשוועבט צווישן לעבן און טויט. נישט איינמאָל האָבן די דאָקטוירים שוין אויפגעגעבן יעדע האָפנונג און האָבן זיך אפילו אָפגעזאָגט צו געבן אים וועלכע ס'איז מעדיצין.

די דאָזיקע גאַנצע צייט פון שלמהקעס קראַנק זיין, האָט די טרייע און גוטע לואיסאַ נישט אָפּגעטרעטן פון קראַנקנס בעט. די דאָקטוירים האָבן זי געוואָרנט, אַז זי שטייט אונטער אַ געפאַר פון אָנשטעקונג. שלמהקעס מוטער האָט זיך געבעטן ביי איר, אַז זי זאָל האָבן רחמנות אויף איר יונג לעבן און נישט זיין אַזוי נאָענט צום קראַנקן. לואיסאַ האָט אָבער געהאַט איין ענטפער:

— אויב שטאַרבן, וויל איך צוזאַמען מיט סאַלאָמאָנען.

אַז שלמהקע איז געזונט געוואָרן האָט ער זיך פונאַנדערגעטיילט מיט זיין חבר, שותף און שוואָגער, פאַרלאָזט די שטאָט סאַן־לואיס־פּאָטאָסי און ער איז, צוזאַמען מיט דער מאַמען און לואיסאַן, אַוועק קיין מעקסיקע, ווו ער האָט חתונה געהאַט, מיט זיין ליבער לואיסאַן, כדת משה וישראל.

— .5 —

איינמאָל אין אַ זומער איז צו סאַלאָמאָן לעווין געקומען אַ גאַסט.

עס איז געווען שוין אַכט יאָר נאָך סאַלאָמאָנס חתונה מיט לואיסאַן, איז צו זיי געקומען צו גאַסט לואיסאַס עלטערע שוועסטער פון גוואַדאַלאַכאַראַ.

אין אַ פאַרנאַכט פון חודש יולי איז עס געווען. אין דרויסן האָט געבליאַפּעט אַ געפערלעכער גאָס רעגן, וועלכער האָט אַזוי מאַ־נאָטאָן געפּאַטשט איבער די שויבן און אָנגעיאָגט אַ מרה־שחורה־דיקן אומעט אין די שטובן אריין.

אינם דאָזיקן טונקעלן, כמורנעם און אומעטיקן בין השמשות זענען ביי לעווינען אין סאַלאָן־צימער געזעסן ביידע שוועסטער, לואיסאַ און מאַריאַ. זיי האָבן זיך געטוליעט איינע צו דער צווייטער און צווישן זיי איז אָנגעגאַנגען אַזאַ געשפּרעך:

— זאָג מיר דעם אמת, לואיסאַ מיין לעבן, ביסטו טאַקע אויף אַן אמת גליקלעך אין דיין פאַמיליע־לעבן?

לואיסאַ כאַפּט אַרום דער שוועסטער, דריקט זי פעסט צו צו זיך און קושט זי:

— איבערגליקלעך בין איך. נישטאָ, דאַכט מיר, קיין גליקלע־כערע פון מיר אין דער גאַנצער וועלט. מיין מאַן האָט מיך נאָך אַלץ

אזוי ליב ווי אין טאָג פון אונדזער חתונה. מיין וואָרט, מיין ווילן איז פאַר אים הייליק, ווי א געזעץ פון גאָט. הלוואי מיינע קינדער זאָלן זיין אזוי גליקלעך, מיט זייערע באשערטע.

— און ווי קומסטו אויס מיט דיין שוויגער? ווי מיר דאכט, זעט זי אויס צו זיין נישט קיין איבעריק גוטע.

— ניין, דו מאכסט א טעות, מיין ליבע. זי זעט נאָר אזוי אויס אויבנאויפיק, ווייל זי האָט אין איר לעבן א סך צרות דורכגעמאכט און דאָס אלץ האָט אזוי שווער זיך געלייגט אויף איר געמיט. אָבער אין דער אמתן איז זי א זעלטן־גוטע. זי באזיצט א בריליאנטענעם כאראקטער. זי וועט אוועקגעבן דאָס לעצטע העמד פון זיך פאַר אן אָרעמען און באדערפטיקן. און צו מיר איז זי בעסער ווי צו אן אייגענער טאָכטער.

— און ווי אזוי האָסטו זיך צוגעפּאסט און זיך אריינגעלעבט אין דעם נייעם גלויבן פון דיין מאַן?

לואיסא האָט א שטאַרקן זיפץ געטאָן און האָט געענטפערט:

— זייער גוט. איך האָב צו פאַרדאנקען מיין גוטער שוויגער. זי האָט מיר אויסגעלערנט אלע דינים און מנהגים פון דער יידישער רעליגיע. זי האָט מיר אויסגעלערנט אלע תפילות, מיט וועלכע יידן בעטן צו גאָט אין פאַרשידענע צייטן, זי האָט מיר אויך אויסגעלערנט צו לייענען און רעדן יידיש, די שפּראַך פון יידן.

און ווידער האָט לואיסא א שווערן זיפץ געטאָן.

— וואָס איז דיר, לואיסא, מיין לעבן? איך זע אז עפּעס דריקט דיר אויפן הארצן. פאַר מיר, פאַר דיין שוועסטער, מעגסטו זיך אָפּרעדן פריי, מיט דער האנט אויפן האַרץ. דו ווייסט דאָך, אז איך האָב דיך שטענדיק ליב געהאַט, פון פיצעלע־הייז אָן.

— איך וועל דיר זאָגן דעם ריינעם אמת, מאריא, אָפטמאָל גאָנגט אין הארצן א בענקשאַפט צו אונדזער הייליקער קירכע. אז איך פלעג אמאָל אין א זונטיק פאַרבייגיין אונדזערס א קירכע און איך האָב געהערט די הייליקע געזאַנגען פון אונדזערע תפילות, האָב איך געמיינט, אז דאָס חיות גייט מיר אויס, עס האָט מיר געצויגן אריינצוגיין, ווידער זיך באהעפטן מיט אלע גלויביקע פון אונדזער לוטערער און דערהאבענער רעליגיע. אָבער ניין, ניין, איך וועל מיין

שבועה נישט ברעכן. מיין טריישאַפט צו מיין מאַן און מיינע קינ־דער וועל איך נישט פאַרשווועכן. איך האָב צוגעשוואָרן איבערצורייסן אויף אייביק מיט דער קאַטויילישער רעליגיע און מיטן גאַנצן האַרצן צו באַהעפטן זיך מיט דעם גלויבן פון מיין מאַן.

א צייט זענען ביידע שוועסטער געזעסן פאַרטראַכט און גע־שוויגן.

די שטילקייט האָט איבערגעריסן מאַריאַ.

— און דיין מאַנס פאָלקס-ברידער און פריינד האָבן דיך אויפ־גענומען ווי אַן אייגענע און האַלטן דיך פאַר אַ זייעריקע?

לואיסאַ האָט זיך פאַרטראַכט, טרערן האָבן זיך איר געשטעלט אין די אויגן, און נאָך אַ ווײַלע שווייגן האָט זי געענטפערט:

— איך וועל דיר זאָגן דעם אמת, שוועסטער. מיר איז שווער זיך אַריינצופלאָנטערן אין זייערע פאַרפּלאָנטערטע פּראָבלעמען. טייל־מאָל דאַכט מיר, אַז איך וועל קיינמאָל נישט קענען אַריינדרינגען און פאַרשטיין דעם תמצית פון זייער אייגנטלעכן לעבן. אָט זאָגט מיין שוויגער, אַז אַ ייד איז נאָר דער, וועלכער היט אָפּ די געזעצן פון דער יידישער רעליגיע און ווער עס היט זיי נישט אָפּ איז קיין ייד נישט. אין דעם טאָג פון שבת, וועלכער הויבט זיך אָן פון פרייטיק פאַרנאַכט אָן, טאָר מען נישט טאָן קיין שום אַרבעט און מ'טאָר נישט האַנדלען אין דעם טאָג. פליייש מוז מען ספּעציעל צוגרייטן לויטן יידישן דין איידער מ'שטעלט עס צו צום קאָכן. חזיר־פליייש טאָר מען נישט עסן און פליייש, וואָס איז נישט געשאָכטן לויטן יידישן דין טאָר מען נישט עסן און נאָך אַזעלכע זאַכן. ווייס איך אָבער, אַז מיין שוועגערין, דבורה, סאַלאָמאָנס שוועסטער, היט נישט אָפּ די אַלע זאַכן און נאָך יידן וואָס היטן נישט אָפּ דאָס אַלצדינג און זיי אַלע זענען דאָך פאָרט יידן; זיי אַליין האַלטן זיך פאַר יידן און יעדערער האַלט זיי פאַר יידן. זאָגט ווידער מיין שוואָגער, פייסעך, דבורה'ס מאַן, אַז אַ ייד איז נאָר דער, וואָס איז געבוירן געוואָרן פון יידישן פאָלק און טראָגט אין זיין בלוט די ירושה־אייגנשאַפטן פון דעם יידישן פאָלק און דער, וואָס היט אַפילו אָפּ אַלע יידישע טראַ־דיציאָנעלע דינים און מנהגים, אָבער אויב ער איז נישט געבוירן געוואָרן אַ ייד קען קיינמאָל פאַר קיין ייד נישט פאַררעכנט ווערן.

איז אויב אַזוי — לויט מיין שוואַגער נאָך — ווייס איך נישט, צי קען איך ווען פאַררעכנט ווערן אַלס אַ יידישע, אַפילו ווען איך פיר זיך אויף ווי אַן אמתע יידישע טאָכטער. איז וואָס־זשע דען בין איך? — נישט קיין יידישע און נישט קיין קאַטוילישע. קומט צו אונדז אַריין אַ פריינד אונדזערער, איינער אַ גרינבערג, זאָגט ער, אַז אַ ייד איז נאָר דער, וועלכער וווינט אין אַלטן יידישן היימלאַנד, פּאַלעסטינע, אָדער דער וואָס שטרעבט דאָרטן צו וווינען, און וואָס אָנערקענט, אַז אין דער גאַנצער וועלט איז ער אַ פרעמדער, אַ צייט־ווייליקער איינוווינער בלויז. פּונקט ווי אַן ענגלענדער, אַ פראַנ־צויז אָדער אַ דייטש וואָס וווינט אין אַ פרעמד לאַנד, ווייסט ער שטענדיק, אַז ער וווינט אין דער פרעמד און זיין אמתע היימלאַנד איז נאָר דאָס לאַנד פון זיין פאָלק; אַזוי איז אויך אַ ייד נאָר דער, וואָס פילט דאָס זעלביקע צו פּאַלעסטינע, אַנדערש איז ער קיין ייד נישט. ווייס איך אָבער, אַז עס זענען פאַראַן אַ סך יידן, וואָס זענען נישט איינשטימיק מיט אָט דעם גרינבערגן, פונדעסטוועגן האַלטן זיי זיך פאַר יידן און יעדערער האַלט זיי פאַר יידן. און אָט האָט אַנומלט מיר געזאָגט דער לערער, וואָס קומט אַהער לערנען מיט די קינדער יידיש, האָט ער געזאָגט, אַז אַ ייד איז נאָר דער וועלכער רעדט יידיש, די שפּראַך פון יידישן פאָלק, ווייל, זאָגט ער, אין דער יידי־שער שפּראַך קלינגט אָפּ די יידישע נשמה און אָן דער יידישער שפּראַך איז קיין יידישע נשמה נישטאָ, דעריבער ווער עס רעדט נישט קיין יידיש איז קיין ייד נישט. ווייס איך אָבער, אַז עס זענען פאַראַן אַ סך יידן, געבוירענע יידן, וואָס קענען גאָר קיין יידיש נישט רעדן, פונדעסטוועגן האַלטן זיי זיך פאַר יידן און די גאַנצע וועלט האַלט זיי פאַר יידן.

מאַריאַ האָט מיט גרויס אינטערעס און מיט שטאַרקער נייגע־ריקייט זיך גוט איינגעהערט צו די אַלע נייע זאַכן, וואָס לואיסאַ האָט איר דאָ אָנדערציילט. אָבער אין קאָפּ האָבן די אַלע ווערטער זיך צונויפגעפּלאָנטערט צוזאַמען, זיך אַזוי צונויפגעדרייט, צונויפגעקניפּט און צונויפגעבונדן, אַז זי האָט נישט געקענט אָנכאַפּן דעם תמצית פון די אַלע רייד; זי האָט נישט פאַרשטאַנען, צו וואָס צילט איר שוועסטער מיט אָט די אַלע דאָזיקע ווערטער און פאַרוואָס ענטפערט

נישט לואיסאַ דירעקט אויף דער איינפאַכער פראַגע: „ווי האָבן דעם מאַנס פאָלקס־ברודער און פריינד זי אויפגענומען?"

מיטאַמאָל האָט מאַריאַ פרעג געטאָן דאָס, וואָס זי האָט גאָר־נישט געהאַט בדעה צו פרעגן:

— און וואָס זאָגט דיין מאַן?

לואיסאַ האָט שוין נישט באַוויזן צו ענטפערן. אַ פריילעכער „גוטן אָוונט" האָט פאַרהילכט די שטוב. פון גאַס זענען אָנגעקומען סאַלאָמאָן לעווין מיט די קינדער.

אַ געקויפטער טאַטע

דעם צווייטן נאָוועמבער 1928.

אידן אין מעקסיקע האָבן זיך געגרייט צו פייערן, מיט פרייד, מיט שטאָלץ און מיט גרויס פּאָמפּע, דעם יאָרטאָג פון דער באַלפור־דעקלעראַציע.

א גאַנצן טאָג איז די איינציקע טעמע, פון אַלע שמועסן צווישן יידן, געווען בלויז — וועגן דעם דאָזיקן גרויסן יום־טוב, וואָס וועט אין אָוונט געפייערט ווערן אין טעאַטער „אירים".

מען האָט, אין יענעם טאָג, אינגאַנצן פאַרגעסן אין די אייגענע געשעפטן און אין די וועקסלען וואָס מ'דאַרף מאָרגן צאָלן; מען האָט פאַרגעסן אין די חובות וואָס מ'האָט שטעקן ביי קונים אין די פּראָווינץ־שטעט און ווער ווייסט צי מ'וועט זיי אמאָל אָנקוקן; מען האָט פאַרגעסן אין דער ביטערער קאָנקורענץ, וועלכע לאָזט נישט פאַרדינען קיין סענט; מען האָט פאַרגעסן אין די אייגענע טעכטער, וואָס וואַקסן אונטער און מ'דאַרף צוגרייטן באַצייטנס נדנס פאַר זייערט וועגן און פון וואַנען צו נעמען איז נישטאָ; מען האָט פאַרגעסן אויפן מאָמענט אין אַלע וואָכעדיקע צרות, ענמת נפשן און קאָפּ־דרייעניש, און מ'האָט מיטאַמאָל זיך איינגעהילט אין דער גרויסער יום־טובדיקער דערוואַרטונג פונם קומענדיקן אָוונט.

מען האָט שוין באַצייטנס געוווּסט איבערצוגעבן איינער דעם צווייטן, אַז ביי דער באַלפור־פייערונג פון אָוונט וועלן בייזיין: דער ענגלישער אמבאַסאַדאָר און נאָך וויכטיקע אמבאַסאַדאָרן פון אַנדערע מלוכות. אָבער דער קלימאַקס פון די אַלע יום־טוב־שמועסן און

געשושקערייען איז געווען די ידיעה, וואָס האָט זיך פאַרשפּרייט צווישן יידישן עולם, אַז ביים ענגלישן אַמבאַסאַדאָר געפינט זיך צו־גאַסט אַ באַרימטער יידישער לאָרד פון ענגלאַנד, אַ מולטימיליאָנער. דער דאָזיקער יידישער לאָרד איז אַן אינטימער פריינד פונם ענגלישן קעניג, אַזוי אַז דער קעניג און די גאַנצע קעניגלעכע פאַמיליע טוען נישט קיין טריט פון דאַנען ביז אַהין, ווי מען זאָל זיך פריער נישט באַראַטן מיטן דאָזיקן יידישן לאָרד.

און אָט דער דאָזיקער יידישער לאָרד וועט מיטקומען מיטן ענגלישן אַמבאַסאַדאָר היינט אָוונט, אין טעאַטער „אירים", צו דער באַלפור־פייערונג.

עס איז נעווען צו דערקענען אין די צעשטראַלטע שיינענדיקע פּנימער און אין די אויפגעהייטערטע געמיטער פון די יידן אין מעק־סיקע, ווען זיי האָבן גערעדט פונם יידישן לאָרד פון ענגלאַנד, אַז יעדער ייד פילט זיך, מיט שטאָלץ, ווי אַ מיט־שותף צו דער לאָרדי־שער גרויסקייט פונם ענגלישן ברודער־ייד, וואָס וועט באַשיינען די גרויסע פאָלקס שמחה פון דעם פייערלעכן אָוונט.

יידן האָבן דאַך, ווי געוויינלעך, ליב גוזמאות און אויסטערלי־שע איבערטרייבונגען. איז אין יענעם טאָג, פון צוויטן נאָוועמבער, שוין געשפּונען געוואָרן אַ וועלט מיט מעשהס און לעגענדעס וועגן דעם דאָזיקן יידישן לאָרד.

מען האָט שוין געוווסט צו דערציילן נישט נאָר וועגן לאָרד אַליין נאָר אויך וועגן זיינע עלטערן און אור־עלטערן, אַלע לאָרדן, וואָס פאַר אַ טובות זיי האָבן אויסגעווירקט פאַרן יידישן פאָלק אין אַלע צייטן און ווי דער דאָזיקער לאָרד אַליין האָט עס מיטגעהאָלפן צו דער פּראָקלאַמירונג פון דער היסטאָרישער דעקלאַראַציע, וואָס זיין חבר לאָרד באַלפור האָט אַרויסגעגעבן צום יידישן פאָלק.

אַ גאַנצן טאָג האָבן יידן שוין געוואַרט מיט אומגעדולד און שפּאַנונג אויפן געהויבענעם מאָמענט, ווען זיי וועלן האָבן די זכיה צו זען מיט די אייגענע אויגן ווי אַ יידישער לאָרד, אַ קרוב למלכות, זעט אויס.

שוין פון תחילת אָוונט אָן איז דער טעאַטער „אירים" געווען באַלאַגערט פון נייגעריקע יידן. יעדער איינער האָט געוואָלט זיין

דער, וואָס וועט זיך קענען באַרימען פאַר קינדס קינדער, אַז ער איז געווען דער ערשטער וואָס האָט דערזען דעם יידישן לאָרד, צו וועמען דער ענגלישער קעניג אַליין באַציט זיך ווי צו אַן אייגענעם ברודער.

וועלן מיר איצט איבערלאָזן אויף אַ ווייל אי דעם ענגלישן קעניג און אי זיין אינטימען פריינד דעם יידישן לאָרד און מיר וועלן זיך אומקערן אויף צוריק מיט עטלעכע צענדליק יאָר, צום לעבן פון אַ יידישער פאַמיליע אין איינער אַ שטאָט אין פוילן.

⁂

אַרטשע איז געווען אַ בן יחיד ביי זיינע עלטערן. איין זון וואָס איז געקומען נאָך דריי מיידלעך. זיין טאַטע, אַ פּראָסטער, נאָר אַן ערלעכער און פרומער ייד, האָט געשטרעבט צו מאַכן פון אים נישט אַנדערש נאָר אַ רב. אַרטשעס מלמדים אין דער תלמוד תורה האָבן צוגעגעבן מוט דעם אַלטן שמואל היימען, אַרטשעס טאַטן. זיי האָבן שטאַרק געלויבט און באַוואונדערט אַרטשעס גוט קעפּל וואָס ער האָט צום לערנען. זיי, די מלמדים, זענען זיכער געווען, אַז אויב אַרטשע וועט נאָר האָבן חשק און זיין אַ מתמיד וועט פון אים אויס־וואַקסן אַ גרויסער למדן און אפשר טאַקע אַ רב.

— מען האָט שוין אַזעלכעס געזען — האָבן די מלמדים גע־מוטיקט שמואל היימען אַז פון גאָר פּראָסטע און אָרימע עלטערן זענען אַרויסגעקומען גאָר גרויסע גאונים. אָט איז דער באַרימטער גאון, דער אָסטראָווצער רב, אַ זון פון אַ בעקער. און נאָך אַנדערע אַזעלכע גאונים אין פאַרשידענע ציטן וואָס זענען געווען קינדער פון פּראָסטע און אָרימע בעל־מלאכות.

שמואל חיים איז געווען אַ רימער, האָט געמאַכט זאָטלען פאַר פערד. די אַרבעט איז געווען זייער אַ שווערע און די פאַרדינסטן זיינע — זייער מאָגערע, וואָס האָבן געקלעקט, קוים מיט צרות, אויף אַן אָרים לעבן פאַר זיין פאַמיליע. שמואל חיים האָט זיך אָבער קיינ־מאָל נישט געקלאָגט. ער האָט זיין אָרימען מצב אָנגענומען באַהבה.

— מן הסתם — האָט ער זיך אַליין געטרייסט — איז אַזוי דער ווילן פון רבונו של עולם, אַז איך, שמואל חיים, זאָל זיך מאַטערן פאַרן שטיקל ברויט און זיין אַן אָרימאַן. וואָרן — ווער ווייסט.

אפשר ווען איך וואָלט געווען רייך וואָלט איך גאָר אַראָפּ פון דרך הישר ווי אַנדערע גבירים. איז שוין בעסער צו זיין אַן אָרימער בעל מלאכה און פירן זיך ליטויש, ווי גאָט האָט געבאָטן, איידער צו זיין אַן אַפּיקורס, אַ לײדאַק און אַ גביר.

ווען אַרטשע, זיין בן־זקונים, איז געבוירן געוואָרן האָט שמואל חיים דאַמאָלסט שוין גאָר אינגאַנצן אויפגעהערט צו טראַכטן פון זיין אָרימען מצב. ער איז מיט איין מאָל געוואָרן דער גליקלעכס־טער מענטש אין דער וועלט, מיט דעם וואָס ער האָט זוכה געווען, אַז איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר זאָל ער איבערלאָזן נאָך זיך אַ קדיש. האָט דעריבער שמואל חיים רימער באַשלאָסן, אַז זיין אהרן בער — ווי מ׳האָט אים אַ נאָמען געגעבן ביים ברית — זאָל אויסוואַקסן נישט סתם אַזוי אַ קדיש, נאָר אַזעלכער וואָס די וועלט זאָל מיט אים קלינגען און וואָס זאָל טאַקע אויף אַ רעכט צו אַן אמת באַלייכטן זיין טאַטן דעם וועג אין גן עדן אַריין.

אַרטשען אָבער איז ווינציק וואָס אָנגעגאַנגען דאָס וואָס זיין טאַטע טראַכט צו מאַכן פון אים. עס האָט אים אויך נישט אינטע־רעסירט די הבטחות פון זיינע מלמדים, אַז ער קען אויסוואַקסן מי יודע וואָס.

אַרטשע האָט נישט געהאַט קיין חשק צום לערנען. אים האָט בעסער געצויגן צו מאַטקען אין דער שניידערײַ, וואָס איז געווען אין זייער שכנות.

דאָרטן אין דער שניידערײַ איז שטענדיק געווען פריילעך. די שניידער־געזעלן און דער מייסטער מאַטקע אַליין זענען געווען פריי־לעכע יונגען. זיי האָבן תמיד געזונגען יידישע לידער און אַלערליי הזנישע שטיקלעך. די מייסטעראָווע, שפּרינצע, פלעגט אָפט דערציילן זייער אינטערעסאַנטע און שפּאַנענדיקע מעשהס, וואָס זי פלעגט לייע־נען אין די יידישע מעשה־ביכלעך.

האָט עס אַרטשען געצויגן דעריבער אין דער שניידערײַ. דאָר־טן האָט ער זיך באַפרייט אויף אַ ווייל פון דער מרה שחורה, פון דעם טרויער און אומעט, וואָס האָט שטענדיק געהערשט ביי זיינע עלטערן אינם פרומען, פאַרהושכטן און אָרימען הויז; דאָרטן, אין דער שניידערײַ ביי מאַטקען, האָט אַרטשע אָפּגעטרייסלט פון זיך די

שווערע שטרענגקייט, געצאַמטקייט און מורא, וואָס האָט תמיד גע־הערשט אין דער תלמוד תורה וואו ער האָט געלערנט.

*

ביי שמואל חיים רימער האָט זיך אויפגעהאַלטן אן עלטער מיידל, א פלימעניצע, דעם ווייבס שוועסטערס א טאָכטער, וועלכע איז געווען זייער ווייט פון שיינקייט. שרה פייגע האָט זי געהייסן.

ווען זי איז נאָך געווען יונג איז איר פאָטער אַוועק קיין אמע־ריקע און ער האָט שוין מער קיינמאָל נישט געלאָזט הערן פון זיך. דאַמאָלסט האָט שרה פייגעס מוטער — א געבליבענע עגונה און אן מיטלען צום לעבן — זיך אויסגעלערנט באַקן געקאָכטע בייגל. האָט זי די בייגל פאַנאַנדערגעטראָגן, צוויי מאָל א טאָג, אין באַלהאַבאַ־טישע שטובן. אויך איז זי מיט די בייגל אירע געשטאַנען ביי א טישל אין מארק, אין די מערק־טעג און יארידים, האָט פאַרקויפט די פרישע און געשמאַקע בייגל צו די אַנגעפאַרענע פויערים. דערפון האָט זי מפרנס געווען זיך מיט דער טאָכטער.

זעקס יאָר נאָכדעם ווי דער מאַן האָט איר איבערגעלאָזט אן עגונה איז שרה פייגעס מוטער געשטאָרבן. איז דאַמאָלסט שרה פייגע אַליין געוואָרן די בעקערין און פאַרקויפערין פון די בייגל.

אָבער שמואל חיים רימער מיטן ווייב האָבן מורא געהאַט צו לאָזן וווינען א מיידל אַליין. א קשיה וואָס עס קען חלילה געשען! האָבן זיי די יתומה, די פלימעניצע, אריינגענומען צו זיך אין שטוב אריין. שרה פייגע האָט חלילה נישט באַדאַרפט אָנקומען צום פעטער. זי האָט פון איר בייגל־האַנדל גענוג פאַרדינט פאַר איר אייגענער אויסהאַלטונג. פאַרקערט — זי האָט נאָך ארויסגעהאָלפן אויף די הוצאות אין שטוב אריין ביים פעטער, ווו עס האָט שטענדיק אויסגעפעלט דאָס נויטיקסטע.

אָט די שרה פייגע, אַרטשעס קוזינע, האָט געטראָגן אין זיך א שרעקלעכע פאַרביטערטקייט אויף דער גאַנצער וועלט, ווי עס טרעפט אָפט ביי עלטערע מיידלעך, דערצו נאָך יתומות. אָבער דעם גרעסטן האַס, צאָרן און פאַרביטערטקייט האָט זי ארויסגעוויזן צו „די וואוילקענער, די לערנער, די ליידיקגייער, וואָס ווילן גאַרנישט

טאָן, קיין האַנט אין קאַלט וואַסער, און ווילן נאָר, אַז אַנדערע זאָלן פאַר זיי אַרבעטן און זיי אויסהאַלטן".

ווען זי האָט נאָר געקענט, ביי יעדער געלעגנהייט, האָט שרה פייגע אַריינגערעדט אין אַרטשען, אַז ער זאָל זיך נישט לאָזן פאַר־פירן פון זיין טאַטן און נישט פון זיינע מלמדים, אַז ער זאָל זיך נישט לאָזן איינרעדן צו ווערן אַ בניאַק, אַ לערנער, אַ ליידיקגייער (זי האָט זיי, די לערנער, אָנגערופן מיט די ערגסטע און מיאוסטע נעמען) נאָר ער זאָל בעסער ווערן אַן אַרבעטער, כדי צו קענען אַליין פאַרדינען פאַר זיין לעבן, צו ווערן אַ זעלבסשטענדיקער מענטש און נישט דאַרפן אָנקומען צו קיינעם.

אַרטשע האָט זייער ליב געהאַט זיין קוזינע, האָבן דעריבער שרה פייגעס ווערטער געהאַט אויף אים אַ גרויסע ווירקונג און זיי האָבן זיך איינגעקריצט אין זיין מוח, בפרט — ווען ער אַליין האָט אויך קיין שום חשק נישט געהאַט צום לערנען. איז ביי אַרטשען גע־בליבן אַ פעסטע מיינונג, אַז ער דאַרף נישט זיין אַ בניאַק־אַ לערנער, נאָר ער דאַרף בעסער ווערן אַן אַרבעטער.

⁂

ווען דער אַלטער שמואל חיים רימער איז געשטאָרבן איז אַרטשע אַלט געווען קוים דרייצן יאָר.

נאָכן פאָטערס טויט האָט אַרטשע זיך פאַרעקנשט, אַז ער וויל מער נישט לערנען, ער וויל נאָר ווערן אַ שניידער און פאַרדינען געלט.

עס האָבן נישט געהאָלפן די געבעטן און די געוויינען פון דער מוטער זיינע, אַז ער אַרטשע זאָל ווייטער גיין אין דער תלמוד תורה און ווערן אַ באַרימטער למדן, ווי זיין פאָטער האָט עס פאַרלאַנגט. עס האָבן אויך נישט געהאָלפן די אַלע רייד וואָס ר' ישראל זעליג דער שוחט האָט אין אַרטשען אַריינגערעדט. דער שוחט האָט גוט געקענט אַרטשעס פאָטער, שמואל חיים רימער. ער, דער שוחט, פלעגט לערנען עין יעקב מיט פּראָסטע יידן, צווישן מנחה־מעריב, אין גרויסן בית המדרש און שמואל חיים רימער איז געווען פון זיינע שטענדיקע צוהערער. ר' ישראל זעליג שוחט האָט גוט געוווסט ווי גרויס עס איז געווען שמואל חיימס באַגער, אַז פון זיין זון זאָל

אויסוואַקסן אַ גרויסער למדן און אפשר טאַקע אויך אַ רב. האָט דער שוחט דעריבער פאַראַרבעט מיט אַלע כוחות, אַז אַרטשע זאָל ווייטער פאַרזעצן זיין לערנען. ער האָט אים צוגעזאָגט צו שטיצן וועכנטלעך מיט אַ געוויסער סומע געלט, ער האָט זיך אויך אונטערגענומען אַליין צו לערנען מיט אַרטשען יעדן טאָג אַ שיעור גמרא און ער האָט זיך מתחייב געווען דערנאָך צו באַזאָרגן אים אין אַ גרויסער ישיבה, וווּ ער וועט קענען וויטער לערנען און עס וועט אים גאָרנישט פעלן. אָבער אַרטשע איז געבליבן פאַרעקשנט ביי זיינס: איינמאָל ניין. ער וויל מער נישט זיין קיין לערנער. נאָר אַ שניידער וויל ער ווערן.

ער האָט נאָכגעזאָגט די אַלע מיאוסע עפּיטעטן, אויפן חשבון פון די לערנער, וואָס זיין קוזינע, שרה פייגע, האָט אין אים אַריינגערעט און ער האָט געהאַלטן אין איין שרייען, אַז ער וויל נישט זיין קיין בנאַיאַק, אַ באַנק־קוועטשער. אַ ליידיק־גייער, אַן אומזיסטער פרעסער, אַ אָעקראָכענע פּגירה, אַ האַרגלאַצטער לעמעך, אַ פּסח־דיקע שמאַטע, אַ צעפוילטער חי וקים, אַ צעוויקעטער הערינג, אַ קרומער רוקן, אַן אָפּגעפּליקער פויגל און נאָך אַזוי ווייטער. נאָר — אַ שניידער וויל ער ווערן.

⁂

ווען אַרטשע דעם רימערס איז אָנגעקומען אויף דער לערן צו מאָטקע דעם שניידער איז ער נאָך קיין גאַנצע פערצן יאָר נישט אַלט געווען.

אַרטשען איז באַשערט געווען נישט דורכצומאַכן די אַלע גיהנום־ליידן, וואָס עס פלעגט געוויינלעך אין יענער צייט מוזן דורכמאַכן אַ יינגל ווען ער איז אָנגעקומען אויף דער לערן צו אַ בעל מלאכה.

סיי דער מייסטער, מאָטקע אַליין, סיי די שניידער־געזעלן האָבן אַרטשען ליב געקריגן באַלד פון ערשטן טאָג אָן וואָס ער איז אָנגעקומען צו דער אַרבעט. אָבער גאָר באַזונדער האָט אַרטשע נושא חן געווען ביי דער מייסטעראָווע, ביי שפּרינצען.

שפּרינצע איז געווען אַ ווייבל פון אַ יאָר עטלעכע און צוואַנציק, אַ העל־בלאָנדע, אַ דיקלעכע, מיט אַ הויכן בוזעם, מיט אַ ליכ־

טיק קיילעכדיקן פול פּנים, מיט ראָזעווע באַקן און מיט אַ גרויסע טונקל־בלויע אויגן, וואָס האָבן געברענט מיט פאַרלאַנגען. גיכער האָט שפּרינצע אויסגעזען ווי אַ שייגע, געזונטע, פּוילישע, דאָרפי־שע שיקסע, איידער אַ יידיש ווייבל.

צוגענומען האָט מאַטקע ארטשען צו דער לערן אויף צוויי יאָר, פאַרן בלויזן עסן. פונדעסטוועגן האָט מאַטקע אונטערגערוקט ארטשען יעדן פּרייטיק עטלעכע קאָפּיקעס אַזוי שטילערהייט, אַז די אַנדערע ארבעטער זאָל זיך פון דעם נישט דערוויסן.

— זאָל אַן אָרים יינגל, אַ יתום — האָט מאַטקע זיך גע־טראַכט — האָבן אויף קלייניקייטן וואָס אַ יינגל דאַרף צו האָבן.

גלייכצייטיק האָט מאַטקע זיך באַמיט, אַז ארטשע זאָל טאַקע האָבן די מעגלעכקייט זיך אויסצולערנען די מלאכה און וואָס גיכער קענען אַריין אין שניידער־פאַך.

אויך די שניידער־געזעלן האָבן זיך געגעבן די מי, ארטשען דעם יתום מקרב צו זיין. זיי, ווי דער מייסטער, האָבן אַריינגעצויגן ארטשען, וואָס אַמאָל אַלץ מערער, אין דער אייגנטלעכער ארבעט און האָבן אים אונטערגעשטופּט, אַז ער זאָל וואָס גיכער זיך אַריינלעבן אין דעם שניידער־פאַך.

אויך שפּרינצע, די מייסטעראָווע, פלעגט פון צייט צו צייט אונטערוקן ארטשען עטלעכע קאָפּיקעס, אַז קיינער זאָל נישט זען. דערביי פלעגט זי יעדעס מאָל, אויך אַז קיינער זאָל נישט זען, ארטשען אַרומנעמען, שטאַרק צודריקן צו זיך און אים אָפּשיטן מיט פלאַמיקע קושן.

אין אָנהייב האָט עס ארטשען שטאַרק שאָקירט און ער האָט זיך געפילט פאַרלוירן, פון דעם וואָס אַ פרוי קושט אים. דאָס ערש־טע מאָל אין זיין לעבן וואָס ער האָט פאַרזוכט דעם טעם פון ווייב־לעכע קושן. אַפילו פון זיין אייגענער מאַמען, האָט ארטשע נישט געדענקט, אַז ער זאָל אַמאָל האָבן באַקומען פון איר אַ קוש. אָבער גלייכצייטיק האָט ארטשע דערפילט, אין שפּרינצעס צוגעפּרעסטער נאָענטקייט און אין אירע קושן, ווי אַ נייער, מאָדנער, קאָפּשווינד־לערישער באַרגעניגן צעגיסט זיך איבער אַלע זיינע גלידער און זידט אויף זיינע יונגע בלוטן.

ביסלעכווייז, איז ארטשע, וואָס אמאָל אלץ מערער, דרייסטער געוואָרן. ביז — ער פלעגט שוין אליין, יעדעס מאָל ווען שפרינצע האָט אים צוגעדריקט צו זיך, אויפקנעפלען איר בלוזקע און, ווי א דורשטיקער צו א קוואל וואסער, פלעגט ער זיך צוכאפּן צו אירע נאַקעטע בריסטן און — מיט יינגלעשן ציטער און אויפברויז זיך איינגעגעסן אין זיי מיט זיינע ליפּן און ציין. און ארטשע האָט גע־נומען דערפילן, ווי עפּעס א געהיימער כוח האָט מיטאמאָל ארויסגע־ריסן פון אים זיין ביז איצטיקע קינדערישקייט און אים פארוואנדלט אין א מאַן.

צו דער צופרידנקייט פון אלע האָט ארטשע גאָר גיך ארויסגע־וויזן וווּנדערבארע פעיקייטן אויפצוכאפּן אלע פאזן פון דעם שניי־דער־פאך און אלע האָבן פאָרויסגעזען פאר ארטשען א גלענצענדי־קע צוקונפט אלס פאכמאַן א שניידער.

נאָך א סך פריער איידער עס האָבן זיך געענדיקט די צוויי יאָר, וואָס ארטשע האָט באדארפט ארבעטן ביי מאָטקען אלס לערן־יינגל פארן בלויזן עסן, האָט מאָטקע אליין באשטימט פאר ארטשען א געהעריקן וועכנטלעכן געהאלט, ווי עס פּאסט שוין פאר א פארטיקן בעל מלא־כה א שניידער.

אזוי האָט ארטשע אָפּגעארבעט ביי מאָטקען דעם שניידער איבער דריי יאָר צייט און מאָטקע האָט שוין אָנגעהויבן צו פארלאָזן זיך אויף ארטשען אפילו מיט צושניידן אָנצוגן, וואָס ביז דאַמאָלסט האָט מאָטקע זיך געהאלטן פארן איינציקן באַרופענעם אין דער דאָזיקער ארבעט.

ווען ארטשע איז אלט געווען זעכצן־זיבעצן יאָר האָט מען גאַנץ לייכט אים געקענט אָננעמען פאר א בחור פון ניינצן־צוואַנציק יאָר.

ארטשע איז געווען א הויכער און שלאַנקער בּרונעט, א מאָ־גערער, מיט א הויכן צוויי ווינקלדיקן שטערן, איבער וועלכן עס האָט זיך געהויבן א שווארצע געקרויזטע טשופּרינע; ער האָט גע־האַט א לענגלעך אריסטאָקראַטיש חנעוודיק פּנים מיט א פּאָר שוואַר־צע פארחלומטע אויגן. דער גאַנצער אויסזען זיינער איז געווען ווי פון אַן אוניווערסיטעט־סטודענט, אָדער ווי פון א יונגן קינסטלער. קיינער האָט נישט געקענט פארשטיין פארוואָס און פאַר ווען.

פּלוצלינג, מיט איין מאָל, איז מאָטקען דעם שניידער אַריין אַ שמע־קולנו אין קאָפּ אַריין און ער האָט זיך איינגעקשנט, אַז ער וויל מער אַרטשען נישט האָבן ביי זיך. אַלע שניידער גוזעלן, וואָס האָבן גע־אַרבעט ביי מאָטקען האָבן געהאַלטן, אַז איין מאָטקען איז פּשוט אַריין אַ משוגעת, וואָס ער טרייבט אַרוים פון זיין מייסטערסקיי אַזעל־כע גילדענע הענט ווי עס פאַרמאָגט אַרטשע. באַזונדער האָבן אַלע געוואוסט, אַז אַרטשע איז געווען שטענדיק מאָטקעס ליבלינג און מאָטקעס באַציונג צו אַרטשען איז שטענדיק געווען אַ פאָ־טערלעכע, איז דעריבער ביי אַלע געווען אַן איבערראַשנדיקער ווונ־דער די פּלוצלינגדיקע ענדערונג וואָס איז מיטאמאָל פאָרגעקומען אין מאָטקען.

וויפל מ'האָט מאָטקען געהאַלטן איין פרעגן און אַריינטענהן אין אים:

— ס'טייטש פאַרוואָס? וואָס איז פּלוצלינג געשען? וואָס האָט פּאַסירט?

מאָטקע האָט גאָרנישט געוואָלט ענטפערן און גאָרנישט גע־וואָלט דערקלערן. ער האָט געהאַט נאָר איין וואָרט:

— פאַר גאָרנישט! איך וויל אַרטשען מער נישט האָבן ביי זיך.

אַלע האָבן זיך געהיצט, געקאָכט, געטענהט, געפּרעגט, נאָר איין שפּרינצע איז אַרומגעגאַנגען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, אַ דער־שלאָגענע, און געשוויגן.

ווען אַרטשע איז אַוועק פון מאָטקען האָט ער באַשלאָסן: ער וויל מער נישט זיין קיין בעל מלאכה, ער וויל ווערן אַ סוחר. און אַז אַרטשע האָט זיך אויף עפּעס פאַרנומען האָט ער, מיט עקשנותדיקער ענערגיע, זיך אָנגעשטרענגט דאָס צו דערגרייכן.

אַרטשע האָט זיך איצט דערמאָנט, אַז מיט עטלעכע יאָר צו־ריק, ווען זיין טאַטע האָט נאָך געלעבט, איז אַמאָל געקומען צו זיי אַ פעטער פון לאָדזש. האָט ער דערציילט, אַז יאָרן־לאַנג האָט ער געאַרבעט אַלס וועבער און ער איז שטענדיק געווען אַן אָרימאַן. ער האָט קיינמאָל נישט געהאַט די מעגלעכקייט צו מאַכן זיך אַ ניי מלבוש, נישט פאַר זיך און נישט פאַר דער פאַמיליע. ביז סוף כל סוף איז אים פאַרמיאוסט געוואָרן דאָס אָרימע, מיזעראַבלע לעבן.

האָט ער באַשטימט אוועקצוואַרפן די אַרבעט און זיך נעמען צו מסחר. האָט ער גענומען אַרומפאָרן איבער די שטעטלעך און אויפגעקויפט די אָפּפאַל־שטיקלעך פון די שניידערייען. פון דאַמאָלסט אָן, האָט דער פעטער דערציילט, איז ער געוואָרן אַ לייט. ער האָט דאַנקען גאָט פּרנסה בריווח, ער און די פאַמיליע גייען לייטיש געקליידט און ער שפּאָרט נאָך אַ קערבל אויך. דער פעטער האָט שטאַרק צוגערעדט דעם טאַטן, אַז ער זאָל אויך אַזוי טאָן, אוועקוואַרפן די אַרבעט און זיך נעמען צום זעלביקן מסחר. אָבער דער טאַטע האָט נישט געוואָלט אַפילו הערן פון דעם. דער טאַטע האָט געטענהט: ערשטנס איז ער שוין צו אַלט אויף צו נעמען זיך צו נייע זאַכן און צווייטנס, האָט דער טאַטע געזאָגט, אַז אַלץ איז מן השמים, ווען דער רבונו של עולם זאָל וועלן קען מען פון רימעריי אויך האָבן פּרנסה בריווח. מסתם איז אַזוי דער רצון פון בורא יתברך, אַז ער שמואל חיים רימער זאָל זיין אַן אָרימאַן. און קעגן גאָטס רצון קען קיין מענטש זיך נישט קעגנשטעלן.

האָט אַרטשע איצט, ווען ער איז אַוועק פון מאַטקען, זיך דערמאָנט אין פעטערס ווערטער און עס איז אים גוט געקראָכן אין קאָפּ אַריין, אַז דער פעטער איז געווען גערעכט. און דאָס וואָס עס האָט נישט געטויגט פאַר זיין טאַטן קען זיין גוט פאַר אים.

ביי אַרטשען איז געווען — געזאָגט און געטאָן.

האָט ער אָנגעהויבן אַרומפאָרן איבער שטעט און שטעטלעך און אויפגעקויפט — פּונקט ווי זיין פעטער פון לאָדזש — די אָפּפאַל־שטיקלעך פון די שניידערייען, זיי געפּאַקט אין זעק און אוועקגעפירט אין דער דערבייאיקער גרויסער שטאָט. ערשט דאַמאָלסט האָט אַרטשע זיך איבערגעצייגט ווי גערעכט זיין פעטער איז געווען.

אַרטשע האָט ביסלעכווייז זיך אַריינגעלאָזט מיט לייב און לעבן אינעם דאָזיקן מסחר. אויסער דעם וואָס אים האָט שוין שטאַרק פאַראינטערעסירט די גוטע פאַרדינסטן וואָס דער דאָזיקער מסחר האָט אים אַריינגעבראַכט, האָט אים אויך פאַראינטערעסירט דאָס אַרומפאָרן אַליין אָן און פאַר זיך. דאָס קומען אַלע מאָל אין אַנדערע שטעט, זיך באַקענען מיט נייע מענטשן; איבערהויפּט — ווען ער

האָט דערפילט, אַז ווו ער קומט איז ער שטאַרק, נושא חן, באַזונ־דערס — ביי מיידלעך און יונגע ווייבלעך.

אויף די עצות פון סוחרים אין דער גרויסער שטאָט האָט אַר־טשע אויך אָנגעהויבן אויפקויפן אַלטע זעק און זיי געפירט אין דער גרויסער שטאָט אריין.

אַרטשע האָט אין זיינע מסחרים אַרויסגעוויזן גרויסע פעי־קייטן און אין זיין היים־שטאָט האָט מען שוין גענומען שמועסן צווי־שן באַקאַנטע, אַז ער שניידט זיך צו ווערן אַ גרויסער גביר.

ווען אַרטשע איז אַלט געוואָרן אַכצן יאָר האָט מען אים גענומען רעדן גאָר געהויבענע שידוכים.

נישט געקוקט אויף דעם, וואָס אַרטשע האָט געשטאַמט פון פּראָסטע בעל מלאכהס און נישט געקוקט אויף דעם וואָס ער אַליין האָט שוין געהאַט פאַרגעסן אַ סך פון די דראָבנע אותיות וואָס ער האָט אַמאָל געלערנט, פונדעסטוועגן האָבן חשובע באַלהאַבאַטים און גבירים געוואָלט האָבן אַרטשען פאַר אַן איידעם. ווייט אַרום, איבער שטעט און שטעטלעך, האָט אַרטשע געשמט אַלס פעיקער סוחר און איינרייסער. באַזונדערס — איז אַרטשע דאָך געווען זייער אַ שיינער און שלאַנקער בחור, פאַר וועמען יונגע, שיינע און רייכע מיידלעך האָבן פאַרלוירן די קעפּ.

צו ניינצן יאָר האָט אַרטשע חתונה געהאַט מיט אַ שיין מיידל און מיט גאָר אַ היבשן רייכן נדן.

צוויי חדשים נאָך דער חתונה איז אַרטשע געקומען צו זיין רייכן שווער מיט אַ פאָרשלאַג, אַז יענער זאָל צושטיין צו אים פאַר אַ שותף, צו אַ מסחר פון גאָר גרויסן פאַרנעם. דער פּלאַן איז געווען: איבערצונעמען אַ פאַרטרעטונג איבער גאַנץ פּוילן פון אַ באַרימ־טער דייטשישער פאַרבן־פאַבריק. אַרטשע האָט אויפגעוויזן שוואַרץ אויף ווייס, אַז לויט די פּרייזן וואָס מ׳קען די פאַרבן באַקומען די־רעקט פון פאַבריק אין דייטשלאַנד און לויט ווי די פּרייזן שטייען אין פּוילן קען מען דערביי פאַרדינען ריזיקע סומעס געלט, אָבער מ׳דאַרף אין דעם אַריינלייגן אַ גרויסן קאַפּיטאַל. דעריבער, האָט אַרטשע דערקלערט, איידער צו צונעמען אַ פרעמדן שותף צו אַזאַ

גוט געשעפט, ווייל ער בעסער דאָס מאַכן אין שותפות מיט זיין איי־
גענעם שוועך.

ארטשעס שוועך, אליין א גרויסער סוחר און געניטער געשעפטס
מאַן, איז דער דאָזיקער פּלאַן זייער שטאַרק געפעלן געוואָרן און ער
האָט איינגעשטימט צו ארטשעס פאָרשלאָג.

באַלד נאָך די ערשטע פּאַרטיעס סחורה, וואָס ארטשע האָט
געבראַכט פון דייטשלאַנד, האָט זיין שוועך ערשט אויף אַן אמת זיך
איבערגעצייגט, אַז ער האָט אין זיין גראַטענעם איידעם זיך גאָר־
נישט אָפּגענאַרט. און ארטשעס פּרעסטיזש האָט גענומען וואַקסן,
סיי אין די אויגן פון די אייגענע און סיי אין דעם ווייטן אַרום.

אין אַ גאַנץ קורצער צייט איז דער פאַרבן־מסחר פון שוועך
און איידעם, אונטער דער פירמע „האַכבערג עט קעלמאַן", זיך
שטאַרק צעוואַקסן, וואָס אַמאָל אַלץ ברייטער און גרעסער. צוזאַמען
מיט דעם איז דער נאָמען פון ארטשע קעלמאַן געוואָרן באַרימט סיי
אין לאַנד און סיי אין אויסלאַנד.

עס איז געווען פיר יאָר נאָכדעם ווי די פאַרבן־פירמע „האַכ־
בערג עט קעלמאַן" איז געגרינדעט געוואָרן. ווידער איז ארטשע קעל־
מאַן געפאָרן אין דייטשלאַנד — ווי ער פלעגט עס טאָן פון צייט צו
צייט — אין די אינטערעסן פון געשעפט.

דעם מאָל האָט ארטשע זיך פאַרהאַלטן אין דייטשלאַנד אַ סך
לענגער ווי ס'איז געווען אויסגערעכנט.

כאָטש ארטשע האָט זייער אָפט געשריבן אַהיים, דאָך איז זיין
ווייבל שטאַרק באַאומרואיקט געוואָרן. עס האָבן איר גענומען פּיי־
ניקן טרויעריקע געפילן. אַ וואָרעם פון אייפערזוכט האָט זיך צו איר
אַריינגעריסן, אומרחמנותדיק צעפרעסן איר האַרץ, זי געפייניקט און
נישט געלאָזט צו רו.

— מן הסתם ווייסט ארטשע וואָס ער טוט — האָט האַכבערג
געטרייסט זיין טאָכטער — אַז ער זאַמט זיך אַזוי לאַנג אין דייטש־
לאַנד פאָדערן עס געוויס די געשעפטן אַזוי. אדרבה לייען זיינע
בריוו, אָט שרייבט ער דאָך קלאָר אַרויס די סיבות פאַרוואָס ער קען
נאָכנישט אַהיימקומען.

ארטשעס שוועך, אינם בלינדן צוטרוי צו זיין איידעם, איז אויף

גאַנצע הונדערט פּראָצענט זיכער געווען, אַז ווען אַרטשע האַלט זיך אויף אַזוי לאַנג אין דייטשלאַנד מן הסתם דאַרף עס אַזוי זיין.

ביז איינמאָל — דאָס איז געווען נאָך דריי חדשים ווי אַרטשע האָט זיך אויפגעהאַלטן אין דייטשלאַנד — האָט האָכבערג דערהאַלטן אַ טעלעגראַמע פון אַרטשען ווו ער גיט צו וויסן:

אַזוי ווי אַ גרויסער סוחר פון שטאָלוואַרג־אַרטיקלען אין ברעמען האָט באַנקראָטירט און די בעל־חובות האָבן ביי אים צוגע־נומען די גאַנצע סחורה זיינע, איז פאַראַן אַ מעגלעכקייט אָפּצוקויפן די סחורה פאַר אַ דריטל פון פּרייז און מ'קען דערביי פאַרדינען אַ פאַרמעגנס. דעריבער פאָדערט ער, אַז מ'זאָל אים תיכף אַרויסשיקן טעלעגראַפיש דרייסיק טויזנט רובל, כדי ער זאָל קענען די סחורה איינהאַנדלען. באַלד ווי ער וועט, אין אַ גוטער שעה, מאַכן אָט דעם דאָזיקן גלענצנדיקן מסחר, קומט ער גלייך אַהיים צוזאַמען מיט דער סחורה.

אַרטשעס ווייבל איז דורכאויס געווען קעגן דעם, אַז מען זאָל די דאָזיקע גרויסע סומע אַרויסשיקן. זי האָט געגעבן צו פאַר־שטיין איר פאָטער, אַז אויב עס האַנדלט זיך וועגן אַזאַ גרויסע קניה, אין וועלכער מ'דאַרף אַריינלייגן אַזאַ ריזיקע סומע, דאַרף אַרטשע פריער אַהיימקומען און דערקלערן, מיט אַלע איינצלהייטן, וויפל סחורה איז דאָרטן פאַראַן, וויפל איז דער נאָרמאַלער פּרייז פון די אַרטיקלען, פאַר וויפל קען מען דאָס אָפּקויפן און וויפל קען עס אַי־בערלאָזן ריווח.

אין דער אמתן איז איר נישט אַזוי געגאַנגען אין די אינטע־רעסן פונם מסחר ווי זי איז דיקטירט געווען פון שרעקלעכע אומ־רואיקע געפילן, וועלכע האָבן איר די גאַנצע צייט געפּייניקט און נישט געלאָזט רוען.

איר פאָטער אָבער האָט אַבסאָלוט נישט געוואָלט זיך צוהערן צו אירע רייד. ער האָט זיך געהאַלטן ביי זיינס:

— מסתמא ווייסט אַרטשע וואָס ער טוט. אויף אים מעג מען זיך פאַרלאָזן. אויב ער פאָדערט דאָס געלט טעלעגראַפיש ווייסט ער אוודאי, אַז עס זענען פאַראַן געוויסע אַנדערע בעלנים אויף דער דאָ־

זיקער קניה און מ׳דאַרף דעריבער איינהאַנדלען די סחורה וואָס פרי־ער, איידער אַנדערע כאַפּן דאָס אויס.

— בכלל — האָט האָכבערג געטראַכט וועגן זיין טאָכטער — וואָס פאַרשטייט אַזאַ יונגע ציג וועגן מסחר? זי וויל, אַז אַרטשע זאָל אַהיימקומען, פּשוט ווייל עס האָט זיך איר שטאַרק פאַרבענקט נאָך איר מאַן. עס איז טאַקע נישט קיין עוולה פון איר זייט, אָבער גע־שעפט איז געשעפט, און געשעפט איז פריער פון אַלץ.

האָכבערג האָט קיין סך נישט געטראַכט, און אין זיין גיריקייט נאָך גרויסע און גרינגע פאַרדינסטן, האָט ער באַלד אַרויסגעשיקט טעלעגראַפיש די געפאָדערטע סומע צו זיין איידעם אין דייטשלאַנד.

עס זענען אַוועק עטלעכע וואָכן און נישט מען האָט אָנגעזען אַ סימן אַפילו פון וועלכער ס׳איז אָפּגעקויפטער שטאָלוואַרג־סחורה און נישט מען האָט שוין מער געהערט פון אַרטשען.

נאָכדעם ווי אַלע בריוו און טעלעגראַמעס, וואָס אַרטשעס שווער האָט געשיקט קיין דייטשלאַנד, זענען צוריקגעקומען מיט דער צו־שריפט, אַז מ׳קען דעם אַדרעסאַט נישט געפינען, האָבן פיינלעכע און טרויעריקע געדאַנקען אָנגעהויבן האָכבערגן צו מאַטערן און מיט אַ טיפן ווייטיק אין האַרצן, האָט ער ערשט געגומען באַגרייפן, אַז אפשר איז זיין טאָכטער געווען גערעכט; טאַקע אַ יונגע ציג, אָן געשעפטלעכע דערפאַרונג, זי איז אָבער פאָרט גערעכט געווען, אַז איידער מ׳שיקט אַרויס אַזאַ גרויסע סומע געלט האָט אַרטשע אַליין באַדאַרפן פריער קומען. קיין זאַך טאָר מען נישט טאָן אין איי־לעניש, געכאַפּטערהייט.

האָכבערג האָט זיך געשעמט צו קוקן דער טאָכטער אין פּנים אַריין און עס האָט אים געשניטן ביים האַרץ צו זען ווי די טאָכטער גייט אַרום שוואַרץ ווי קויל פון ווייטיק און שאַנדע, וואָרן... ווער ווייסט! אָבער דאָך האָט האָכבערג נישט געוואָלט צולאָזן צום גע־דאַנק, אַז זיין אַרטשע זאָל חלילה האָבן אָפּגעטאָן עפּעס אַזוינס וואָס לאָזט זי נישט גלויבן. גיכער — האָט ער געטראַכט — איז מיט אַר־טשען עפּעס אַן אומגליק געשען. און האָכבערג איז אַוועקגעפאָרן קיין דייטשלאַנד.

דאָרטן, אין דייטשלאַנד, האָט ערשט אַרטשעס שווער אָפּגעגו־

מען דעם אמתן גרוס פון זיין ליבן, גערעאַטעטענעם, קלוגן און שיינעם איידעם.

די פאַבריקאַנטן פון פאַרב — פון וועמען די פירמע „האַכבערג און קעלמאַן" האָט געהאַט די פאַרטרעטונג און מיט וועמען די פירמע איז געשטאַנען אין שטענדיקע פאַרבינדונגען — האָבן איבערגעגעבן האַכבערגן, אַז דער יונגער הער קעלמאַן צוזאַמען מיט זיין יונגער און שיינער פרוי, אַ בלאָנדע דייטשקע, זענען עטלעכע מאָל אויפגענומען געוואָרן ביי זיי, אין זייערע פאַמיליע־קרייזן, אַלס זייער אָנגעלייגטע און ליבנסווירדיקע געסט. אָבער שוין עטלעכע וואָכן ווי זיי האָבן דער הער קעלמאַן נישט געזען.

מען האָט אויך געמאָלדן האַכבערגן, אַז דער הער קעלמאַן האָט ביי זיי געבאָרגט מזומן געלט צען טויזנט מאַרק און מען האָט געפרעגט ביי האַכבערגן, צי וויל ער דעם דאָזיקן חוב באַצאָלן איצט, אָדער מען זאָל עס אַרויפשטעלן אויפן חשבון פון דער פירמע „האַכבערג עט קעלמאַן".

האַכבערג האָט נאָך געפּרווט זיך אָנכאַפּן אין לעצטן שטרוי: ער האָט זיך נאָכגעפרעגט סיי אין בערלין און סיי אין ברעמען, צי ווייסט מען פון איינעם אַ גרויסן סוחר פון שטאָלוואַרג, וואָס האָט באַנקראָטירט און די בעל־חובות האָבן די סחורות זיינע אויספאַרקויפט. אָבער אין ערגעץ האָט מען נישט געוווסט גאָרנישט פון אַזעלכעס צו זאָגן.

מער האָט האַכבערג שוין גאָרנישט באַדאַרפט זיך נאָכפרעגן און ער האָט שוין מער גאָרנישט געוואָלט וויסן.

ווען האַכבערג, אַ צעבראָכענער, אַ דערשלאָגענער און פאַרשעמטער, איז אָנגעקומען אין פוילן, נאָך איידער ער האָט באַוויזן צו ברענגען אַהיים די שוואַרצע בשורה וועגן אַרטשען, איז שוין אין אַלע וואַכזאַלן, וווּ ער איז פאַרבייגעפאָרן, געווען געמאָלדן די צווייטע שוואַרצע בשורה, אַז צווישן רוסלאַנד און דייטשלאַנד האָט אויסגעבראָכן אַ מלחמה.

דאָס איז געווען אין חודש יולי פון יאָר 1914.

ערשט אין יאָר 1920, מיט זעקס יאָר שפּעטער, איז אָנגעקומען פון יאָהאַנעסבורג (דרום אפריקע) אַ גט פון אַרטשען פאַר זיין ווייב

שפרה בת יצחק האכבערג. אָבער דער גט איז שוין געווען איבעריק, ווייל זיין ווייב שפרה איז שוין דעמאָלסט נישט געווען מער צווישן די לעבעדיקע.

——— ⁂ ———

עס איז געווען אין אָוונט פון צווייטן נאָוועמבער, יאָר 1928. די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין מעקסיקע האָט איינגעאָרדנט אין טעאַטער „אירים" אַ גרויסע פאָלקס פייערונג לכבוד דעם יאָר־טאָג פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע.

דער טעאַטער־זאַל איז געווען באַפּוצט מיט פאַרשידענע בלומען־געפלעכטן און מיט אַלערליי ציוניסטישע לאָזונגען. איבער דער סצענע האָבן געפלאַטערט דריי פאָנען: די ווייס־בלויע יידישע פאָן, די מעקסיקאַנער פאָן און די ענגלישע פאָן. אין פּראָגראַם פון אָוונט איז געווען — אַרטיסטיש־קינסטלערישע אויפטריטן, פאַסיקע רעדעס מעניגנא דיומא און באַגריסונגען פון מעקסיקאַנער אינטעלעקטואַלן.

דער טעאַטער־זאַל איז שוין געווען געפּאַקט; די לאָזשעס זענען שוין געווען באַזעצט מיט די פרעמדע איינגעלאַדענע געסט, צווישן וועלכע עס איז אויך געווען אַ פאַרשטייער פון דער מעקסיקאַנער רעגירונג. מיט שפּאַנונג האָט מען נאָר געוואַרט אויפן אָנקום פון ענגלישן אַמבאַסאַדאָר, כדי צו קענען אָנהייבן די פייערונג.

ביים אַריינגאַנג אין טעאַטער זענען געשטאַנען די פני פון דער מעקסיקאַנער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, האָבן אָפּגעוואַרט אויפצונעמען דעם ענגלישן אַמבאַסאַדאָר מיט זיינע באַגלייטער.

אַביסל פאַרשפּעטיקט זענען זיי אָנגעקומען: דער ענגלישער אַמבאַסאַדאָר מיט דער פרוי, צוזאַמען מיט נאָך צוויי פּערזאָן; איינער פון זיי — אַ הויכער און שלאַנקער מאַן ווי פון אַ יאָר עטלעכע און דרייסיק, אַ ברונעט, מיט אַ לענגלעך מאָגער פנים און מיט אַ פּאָר ליכטיקע, קלוגע, שוואַרצע אויגן.

ביים פאָרשטעלן זיך פאַר די ציוניסטישע פני האָט ער געמאָלדן זיין נאָמען, אַרטור קיעל, און צוגעגעבן, אַז ער איז אויך אַ ציוניסט און ער קומט פון דרום אַפריקע. דערביי האָט ער באַמערקט, אַז ער וואָלט געווען זייער צופרידן צו האָבן אַ צוזאַמענטרעף מיט די מעקסיקאַנער ציוניסטן.

שוין א גאַנצן טאָג פון צווייטן נאָוועמבער האָט דאָס יידישע מעקסיקע געטומלט און געקאָכט מיט דער נייעס, אז אָט דער דאָזי־קער הויכער און שיינער מאַן וואָס זיצט אין דער לאָזשע צוזאַמען מיטן ענגלישן אַמבאַסאַדאָר איז א ייד, א ציוניסט און אז ער איז א מולטימיליאָנער פון דרום אַפירקע. נישט נאָר דאָס אַליין, די יידישע גאַס פון מעקסיקע האָט אויך געוווסט צו דערציילן, אז ער איז א ייִדיש־ענגלישער לאָרד, אז ער שטאַמט פון דור־דורות ענגלישע לאָרדן און אז ער איז א גאַנצער קרוב למלכות אין ענגלאַנד. ביז ס'איז שוין דערגאַנגען אַזוי ווייט, אז ער איז דעם ענגלישן קעניגס אַן אינטימער פריינד, אַזוי אז סיי דער קעניג, סיי די קעניגין און סיי די גאַנצע קעניגלעכע פאַמיליע טוען נישט קיין טריט פון דאַנען אַהין, אז זיי זאָלן זיך נישט בּאַראַטן פריער מיטן דאָזיקן יידישן לאָרד.

די גאַנצע צייט, וואָס עס איז אָנגעגאַנגען די פּראָגראַם פון דער פייערונג, האָט דער עולם נישט אויפגעהערט צו רייסן די אויגן אַהין, אין דער לאָזשע פון ענגלישן אַמבאַסאַדאָר, וווּ עס איז גע־זעסן דער לעגענדאַריש־אַרומגעשלייערטער יונגער יידישער מיליאָ־נער פון דרום אַפריקע.

אָט דער דאָזיקער מולטימיליאָנער און לעגענדע־באַקרוינטע פּערזענלעכקייט, אַרטור קיעל, איז עס געווען, נישט קיין אַנדערער ווי אונדזער גוט באַקאַנטער, פון קינדוויַיז אָן, אַרטשע, שמואל חיים רימערס זון.

⁂

אז אַרטור קיעל האָט זיך באַזעצט אין מעקסיקע האָט דער יידי־שער ישוב, וואָס האָט דאַמאָלסט געהאַלטן אין רעכטן מיטן וואַקסן, זיך דערוווּסט א סך זאַכן וועגן דאָזיקן יונגן מיליאָנער. מען האָט זיך דערוווּסט ערשטנס, אז ער איז נאָך א בחור; אז ער איז א גרויסער אַקציאָנער אין דער נאַפט־קאָמפּאַניע „על אגילא"; אז ער גרייט זיך צו עפענען א באַנק אין מעקסיקע; אז ער איז א גאָר גרויסער חשוב ביי דער מעקסיקאַנער רעגירונג; אז ער איז אַן איבערגעגעבּע־נער ציוניסט; אז ער איז א גרויסער נדבן; און אז ער שטאַמט נישט פון ענגלישע לאָרדן, ווי מ'האָט אויף אים אויסגעטראַכט, נאָר ער

שטאַמט גאָר פון דור דורות רבנים און אויך זיין טאַטע איז געווען א באַרימטער רב אין פוילן. דאָס לעצטע האָט ארטור קיעל אליין זיך באַמיט, אז דער דאָזיקער קלאַנג זאָל צעטראָגן ווערן אין אלע קרייזן פון מעקסיקאַנער יידישן ישוב.

אין זעלביקן יאָר וואָס ער האָט זיך באַזעצט אין מעקסיקע האָט דער מיליאָנער ארטור קיעל חתונה געהאַט מיט א שיינער און חנעוודיקער בלאָנדינקע, א טאָכטער פון אינטעליגענטע אַמעריקאַנער־יידישע עלטערן, וואָס האָבן געוווינט אין מעקסיקע.

פון חודש צו חודש האָט דער יידישער ישוב אין מעקסיקע, אין יענע יאָרן, אלץ מער און מער זיך גענומען פאַרגרעסערן. מיט דער אלץ וואַקסנדיקער נייער יידישער אימיגראַציע האָט מעקסיקע אויך אריינגענומען א היבש ביסל יונגע יידישע אינטעליגענטן, וועלכע האָבן געהאַט פאַרנומען אַנגעזעענע געזעלשאַפטלעכע און קולטור־פּאָזיציעס אינם יידישן לעבן אין זייערע אלטע היימען.

ארטור קיעל האָט איינגעזען, אז מיט זיינע גרויסע אָרגאַניזיר־פעיקייטן, מיט זיין ברייטער מאַטעריעלער שטיצע און מיט דעם אינ־טעליגענטן עלעמענט פון די נײַ־אָנגעקומענע וועט ער קענען גאָר א סך אויפטאָן, אויף אוועקצושטעלן דעם יונגן יידישן ישוב אויף א העכער געזעלשאַפטלעכער און קולטורעלער מדרגה אין אלע הינ־זיכטן. דורך דעם, האָט ער געהאָפט, וועט שטאַרק שטייגן זיין פאַר־נעם און אָנזען און ער וועט זיך דערווערבן דעם געהעריקן כבוד ביי יידן, נאָך וועלכן ער האָט אזוי פיל יאָרן געבענקט און צו וועלכן ער האָט זיך זייער שטאַרק געריסן.

ארטור קיעל האָט אָבער געפילט, אז איין שטערונג איז פאַראַן, וואָס וועט אים שטענדיק שטיין אין וועג צו דערגרייכן זיין שטרע־בונג און צו דערשלאָגן זיך צו זיין געגאַרטן פאַרלאַנג. דאָס איז — זיין אָפּגעשטאַנענקייט אין יידישן וויסן און זיין אָפּגעפרעמדקייט פון די אלע ספּעציפיש־יידישע ענינים.

אפילו אין זיין אייגענעם פאַמיליע קרייז — האָט זיך ארטורן אויסגעדאַכט — איז דאָס אים א גרויסע שטערונג. כאָטש זיין פרוי, זיין שווער און שוויגער, און אלע פון דער פרויס פאַמיליע האָבן אים, ארטורן, זייער שטאַרק רעספּעקטירט און אויפריכטיק הארציק

ליב געהאט, אבער טייל מאל האט זיך ארטורן אויסגעוויזן, אז ער באמערקט אין זיי א באהאלטענע גרינגשעצונג צו אים, ווען עס קומט אויס צו רעדן וועגן זאכן וואס האבן צו טאן מיט ספעציפישע יידיש־קייט־פראבלעמען, אין וועלכע ער האט זיך געפילט ווייט אפ־געפרעמדט.

ארטורן האט עס נישט געלאזט רוען. עס האט אים צעפרעסן זיין געמיט. האט ער דעריבער זיך באמיט צו פארשפרייטן א קלאנג, אז ער שטאמט פון רבנישע עלטערן און פון א פאמיליע וואס האט ארויסגעגעבן א סך אנגעזעענע רבנים אין פוילן און אין ליטע. אזוי ארום האט ער געוואלט, דורך זכות אבות פארדעקן דעם אייגענעם פארגרעבטן יחוס עצמו. און ארטור קיעל האט געהאלטן אין איין טראכטן ווי אזוי צו קענען געפינען א מעגלעכקייט דורך וועלכער ער זאל קענען באווייזן, שווארץ אויף ווייס, דעם „אמת" פון זיין גארימען זיך.

ווי זאגט א פאלקס ווארט :„אז איינעם גייט, גייט עס פון אלע זייטן".

האט ארטורן, דעם בר מזל, אויך אין דעם צוגעשפילט דאס מזל.

עס איז געווען דאן שוין עטלעכע יאר נאך זיין חתונה ווען דעם מיליאנער ארטור קיעל איז אויסגעקומען, צוליב זיינע גע־שעפטן, צו זיין עטלעכע טעג אין א פראווינץ שטעטל פון מעקסיקע.

ארטור איז פונקט געווען דאמאלסט דער איינציקער גאסט אינם איינציקן האטעל פון שטעטל. דער אייגנטימער פון האטעל, אן על־טער, געזונטער, ברייטפלייציקער גוי, מיט א פאר דיקע, גרויע, בכבור־דיקע וואנצעס, האט זיך גאר שטארק דערפרייט מיט זיין איינציקן גאסט. נישט אזוי צוליב דעם פארדינסט, וואס דער גאסט וועט אים אריינברענגען, ווי צוליב דעם וואס ער וועט האבן מיט וועמען א ווארט אויסצורעדן, פון וועמען ער וועט זיך דערוויסן וואס עס טוט זיך אין דער גרויסער וועלט און איבערהויפט — וואס ער וועט האבן פאר וועמען אויסצודערציילן זיינע בארימערישע מעשהס וועגן די העלדישקייטן פון פאנטשא וויא, אין וועמענס ארמיי ער האט גע־דינט. דער אלטער פלעגט גארנישט מיד ווערן צו רעדן וועגן פאנ־

טשאָ וויא, ווען ער האָט נאָר געהאַט אַ געלעגנהייט פאַר וועמען צו ריידן.

אַזוי האָט זיך פאַרבונדן אַ נאָענטע פריינדשאַפט צווישן אייגנ־טימער פון האָטעל מיט זיין רייכן גאַסט אַרטור קיעל.

די היצן פון חודש יולי זענען אין יענעם שטעטל געווען אומ־דערטרעגלעכע. ביי טאָג האָט דעם הימל געפלייצט מיט פייער און אַפילו אין די נעכט איז נאָך די לופט געווען אַן אָנגעגליטע. אין אַזעלכע נעכט האָט אַרטור קיעל אויף קיין פאַל נישט געקענט איינ־שלאָפן. פלעגט ער דעריבער זיצן מיטן באַלהאַבאָס פון האָטעל ביז שפּעט אין דער נאַכט און אויסהערן די אומאויסשעפּלעכע מעשהס וועגן פאַנטשאָ וויאס ווונדערלעכע העלדישקייטן, און אַמאָל אויך געשפּילט מיטן באַלהאַבאָס אין אַ דאָמינאָ.

איינמאָל אין אַן אָוונט האָט דער באַלהאַבאָס פון האָטעל פאַר־בעטן אַרטורן, ווי אַ פריינד, צו זיך אַהיים, אין זיין פּריוואַט־וווינונג.

ווי אַרטור איז נאָר אַריין צום אַלטן אין דער וווינונג האָט זיך אים באַלד געוואָרפן אין די אויגן אַן אומגלויבלעכע דערשיינונג: צווישן די אַלע בילדער־סאַנטאָס, וואָס זענען געווען צעהאָנגען אי־בער די ווענט, האָט אויך געהאָנגען אַ בילד פון אַ יידן מיט אַ צאַרטן רבנישן הדרת פּנים, מיט אַ שיינער באָרד, מיט אַ הויכן לומדישן שטערן איבער וועלכן עס האָט זיך אַרויפגעהויבן אַ הויכע יאַרמעל־קע אויפן קאָפּ, און מיט אַ פּאָר ליכטיקע קלוגע אויגן וואָס האָבן אַרויסגעשיינט דורך ברילן.

ווען דער גאַסט האָט געפרעגט ביים אַלטן, פון וואַנען קומט צו אים, אַ קריסט, אַזאַ בילד פון אַ יידישן רב, האָט אים יענער דערציילט:

— מיט אַ סך יאָרן צוריק האָט ביי מיר געוווינט אַ ייד אַן אַבאָנער. ער פלעגט פאַרקויפן פאַרשידענע סחורות, קליידער און שיך אויף אויסצוצאָלן, צו די איינוווינער פונם דאָזיקן שטעטל און פון די אַרומיקע שטעטלעך און דערפער. דער ייד, דער אַבאָנער, איז אוועקגעפאָרן און דאָס דאָזיקע בילד האָט ער איבערגעלאָזט. ווייזט אויס, אַז ער האָט אין דעם פאַרגעסן. אַזוי איז דאָס דאָזיקע

בילד פון יידישן הייליקן געבליבן ביי מיר, האָב איך עס אויפגעהאָנ־גען ביי זיך אין הויז צווישן אַלע הייליקע.

אַרטורן איז באַלד אויפן מאָמענט איינגעפאַלן אַ גליקלעכער געדאַנק, אָפּצוקויפן דאָס דאָזיקע בילד פון דעם אַלטן גוי. אָבער ווען אַרטור האָט דאָס אים פאָרגעלייגט האָט דער אַלטער אַפילו נישט געוואָלט הערן פון דעם. ער האָט דערקלערט און אויפגעוויזן, אַז זינט דאָס דאָזיקע הייליקע בילד הענגט ביי אים אין שטוב איז אריין אַ ברכה און הצלחה אין זיין שטוב אריין און ער איז אָפּגע־היט געוואָרן פון אַ סך שלעכטס, וואָס שונאים האָבן אים גע־וואָלט טאָן.

אָבער ווען אַרטור האָט דעם אַלטן פאָרגעלייגט אַ פאַנטאַס־טישע סומע געלט האָט יענער שוין נישט געקענטביישטיין דעם נסיון און ער האָט אַרטורן פאַרקויפט דאָס בילד.

קומענדיק אַהיים קיין מעקסיקע האָט באַלד אַרטור קיעל גע־מאַכט נאָך אַ קאָפּיע פונם רבנישן בילד און ער האָט איין בילד אַזאַ אויפגעהאָנגען אין דעם רייכן סאַלאָן פון זיין היים־רעזידענץ און אַ צווייט בילד — אין זיין געשעפטס ביוראָ. און פאַר יעדערן האָט אַרטור פאַרגעשטעלט, אַז דאָס איז די פאָטאָגראַפיע פון זיין פאָטער דעם רב זכרונו לברכה.

פון דאַמאָלסט אָן האָט אַרטור קיעל באַמערקט, אָדער אפשר האָט זיך אים בלויז אַזוי אויסגעדאַכט, אַז מענטשן באַציען זיך צו אים גאָר מיט אַן אַנדערן דרך ארץ. וואָרן מענטשן האָבן פאַרשטאַ־נען — אַזוי האָט אַרטור געדענקט — ווען איינער וואָס האָט גע־דאַט אַזאַ שיינעם יידן, אַ רב, פאַר אַ טאַטן, מסתמא איז ער אַליין שוין אויך נישט אַ ליאַדע־ווער.

ווי געוויינלעך ביי יעדן גביר, בפרט ביי אַ גביר מיט אַ ברייטער האַנט, פעלן קיינמאָל נישט אויס קליי חניפהניקעס און אונטערלע־קער, וועלכע זענען געבענטשט מיט אַ ראַפינירטן חוש הריח, צו דערשמעקן מאָמענטאַל, וואָס דעם גבירס פאַרלאַנג איז.

אָט די דאָזיקע לייט, וואָס האָבן זיך שטענדיק געריבן אַרום דעם גביר אַרטור קיעל, האָבן שוין געזען צו פאַרענדיקן דאָס איבע־ריקע. זיי האָבן שוין צעטראָגן, מיט גוזמאות און לעגענדעס, אין

אַלע ווינקעלעך פונם מעקסיקאַנער יידישן ישוב, די געוווּנטשענע קלאַנגען, וואָס פאַר אַ גרויסער גאון און באַרימטער רב עס איז געווען ארטור קיעלס פאָטער.

— בלויז אַנצוקוקן דאָס בילד פון זיין פאָטער, וואָס הענגט ביי אים אין סאַלאָן, ווערט ליכטיק אין די אויגן. ער איז דאָך געווען איינער פון די באַרימטסטע וועלט־גאונים. אַז רבנים פון דער גאַנצער וועלט האָבן זיך געווענדעט צו אים מיט שאלות. אויסער דעם איז ער געווען איינער פון די גרעסטע געלערנטע אין וועלט־זאַכן. גרויסע פּראָפעסאָרן פון אוניווערסיטעטן פלעגן זיך מיט אים באַראַטן, ווען זיי האָבן געהאַט פאַר זיך שווערע פּראָבלעמען צו לייזן.

און אַזוי ווייטער און ווייטער האָבן זיך געשפּרייט די מעשהס וועגן ארטור קיעלס פאָטער דעם רב.

ווידער אַמאָל האָט ארטור קיעל איינגעזען די ריכטיקייט פון זיין שטענדיקער זיכערקייט, אַז אַלץ קען מען קריגן צו קויפן פאַר געלט, אַפילו אַ שיינעם טאַטן אויך. איז אויב מ׳קען זיך ניט איבערנעמען מיטן אייגענעם טאַטן, קען מען פאַר געלט קריגן אַ שענערן טאַטן.

ווי זאָגט מען אָבער: „קיינער איז נישט באַוואָרנט פון אַן אומגליק. אַז עס איז איינעם באַשערט אַן אומגליק קומט עס אין שטוב אַריין".

*

ערשט אויפן פינפטן יאָרן נאָך זיין חתונה איז ביים מיליאָנער ארטור קיעל געבוירן געוואָרן זיין בכור. מיטן קומען פון זיין זון אויף דער וועלט האָט ארטורס לעבנס גליק און נחת דערגרייכט צו דער העכסטער פולקאָמענהייט. ווער איז דען דאַמאָלסט נאָך געווען צו אים גלייך! ארטור האָט זיך גאָרנישט געקענט פאָרשטעלן, אַז עס איז נאָך פאַראַן אַ מענטש אויף דער וועלט וואָס זאָל זיין אַזוי גליקלעך ווי ער.

מיט גרויס פּאָמפּע, לוקסוסדיקער פּראַכט און רחבותדיקן פאַרנעם איז געפייערט געוואָרן די שמחה פון ברית.

און אַ נייעם אופן פון פאַרבעטן געסט האָט איינגעפירט ארטור קיעל. קיין מענטש איז פּערזענלעך נישט פאַרבעטן געוואָרן.

נאָר עס איז געמאָלדן געוואָרן, אַז די גאַנצע אידישע קאָלאָניע פון מעקסיקע, אָן קיין אויסנאַם, איז העפלעך און הארציק פאַרבעטן אַנטייל צו נעמען אין דער ברית־פייערונג ביים זון פון ארטור קיעל און פרוי.

אזוי ארום איז יענער זונטיק פון דער ברית־פייערונג פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַ גרויסן פאָלקס יום־טוב אין וועלכן אַלע, אַלע, יונג און אַלט האָבן אַנטייל גענומען. יעדער איינער האָט גע־האַלטן פאַר געוווּנטשן זיך אָנצוטאָן דעם כבוד און מיטפרייען זיך אין דער גרויסער פייערונג ביים מיליאָנער ארטור קיעל, לכבוד דעם ברית פון זיין זון.

מוזיק האָט געשפּילט, יונגע פּאָרלעך האָבן געטאַנצט און עלטע־רע האָבן אזוי געהוליעט און זיך געלאָזט ווויליגיין. עס האָט אויס־געזען, נישט אַנדערש, ווי אַן אמתער אַלגעמיינער יידישער פאָלקס יום־טוב.

און ארטור קיעל איז ארומגעגאַנגען צווישן די געסט און איז געוואַקסן פון פרייד, מיט יעדן איינעם האָט ער געמאַכט אַ „לחיים” און דערביי האָט ער אָפּט אָנגעוויזן אויף זיין „טאַטנס” בילד, וואָס איז געהאָנגען אויף דער וואַנט און אַלעמאָל האָט ער ארויסגעלאָזט אַ קרעכץ:

— אוי, ווען מיין טאַטע זכרונו לברכה זאָל געווען דאָס דער־לעבן און צוזען דעם דאָזיקן נחת! איי, נעבעך נישט באַשערט גע־ווען אים צו זען אַ קינד ביי זיין געליבטן זון!

צווישן דער גרויסער מאַסע, וואָס האָבן אָנטיילגענומען אין דער ברית־שמחה, האָט זיך אויך געפונען אַ יונגערמאַן וואָס איז נאָרוואָס געהאַט געקומען פון לאָוונע (ליטע). דער יונגערמאַן האָט זיך ארומגעקוקט און באַוואונדערט די לוקסוס־רייכע רעזידענץ פונם גרויסן גביר, דעם בעל ברית. אַז ער האָט דערזען דאָס בילד פון דעם רב, וואָס איז געהאָנגען אויף דער וואַנט, האָט ער געפרעגט ביי אַ באַקאַנטן זיינעם, צי ער ווייסט ווער דער דאָזיקער מאַן איז וואָס אויפן בילד.

— זיכער ווייס איך — האָט אים יענער געענטפערט בתמימות — דאָס איז דאָך דעם גבירס פאָטער.

דער יונגערמאַן האָט אַן איראָנישן שמייכל געטאָן און באַלד האָט ער זיך געווענדעט צו נאָך עטלעכע מענטשן מיט דער זעלבי־קער פראַגע: צי זיי ווייסן ווער עס איז דער מאַן וואָס איז אויפן בילד. אַלע האָבן זיי געענטפערט דאָס זעלביקע, אַז דאָס איז דעם בעל ברית׳ס פאָטער, דער באַרימטער גאון פון פוילן, רבי שמואל חיים קיעל.

דער יונגערמאַן האָט זיי אַלע אָנגעקוקט מיט פאַרווונדערונג און שטוינונג, ער האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָ קומט פאָר, און ער האָט געטראַכט:

— צי בין איך נישט ביים קלאָרן פאַרשטאַנד, אָדער זיי אַלע דאָ זענען צעדרייטע?!

און דער יונגערמאַן האָט דערקלערט, אַז דער מאַן וואָס אויפן בילד איז גאָר דער באַרימטער גאון פון דייטשלאַנד, רבי שמשון רפאל הירש זצ״ל, וואָס איז געווען רב אין פראַנקפורט אם מיין. עס איז שוין עטלעכע און זעכציק יאָר אין דעם, אַז ער איז נפטר גע־וואָרן און ער איז גאָר קיינמאָל אין פוילן נישט געווען.

באַלד איז געוואָרן אַ סודותדיקע מורמלעריי צווישן די געסט און אַ שושקענדיקע שפּאָטישע איראָניע, אויפן חשבון פונם בעל ברית, האָט זיך גענומען טראָגן אין דער שטיל פון גאַסט צו גאַסט.

אַנדערע, נישט פאַרגינערס, מחמת קנאה, האָבן נאָך צוגעגעבן מיט איינגעהאַלטענעם חוזקדיקן געלעכטער און מיט אָפענער שאָדן־פרייד:

— וואָס דען, אַליין האָט איר נישט פאַרשטאַנען, אַזאַ גראָבער יונג, אַן עם הארץ, אַ בור מדאורייתא, וועט זיין אַ רבס אַ זון?!

ערשט נאָך דער שמחה, ווען די געסט זענען שוין געהאַט אוועק־געגאַנגען, האָט זיך דערטראָגן צום בעל ברית, אַז מ׳ווייסט שוין אומעטום, אַז דאָס בילד וואָס הענגט אויף דער וואַנט איז נישט פון זיין פאָטער, נאָר גאָר פון איינעם אַ גרויסן גאון פון דייטשלאַנד, וואָס איז שוין טויט מער פון זעכציק יאָר.

באַלד איז דאָס בילד פון רבי שמשון רפאל הירש אַראָפּגענו־מען געוואָרן פוןביידע ערטער ווו עס איז נעהאַנגען ביים גרויסן גביר אַרטור קיעל.

און אַרטור קיעל האָט מער געוויינט אויפן „טויט" פון זיין געקויפטן „טאַטן" אַ סך מער ווי אַרטשע האָט אַמאָל געוויינט אויפן טויט פון זיין אמתן טאַטן שמואל חיים רימער.

קורץ נאָכדעם איז אַרטור קיעל מיט זיין פאַמיליע פאַרשוווּנדן געוואָרן פון מעקסיקאַנער האָריזאָנט.

אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז ער איז צוריק אַוועק קיין דרום אַפריקע; אַנדערע האָבן געוווּסט צו דערציילן, אַז ער האָט זיך באַזעצט אין ענגלאַנד; אַנדערע גאָר האָבן געוווּסט אויף זיכער, אַז ער וווינט ערגעץ אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

איין זאַך אָבער איז פאַר יעדערן געוואָרן קלאָר, אַז דער עפּיזאָד „אַרטור קיעל אין מעקסיקע" איז איבערגעהאַקט געוואָרן אין מאַמען מיטן, שוין קיינמאָל זיך נישט אומצוקערן.

און פאַר אַרטשען, אַרטור קיעל, איז געוואָרן קלאָר, אַז נישט אַלצדינג קען מען קויפן פאַר געלט.

נס חנוכה

נעבוירן איז עטל
אין א פּיצל שטעטל,
גרוים א גענעץ,
ביי דער גרענעץ
ליטע־פּוילן —
ערגעץ פאַרהוילן.

א שטוב — אָרים,
פול מיט ספרים;
ווער האָט גערעדט
פון עסן צו זעט!
אבי המוציא,
נאָר פאַר יוצא,
ברויט א קריש,
און שוין א מיש
אין תלמודס ים —
אמתער טעם!

די מאַמע — פרום;
פון אַלץ ארום
שמעקט מיט געבאַקט —
דינים פון גאַט.

די מאַמע שפּייזט,
דער טאַטע רייזט
אין סורא נהרדעא —
ביידע האָבן הנאה.

די שטוב שיינט;
נישט פאַרן היינט
טראַכט מען אפילו —
חס וחלילה!
נאָר — פון גן עדן,
וואָס וואַרט אויףביידן.

א קינד נאָך עטל —
טאַטנס א פּשעטל
הערט זיך איין,
און קוקט אריין
אין מאַמעס בליק,
וואָס שיינט פון גליק.
אזוי האָט עטל,
נאָך אין קינדער־בעטל,
דערפילט ווי זיס
קול־תורה איז.

דריי יאָר אַ קינד
געווען איז עטל,
פונקט ווי אַצינד
ס'זעלביקע שטעטל,
ווען שוועסטער לאה,
מיט מאַמעס קמיעה,
אַוועק איז אויף ימען
מיט מאַן צוזאַמען,
ביז ערגעץ ווייט,
אויף יענער זייט
סמבטיון־ראַנד —
אין מעקסיק־לאַנד.

מאַמע באַצערט,
אַ קינד — עס אַרט;
טאַטע טרייסט,
יאָ, ער ווייסט.
— נאָר גלויבן און מוט,
וועט אַלץ זיין גוט.

**

יאָרן און יאָרן,
שוין אַכצן פאַרפאָרן,
פאַרלאָפן פון דאַן —
לאה מיטן מאַן
וווינען באַנאַנד
אין דעם וויטן לאַנד.

יאָרן, יאָרן אַוועק,
אין שווידער, שרעק,
אין חורבן, בראַנד,
אין פיין, אין שאַנד,
און הונגער, נויט, —
ביים ראַנד פון טויט.

און עטל, מיט נס,
שוין האַלב אַ מת,
געלאָזט זיך אין לויף,
מיט איר קויף,
(אַ גויישק צעטל
געקויפט האָט עטל)
מיט דער דעה,
צו שוועסטער לאה
זיך דערשלאָגן;
זיך דערטראָגן
אין מעקסיק־לאַנד —
ווייט פון בראַנד.

**

אין פּאַלאַץ־פּראַכט,
שטייגט עטלס פאַרדאַכט,
טוט אַ ציטער:
— זי גאָט באַהיטער!
זאָל לאָלאַ זיין
די שוועסטער מיין,
שוועסטער לאה
מיט מאַמעס קמיעה?!
— זאָל דער, כּואַן,
זיין שוועסטערס מאַן?!
— און זאָלן, שקצים זיי,
פּעפּע, כאָסע,
זיין קינדער צוויי?!
— אוי ווי, אוי ווי!
— ניין, ניין, ניין —
העשעט עטלס געוויין:
— געבליבן אַליין!
— געבליבן אַליין!

*

באַניִט האָט עטל
ס'היימיקע שטעטל,
אין גאַנצער גרויס —
אין שוועסטערס הויז.
יידישער פיר,
מזוזה ביי טיר —
וו'אין שטוב אין ליטע —
מ'שטן קיין שליטה.
און עסנס כשר,
שטרענג וישר,
על פי דין קלאָר,
אַקוראַט אויף אַ האָר.
שבת — פרום
אַלץ אַרום,
אָפּגעהיט
אויף שריט און טריט.
און נאָך און נאָך,
זעקס טעג אין וואָך
געפירט האָט עטל
אַ גאַנצן צעטל:
וואָס יאָ, וואָס נישט —
אַן איבערקערעניש!

⁂

האָט יונה — כּוּאַן,
לאַהם מאַן —
אַ הפקר־יונג —
געביסן די צונג,
געשוויגן אין כעס,
און פול מיט האַס
אויף דער... מויד,
וואָס מאַכט אים מ'טויט.
ער קען נישט מער
פאַרטראָגן קיין שטער!
ער וויל נישט הערן
ווידער צו ווערן
אַ יאָלד, אַ כניאָק,
אַ חסיד אַ באָק.
האָט אָבער כּוּאַן,
לאַהם מאַן,
מורא פאַר קריג
און פאַרן ווייבס זיג.
שווייגט ער און דריקט,
צאָרן אין זיך דערשטיקט;
רייבט ער די הענט —
וואַרט אויפן מאָמענט.

⁂

געהערט האָט עטל,
נאָך אין וויג־בעטל,
פון נס דעם גרויסן,
ווי יידן, פאַרשטויסן
האָבן די יוונים,
געמאַכט זיי נאַראָנים.
און מיט בוימל, אַ נס,
געווען אויף איין מעסלעס
און איז אַוועק
גאַנצע אַכט טעג.
מוזן, דעריבער, יידן
זיין שטאַרק צופרידן
און צינדן ליכט,
(עס איז אַ פליכט,
אַ הייליק געבאָט,
אַ פאַרזאָג פון גאָט,)
יעדער אין זיין שטאַנד —
אַכט טעג נאָכאַנאַנד.

האָט עטל פאַרלאַנגט —
וואָס אָנבאַלאַנגט
איר שוועסטערס מאַן,
יונה — כּואַן —
צינדן חנוכּה־ליכט,
ווי דין פאַרפליכט.

אָן אַ ברירה —
כּואַן פאַר מורא
געפאָלגט האָט בלינד,
ווי אַ קינד,
וואָס ס'ווייב הייסט, —
ווי די „מויד" ווייסט.

⁂

איז אַ „נס" געשען:
גאָר אומגעזען,
וואָס און ווען,
ס'ליכטל אין ברען —
איבערגעדרייט —
אויף טישטוך געשפּרייט.
. . . .
. . . .

און שיר איז אַרויס
אַ שׂריפה אין הויז.

⁂

פייער פאַרלאָשן, —
אַרוים מיט לשון
איז יונה — כּואַן,
לאַהם מאַן...
פאַר שווייגן אַ צייט,
פאַרוקט אין אַ זייט,
מיט הכנעה; —
איצט, מיט הנאה,
צעלאָזט די צונג
האָט פרייער יונג...

⁂

איז עטל אַוועק
מיט אייגענעם וועג,
פאַרלאָזט שוועסטערס הויז,
און אַלץ איז אויס.

ווידער איז פריי,
אַלץ פון דאָס ניי...

איצט זאָגט כּואַן,
לאַלאָס מאַן:
— כ'זע איין מיין טעות...
כ'גלויב שוין אין ניסים,
נסים ונפלאות...

דאָס גרויסע היטל

(כמעט אַ כעלעמער מעשה)

אין יענעם שטעטל איז קיינעם נישט איינגעפאַלן צו טראַכטן אפילו, אַז ער הייסט אין דער אמתן גאָר אַן אַנדער נאָמען, אַז ביים ברית האָט מען אים גאָר אַ נאָמען געגעבן חיים שמערל. אַלע האָבן נאָר געוווּסט, אַז מ׳רופט אים ליליפוטל. אפילו ער אַליין האָט שוין פון לאַנג נעהאַט פאַרגעסן זיין אמתן נאָמען, און וואָלט איינער הינ־טער זיינע פּלייצעס געוועז אַ געשריי טאָן „חיים שמערל״ וואָלט ער אַפילו זיך נישט געוועזן אומגעקוקט, ווי נישט אים זאָל מען עס מיינען. אפשר, ווען די עלטערן זיינע וואָלטן געלעבט, קען זיין, אַז זיי וואָלטן אים נאָך ווען עס איז געוועזן דערמאָנט, אַז ער הייסט חיים שמערל. איז ער אָבער, ליליפוטל, געבליבן יונגערהייט אַ קיילעכדיי־קער יתום. אין דער צייט פון דער כאָלערע ר״ל, וואָס האָט געבור־שעוועט דאַמאָלסט אין שטעטל, איז ליליפוטלען אָפּגעשטאָרבן זיין טאַטע ע״ה, שמואל אַבאַ דער וואַסערטרעגער, און זיין מאַמע ע״ה. פּייגע לאה די טיקערין פון באָד. איז חיים שמערלען אַזוי אַרום געבליבן בלויז דער איינציקער נאָמען „ליליפוטל״, מיט וועלכן אַלע אין שטעטל האָבן אים געקענט.

גערופן האָט מען אים אַזוי — ליליפוטל, ווייל ער איז געוועזן זייער אַ קליינער: צו זיינע פינף און צוואַנציק יאָר האָט ער אויס־געזען נישט מער ווי אַ ייִנגל פון אַ יאָר צען־צוועלף. אויך זיין פאַר־שטאַנד האָט נישט דערגרייכט מער ווי פון אַזאַ ייִנגל.

דאַרף זיך מאַכן אַ מעשה, אין אַ שיינעם זומערדיקן באַגינען

איז עס געווען, אַז ליליפּוטל האָט גענומען די שיך אויף דער פּלייצע און זי אוועקגעלאָזט צופוס, אויף צו גיין אין אַ צווייט שטעטל אַריין, צו זיין מומען האָט ער עס געוואָלט גיין.

דער וועג צו זיין מומען האָט געפירט דורך שיינע געגילדעט־צייטיקע ווייץ־פעלדער און דורך אַ געדיכטן סאָסנע־וואַלד. נאָך אַ פּאָר שעה אַזוי גיין האָט ליליפּוטל, אַ מידער, זיך אַוועקגעזעצט אין וואַלד, אַביסל זיך אָפּצורוען. אין דעם דערזעט ער, ליליפּוטל, ווי נעבן אים ליגט אַ מיליטערישׂ היטל. און אַ הויך, זייער אַ הויך היטל איז עס געווען, מיט אַ גלאַנציק־לאַקירטן דאַשיק, מיט אַ בלויען לאַמ־פּאַס ארומגענומען און מיט גילדענע שטערנדלעך באַפּוצט אין סאַמע פּראָנט. ווייזט אויס, אַז עפּעס איינער אַ גענעראַל, וואָס האָט דורכן זעלביקן וואַלד דורכגעריטן, האָט זיך פאַרטשעפּעט אין אַ צווייג פון אַ בוים און ער האָט דאָס דאָזיקע גרויסע היטל זיינס פאַרלוירן. לי־ליפּוטל, דערזעענדיק דאָס היטל, האָט אין אָנהייב זיך שטאַרק דער־פרייט מיט דעם, ווי מיט אַ שיין שפּילצייג, נישט מער. אָבער דער־נאָך האָט ער שוין געפּרוווט דאָס היטל אָנמעסטן אויף זיין קאָפּ. און וווּנדערבאַר — אים האָט זיך גענומען ביסלעכווייז אויסווייזן, אַז דאָס דאָזיקע גרויסע גענעראַלסקע היטל איז אַקוראַט גוט אויף זיין קאָפּ, פּונקט ווי אויף אַ אים אַ מאָס גענומען.

האָט זיך ליליפּוטל מישב געווען, אַז אַנשטאָט גיין צו דער מו־מען וועט ער בעסער גיין צוריק אין זיין שטעטל אַריין. איצט — האָט ער זיך געטראַכט — וועט ער זיי דאָרטן ווייזן אַלעמען, אַז ער איז שוין מער נישט קיין ליליפּוטל, ער איז שוין מער נישט קיין קליין מענטשעלע, ווי זיי דאָרטן מיינען. ער איז שוין מיטאַמאָל אַ גרויסער מענטש געוואָרן. מיט אַזאַ הויך היטל אויפן קאָפּ און נאָך וואָס פאַר אַ היטל — פון אַ סאַמען גענעראַל — וועלן אַלע שוין זען וואָס פאַר אַ הויכער מענטש ער איז און פאַר אַזעלכן אים אָנערקענען.

ווען ליליפּוטל איז אָנגעקומען צוריק אין זיין שטעטל אַריין איז שוין די זון געשטאַנען אין מיטן הימל. דאָס גאַנצע שטעטל איז שוין געווען אין רעכטן מיטן ברען פון טאַראַראַם. קרעמערס האָבן שוין געקרעמעוועט, סוחרים האָבן שוין געסוחרעוועט, מעקלערס האָבן

שוין געמעקלעוועט און די ליידיקגייערס, די שטעקל־דרייערס, אַט דער טייל פון וועלכן ס'איז באַשטאַנען די מייסטנס איינוווינער פון שטעטל — האָבן שוין געהאַלטן אין רעכטן מיטן פון זייער שטעקל־דרייען און פון הוהאַווען אַרום פויערשע וועגענער און אַרום פרעמדע מסחרים.

איז איבעריק צו דערציילן, וואָס אין שטעטל האָט זיך אָפּגעטאָן, ווען מ'האָט דערזען ליליפּוטלען מיטן הויכן גענעראַלסקן היטל אויפן קאָפּ. דאָס גאַנצע שטעטל האָט זיך געוויגט און געקאַטשעט פון געלעכטער, זעענדיק ליליפּוטלען אינם דאָזיקן הולך.

מ'דערציילט, אַז עטלעכע מעוברתדיקע ווייבער האָבן געמפּלט פון ספּאַזמישן געלעכטער, וואָס איז זיי פּלוצלונג באַפאַלן און וועלכן זיי האָבן אויף קיין פאַל נישט געקענט איינשטילן.

עטלעכע בית־מדרש בחורים, לצים, האָבן באַלד אויפן אָרט פאַרפאַסט אַזאַ מין חוזק־לידל:

היטל, היטל, היטל —
ס'איז אַ וווּל מיטל
פון קליין צו ווערן גרויס,
און פון ליליפוטל — אויס;
זעט וואָס ער איז —
שוין אַ גרויסער ריז!

ליליפּוטלען אָבער האָט דאָס אַלץ נישט געאַרט. ער איז אין דער אמתן געווען זיכער ביי זיך, אַז דורכן הויכן גענעראַלסקן היטל, וואָס ער האָט צופעליק געפונען אין וואַלד און אָנגעטאָן אויף זיין קאָפּ, איז ער טאַקע מיטאַמאָל געוואָרן אַ גרויסער מענטש.

און מערקווירדיק: אַט דער זעלביקער ליליפוטל, וועמען אַלע האָבן געהאַלטן פאַר אַזאַ נאַר, אַ נעבעכל, וואָס קען קיין צוויי נישט ציילן, האָט מיטאַמאָל געקריגן לשון און ער האָט זיך צעשריגן אויף אַלעמען.

— לאַכט, לאַכט, וויפל אייער האַרץ גלוסט, אָבער סוף כל סוף וועל איך אייך אַלעמען צווינגען מיך צו אָנערקענען פאַר אַ גרויסן

מענטשן. מיין גענעראַלסקע היטל, צי עס געפעלט אייך יאָ, צי נישט, וועט אייך צווינגען צו דעם.

און וואָס מיינט איר? האָט זיך טאַקע דערנאָך אַרויסגעוויזן, אַז ליליפּוטל איז גערעכט געווען. אָט הערט אויף טשיקאַווע וואָס ווייטער איז געשען:

ויהי היום, דאַרף זיך מאַכן, אַז דער פּריץ פונם דערבייאַיקן הויף, ער און די פּריצהטע מיט זייער גאַנצער סוויטע, פאָרן פאַר־ביי דעם שטעטל. אויף יאַגד זענען זיי געפאָרן; מיט קאַטשעס, מיט רייטערס, מיט הינט, מיטן גאַנצן קלאַפּערגעצייג און מיט הכל בכל מכל כל. האָט דער פּריץ באַמערקט ווי אין סאַמען מיטן מאַרק פונם שטעטל דרייט זיך אַרום עפּעס אַ קליין „זשידיקל" און אַ הויך גענעראַלסקע היטל טראָגט ער אויפן קאָפּ. האָט זיך דער פּריץ דורכגערעדט מיט דער פּריצטע און מיט די מקורבים, אַז ווי עס ווייזט אויס קען אָט דאָס דאָזיקע קליינע טשיקאַווע „זשידיקל" זיין אַ גו־טער מאַטעריאַל פאַר שפּאַס, אונטערהאַלט און פאַרווייַלונג, וואָס קען זייער גוט צוניץ קומען אין וועג. און עס איז ביי זיי באַשלאָסן געוואָרן, אַז מ'זאָל אָט דעם קליינעם „זשידיקל" מיטנעמען מיט זיך. און כך הווה: זיי האָבן ליליפּוטלען מיטגענומען מיט זיך אויף יאַגד.

וואָס צווישן פּריץ מיט ליליפּוטלען איז פאָרגעקומען ווייסט נישט קיינער עד היום. ליליפּוטל האָט עס קיינמאָל קיינעם נישט געוואָלט אויסזאָגן.

— דאָס מוז בלייבן אַ שטרענגער סוד — האָט ליליפּוטל געהאַט איין ענטפער אויף אַלע פראַגעס וואָס די נייגעריקע אין שטעטל האָבן אים אַלץ געפרעגט — דער פּריץ האָט עס פון מיר פאַרלאַנגט און איך האָב אויף דעם געגעבן מיין ערן־וואָרט און אַן ערן־וואָרט מוז מען האַלטן.

נאָר פון איינעם פון פּריץ'ס פּאַראָבקעס האָט שטעטל זיך דער־ווּסט, אַז דער פּריץ האָט געזאָגט, אַז דאָס דאָזיקע קליינע יידעלע האָט נישט נאָר אַ היטל פון אַ גענעראַל אויף זיך, נאָר אויך אַ קאָפּ פון אַ גענעראַל האָט ער אויף זיך.

נו, מער האָט מען שוין נישט באַדאַרפט. ווייסט דאָך די גאַנצע וועלט: „אַז דער פּריץ זאָגט, מסתמא ווייסט ער וואָס ער זאָגט".

האָבן טאַקע אַלע אין שטעטל אָנגעהויבן גאָר אַנדערש צו קוקן אויף ליליפּוטלען. מען האָט אָנגעהויבן „איינצוזען", אַז דער פּריץ איז טאַקע גערעכט, אַז ליליפּוטל איז אין דער אמתן אַ גרויסער מענטש, מיט אַ קלוגן קאָפּ אויף זיך. מ'האָט שוין מיט ליליפּוטלען אָנגעהויבן זיך צו באַראַטן אין וויכטיקע קהלישע ענינים פון שטעטל. מ'האָט זיך מיט ערנסט גענומען צוהערן צו זיינע קלוגע עצות און אָנווייזונגען; און עס איז שוין ביי קיינעם גאָר קיין ספק נישט געווען, אַז ליליפּוטל איז באמת אַ גרויסער מענטש מיט אַ גענעראַלסקן קאָפּ אויף זיך.

שפּעטער צו, האָט זיך קהל דערשלאָגן צום געדאַנק, אַז נישט נאָר איז ליליפּוטל בלויז אַ גרויסער און קלוגער מענטש, צו וועמענס עצות מ'דאַרף זיך צוהערן, נאָר אויך — אַז ליליפּוטל איז דער איינציקער אין שטעטל וואָס איז ראוי צו זיין דער ראש הקהל.

און עס איז געווען לתקופת השנה, ווען שטעטל איז זיך צוזאַמענגעקומען אויסצוקלייבן אַ ראש הקהל מיט די שבעה טובי העיר, איז איינשטימיק אָנערקענט געוואָרן, אַז קיין בעסערן, קליגערן און שענערן ראש־הקהל, ווי ליליפּוטל איז, קען מען אין דער גאַנצער וועלט נישט געפינען.

און — ליליפּוטל איז בפה אחד אויסגעוויילט געוואָרן פאַרן ראש הקהל פון שטעטל.

אַ סך יאָרן זענען שוין פון דאַמאָלסט אָן אַוועק; אַ סך וואַסערן זענען שוין פון דאַן אָן אַריבערגעלאָפן. מלחמות, רעוואָלוציעס, שטורעמס, ערד־ציטערנישן און אויפטרייסלונגען האָבן זיך, פון יענער צייט אָן, איבער דער וועלט זיך דורכגעטראָגן; אָבער ליליפּוטל איז נאָך אַלץ געבליבן דער זעלביקער ראש־הקהל פונם שטעטל.

קיין בעסערן פון אים האָט ביז היינט שטעטל נישט געפונען.

און אַז וועמען פון אייך וועט אַמאָל אויסקומען ווען ס'איז פאַרבייצופאָרן דורך אָט יענעם שטעטל, וועט ער זיך אַליין איבערצייגן, אַז דאָס איז נישט עפּעס סתם אַזוי אַן אויסגעטראַכטע מעשה

פון דער פאַנטאַזיע, נאָר עס איז בפועל ממש א רעאַלע ווירקלעכ־קייט. ער וועט מיט די איינענע אויגן זען, ווי ליליפוטל, אלס ראש הקהל פירט דאָס גאַנצע שטעטל פאַר דער נאָז און ביד רמה הערשט ער דאָרט איבער אַלץ און אַלעמען.

דאָרטן, אויפן אָרט, קען מען זיך עס דערוויסן, אַז די גאַנצע מעשה, אַז דאָס אַלצדינג האָט ליליפוטל צו פאַרדאַנקען נאָר דאָס גרויסע היטל פון א גענעראַל, וואָס ער האָט אמאָל, צופעליק, גע־פונען אין א וואַלד, ווו א גענעראַל האָט עס פאַרלוירן.

צרות פון קינדער

די דאָזיקע מעשה, האָט מיר דערציילט אַ ייד פון אַ מעקסיקאַ־נער פּראָווינץ־שטעטל. איך וועל זי דאָ איבערגעבן אַקוראַט, וואָרט בײַ וואָרט:

— דאָרטן האָט ער אַן אַפּטייק. ער איז זייער אַ געלערנטער מענטש. און שיין איז ער, זאָלט איר שוין גאָרנישט פרעגן. אַז ער גיט אויף אײַך אַ קוק מיט זיינע צוויי שוואַרצע פלאַמענדיקע אויגן, איז אָדער איר ווערט פאַרברענט אונטער זיין קוק, אָדער איר ווערט אַנגעוואַרעמט מיט אַ ליבער מילדער וואַרעמקייט. עס ווענדט זיך וועץ, ווי אַזוי און בײַ וואָס פאַרא אומשטענדן ער קוקט אויף אײַך. זאָגן אײַך דעם אמת, אַז נישט נאָר האָט זיך מיין טאָכטער פאַר־ליבט אין אים, נאָר אַפילו מיין ווייב — לויט ווי איך זע — איז אויך נישט גלייכגילטיק צו אים. און מיין טאָכטער — קיין עין הרע — נישט ווייל איך בין אַ טאַטע, נאָר עס איז אַן אמת. אַזעלכע שיינ־קייטן, ווי מיין טאָכטער, קענט איר אפשר נאָר טרעפן צווישן די אַרטיסטקעס פון האָליוווד און אפשר דאָרטן אויך נישט. אַלט איז מיין טאָכטער איינגאַנצן זיבעצן יאָר, וואָלט איר געמיינט, אַז זי האָט שוין עטלעכע און צוואַנציק. אַ הויכע איז זי, אַ שלאַנקע, מיט לאַנגע, העל־בלאָנדע זייעדענע האָר וואָס דערגרייכן איר ביזן האַלבן קערפּער. אַ לענגלעך פּול, אַלבאַסטער פּנים האָט זי, מיט אַ פּאָר גרויסע, ליכטיקע בלויע אויגן. ווען איך קוק אויף מיין קינד ווערט מיר דאָס האַרץ צעוואַרעמט פאַר פרייד. איך פרעג נאָר, מיט וואָס האָב איך אַזוי זוכה געווען צו האָבן אַזאַ שיינע, בריליאַנטענע

מאַכטער. און איך בעט נאָר ביי גאָט, אַז קיין בייז אויג זאָל איר חלילה נישט באַנעמען. איצט זאָגט איר אַליין: אַ בחור דאַרף דאָך אָדער זיין בלינד, אָדער האָבן אַ קופּערן האַרץ, אַז ער זאָל זיך נישט פאַרליבן אין אַזאַ קינד.

האָט זיך עס אָנגעהויבן אַזוי: נאָך אַ סך יאָרן פון מאַטערן זיך און פּלאָגן זיך, אַלס אַבאָנער, האָב איך דאָרטן געעפנט אַ קראָם. באַלד אין די ערשטע טעג, ווי כ'האָב נאָר געעפנט די קראָם, האָט דער אַפּטייקער אָנגעהויבן אַריינצוקומען אין קראָם אַריין און איז געוואָרן ביי מיר אַן אָפטער גאַסט. באשר בכן, זאָגט ער, ער האָט ליב צו שמועסן פּאָליטיק און אַזוי ווי, זאָגט ער, ער זעט אַז איך אינטערעסיר זיך אויך אין פּאָליטיק, האָט ער ליב מיט מיר צו שמועסן. זאָגן אייך דעם אמת, איך בין אויך געווען צופרידן, וואָס ער וויל מיט מיר רעדן און וואָס ער קומט צו מיר אָפט. איך האָב דערביי געהאַט גאָר אַן אַנדער כוונה. די זאַך איז אַזוי — ער, פאַרשטייט איר מיך, מיטן פּרעזידענט פון מוגיספּיאַ זיינען איין אויער. ביידע זענען זיי די בעסטע פריינד. ביידע זענען זיי ברידער אין איין מאַסאָנען־לאַדזש. האָב איך געטראַכט, ווי אַ מעשה מאַכט זיך, איז גוט צו האָבן אַ צד אין שיסל. הלמאי זאָל איך לייקענען, כ'האָב טאַקע פון אים, פון מעמאַן (אַזוי הייסט ער, דער אַפּטייקער) שוין געהאַט אַ סך טובות. איז וואָס זשע זאָל איך אייך אַ סך ברייען. קומט ער, מעמאַ, צו מיר איינמאָל מיט אַ פאָרשלאָג, אַז ער וויל מיין פייגעלען, מיין טאָכטער הייסט עס, לערנען ענגליש. און ער גיט מיר צו פאַרשטיין ווי נויטיק עס איז ביי היינטיקן טאָג צו קענען ענגליש. נו, איז מיין פייגעלע צו אים געגאַנגען נעמען ענגלישע לעקציעס. דערווייל — דערציילט מיר מיין טאָכטער — אַז ער לערנט איר אויך שפּילן פּיאַנאָ. און מיין טאָכטער איז אויפן זיבעטן הימל פאַר פרייד. איינמאָל איז מעמאַ געקומען צו מיר און דערציילט, אַזוי ווי עס איז דאָ ביי אים צוגאַסט זיינער אַ חבר, אַ באַרימטער קונסט־מאָלער, בעט ער מיר איך זאָל דערלויבן, אַז זיין חבר זאָל מאָלן אַ בילד פון מיין פייגעלן. האָב איך זיך געטראַכט, ערשטנס — וואָס קען איך דאָ אָנווערן. צווייטנס

— האָט מיר נישט געפּאַסט אים אָפּצוזאָגן, אין דער צייט ווען איך האָב פון אים אַזוי פיל טובות.

איצט הערט אַ מעשה: עס זענען פאַרביי עטלעכע וואָכן קומט מען מיר דערציילן, אַז מיין פייגעלעס בליד הענגט ביי זיי אין קלויסטער. כ'האָב נישט געוואָלט גלייבן, ביז כ'האָב עס מיט מיינע אייגענע אויגן אַליין ניט געזען. הלוואי וואָלט איך בעסער בלינד געוואָרן, איידער כ'האָב דאָס דערלעבט צו זען. פרעג איך אים, דעם אַפּטייקער: סטייטש, פאַרוואָס האָט ער מיר אָפּגעטאָן אַזעלכעס אָן מיין וויסן?

ווּעט איר הערן אַן ענטפער פון אַ שייגעץ: ערשטנס, זאָגט ער, זענען, לויט זיין מיינונג, אַלע מענטשן גלייך, יידן — גויים, אַלע זענען קינדער פון איין גאָט. ניט מער — יעדערער ווענדעט זיך צום זעלביקן גאָט אויף זיין אייגענעם אופן. אָבער אין דער אמתן זענען אַלע רעליגיעס — איין רעליגיע. צווייטנס, זאָגט ער, דאַרף איך עס האַלטן פאַר אַ כבוד און אַ זכיה וואָס מיין קינדס בילד געפינט זיך אין קלויסטער, אַלס אַ הייליקע מאַדאָנע. און דריטנס, זאָגט ער — און דאָ האָב איך געמיינט, אַז איך קריג די פּאַפּלעקציע — גרייט ער זיך גאָר אין גיכן חתונה צו האָבן מיט מיין טאָכטער. טאָמער, זאָגט ער, מיין איך, אַז ער נאַרט מיך אָפּ קען איך פרעגן ביי מיין פייגעלען, צי עס איז נישט אמת.

גלייבט מיר, אַז כ'בין געווען שטאַרקער פון אייזן, אַז כ'האָב זיך דאָמאָלסט איינגעהאַלטן אים נישט צו ענטפערן, און דערלאַנגען אים אַלצנדינג, וואָס עס איז ביי מיר געווען אויפן האַרצן. כ'האָב אים נאָר געזאָגט, אַז איך וועל זיך דורכרעדן מיט מיין טאָכטער. ביינאַכט, איך מאַך אַ שמועס מיט מיין טאָכטער, איז מיר פינצטער געוואָרן אין די אויגן:

— יאָ — זאָגט זי — איך וועל חתונה האָבן מיט מעמאָן, ווייל מיר האָבן זיך ביידע שטאַרק ליב.

— און טאַטע־מאַמע דאַרף מען שוין גאָרנישט פרעגן?

— יאָ, איך האָב זיך געקליבן צו רעדן מיט אייך וועגן דעם.

— און דו האָסט גאָרנישט אַ טראַכט געטאָן, אַז מעמאָ איז אַ

קאַטאָליק און מיר זענען יידן? מיר געהערן דאָך צו צוויי באַזונדערע רעליגיעס.

האָט מיר מיין טאָכטער דערלאַנגט אַזאַ מין לעקציע:

— עס איז נישט ריכטיק, טאַטע. עס זענען נישט קיין צוויי באַזונדערע רעליגיעס. איר זענט דאָך אויך קאַטאָליקן נאָר אויף אַן אַנדער אופן. אייער רעליגיע איז אַ רעליגיע פון אומגלויביקע קאַטאָליקן און מעמאַס רעליגיע איז פון גלויביקע קאַטאָליקן. און איידער איך וועל חתונה האָבן מיט מעמאַן וועל איך אַריינגענומען ווערן אין זיין רעליגיע, די אמתע רעליגיע פון דער הייליקער קירכע. איך האָב לאַנג שוין געטראַכט צו בעטן דעם קורא (גלח), אַז ער זאָל מיך אַריינעמען אין דער רעליגיע פון די גלויביקע, ווייל איך בין אַ פרומע, אַ גאָטס גלויביקע, און איך וויל מער נישט געהערן צו די אומגלויביקע.

מיין ווייב, אַז זי האָט דאָס דערהערט איז באַלד אַוועקגעפאַלן און געחלשט. האָב איך נישט געוווסט וואָס פריער צו טאָן, צי ענטפערן מיין נעבעך־פאַרפירטער טאָכטער אָדער ראַטעווען מיין ווייב. בקיצור — איך וועל אייך לאַנג נישט ברייען. נאָך אין דער זעלביקער נאַכט, איידער ס'האָט גענומען טאָגן, האָב איך געמאַכט אַן אַליאַרם, אַז מיין ווייב איז כלומרשט געפערלעך קראַנק, אַז זי האָט געקריגן אַ האַרץ־אַטאַקע און זי מוז מיט מיין טאָכטער שנעל אַוועקפאָרן קיין מעקסיקע, צו אַ ספּעציאַליסט אַ האַרץ־דאָקטער, אויב נישט — איז זי אין געפאַר שוין חלילה צו שטאַרבן. אין מעקסיקע — האָב איך שוין אַזוי איינגעאָרדנט אַז דער דאָקטער זאָל דערקלערן, אַז די קראַנקהייט איז כלומרשט זייער אַן ערנסטע און אַז מיין ווייב מוז וואָס שנעלער אַוועקפאָרן אין די פאַראייניקטע שטאַטן, זיך צו היילן ביי דאָרטיקע ספּעציאַליסטן. איצט איז שוין צען וואָכן, אַז מיין ווייב מיט מיין טאָכטער זענען ביי מיינעם אַ פעטער אין דעטראָיט. מען וועט שוין מסתם זען, אַז מיין פייגעלע זאָל דאָרטן קריגן אַ פיינעם יידישן חתן און חתונה האָבן. אויף אַזאַ שיינקייט, קיין עין הרע, ווי מיין פייגעלע, וועלן נישט פעלן קיין בעלנים. דערווייל שטיי איך אויס געברענטע צרות פון דעם אַפּטייקער. פונקט ווי ער

האָט מיר פריער געטאָן אַ סך טובות, אַזוי טוט ער מיר אָן איצט אַ
כך צרות. ער מיטן פרעזידענט פון מוניסיפּיאָ זענען דאָך עפּעס די
בעסטע חברים. איך האָב מורא, אַז סוף כּל סוף וועל איך מוזן
איבערלאָזן אַלץ מיט אַנאַנדער, אַנטלויפן פון שטעטל און אַריבער־
ציען זיך אין שטאָט מעקסיקע.

מעקסיקאַנער מלחמה־,,קרבן"

דאַניא כאַוויטאַ איז אַ רייכע אַלמנה און וווינט אין מאַנטעריי. איר מאַן, דער גענעראַל, איז אומגעקומען אין אַ קאַמף, וואָס דאָס רעגירונגס־מיליטער האָט געפירט מיט אַ גרופּע רעבעלדעס (אויפ־שטאַנדער). האָט דער גענעראַל געלאָזט נאָך זיך אַ רייכע ירושה אין מזומן געלט; אין אַ גרויסער צאָל אַקציעס פון פאַרשידענע שווערע אינדוסטריעס; אַ סך הייזער און מאַיאָנטקעס אין און אַרום מאָנטעריי; און אויך — צוויי שיינע טעכטער, יונגע מיידלעך.

דאַניא כאַוויטאַ איז שוין אַן עלטערע פרוי, אָבער ס'איז נאָך גע־נוג קענטיק אין איר די סימנים פון איר אַמאָליקער שיינקייט פון די יונגע יאָרן אירע.

און אָט וואָס די אַלמנה דאַניא כאַוויטאַ האָט דערציילט פון איר לעבן:

אירע עלטערן האָבן געוווינט אין טאָררעאָן־קאָאַהואילאַ. איר פאָטער איז געווען אַ שלאָסער־מעכאַניק. ער האָט זייער גוט פאַר־דינט. אָבער ער איז געווען אַ גרויסער שיכור, וואָס ער האָט פאַר־דינט האָט ער פאַרטרונקען אין די שענקען מיט חברים; זיין שיכורן האָט געפירט צו דעם, אַז זיין פרוי, כאַוויטאַס מאַמע, האָט געמוזט האַלטן אַ שטעל פון גרינצייג אין מאַרק, כדי צו קענען דערנערן די פאַמיליע פון זעקס קינדער, פיר יינגלעך און צוויי מיידלעך. זי, כאַוויטאַ, איז געווען די יינגסטע. זי איז געווען זייער שיין, אַז אין דער גאַנצער געגנט האָט געקלונגען וועגן איר פּרעכטיקער שיינקייט.

אַז זי איז אַלט געוואָרן קוים פֿערצן יאָר האָבן די רייכסטע בחורים זיך געשדכנט צו איר. אָבער איר האַרץ האָט געפֿאַנגען דער גענעראַל, דאַמאָלסט נאָך אַ טעניענטע קאָראָנעל. און זי האָט מיט אים חתונה געהאַט.

נאָך איר מאַנס טויט איז זי געבליבן שטאַרק דערשלאָגן און דערשיטערט. איז כדי זיך אַביסל צו צעשטרייען האָט זי באַשלאָסן צו מאַכן אַ רייזע אין אייראָפּע. האָט זי איבערגעלאָזט איר גאַנץ פֿאַרמעגן אין די הענט פֿון אַ פֿאַרוואַלטער, אַ פֿאַרטרויונגס־מאַן, אירם אַ באַקאַנטער ליסענסיאַדאָ. און זי מיט אירע צוויי טעכטער האָבן זיך אַוועקגעלאָזט רייזן. ווו נאָר אַ מדינה, אַ לאַנד, אַ שטאָט און אַ שטעטל אין אייראָפּע איז זי אַלץ אויסגעווען. און איר פֿאַרוואַלטער האָט איר צוגעשיקט געווגוג געלט וואָס זי האָט באַדאַרפֿט אין וועג. אַזוי האָט איר רייזע אָנגעהאַלטן שיינע עטלעכע יאָר, ביז איינמאָל, ווען זי איז געווען אין דער שווייץ, האָט איינער, אַ רייכער מאַן, זיך פֿאַרליבט אין דער עלטערער טאָכטער אירער, און מיט איר חתונה געהאַט.

ערשט דאַמאָלסט האָט זי, די דאָניאַ כאָוויטאַ, אויפֿגעגעבן אי־רע רייזעס און איז מיט דער יינגערער טאָכטער געפֿאָרן צוריק קיין מעקסיקע.

די יינגערע טאָכטער האָט זיך אָבער אויפֿגעפֿירט גאָרנישט לייטיש...

ביז איינמאָל האָט די דאָזיקע טאָכטער איר אהיימגעבראַכט אַ פּיצל קינד, אַ מיידעלע, נישט זאָגנדיק, אַפֿילו פֿון וואַנען און פֿון וועמען און אַליין איז זי נעלם געוואָרן ווי אין וואַסער אַריין. דאָס איז שוין אַ מעשה פֿון צוואַנציק יאָר צוריק, און ביז היינט ווייסט מען נישט ווו איר טאָכטער איז אהינגעקומען.

נו, האָט זי, די דאָניאַ כאָוויטאַ, געהאָדעוועט איר אייניקל, עלענאַ, ווי איר אייגן קינד. אַ ברירה האָט זי דען געהאַט! האָט זי, די דאָניאַ כאָוויטאַ, באַשטימט איבערצולאָזן איר גאַנצן פֿאַרמעגן פֿאַר דעם אייניקל און צו טאָן מיט איר אַ בכבודיקן און לייטישן שידוך.

— ווי זאָגט מען אָבער — האָט זיך געקלאָגט די דאָניאַ כאָ־וויטאַ — „דאָס עפּעלע פֿאַלט נישט ווייט פֿון דעם ביימעלע״.

האָט איר אייניקל, עלענאַ, זיך גאָר פאַרליבט אין איינעם אַ כודיאָ. דאָס האָט דער דאָניאַ כאָוויטאַ אינגאַנצן צעטשמעלעט. וויפל זי האָט פאַראַרבעט נישט צו דערלאָזן, אַז איר אייניקל זאָל חתונה האָבן מיטן כודיאָ, האָט עס איר נישט געהאָלפן. עלענאַ האָט קאַטעגאָריש דערקלערט, אַז אויב די באָבע וועט איר שטערן אין איר גליק וועט זי זיך נעמען דאָס לעבן.

— נישט ווייל איך האָב חלילה פיינט כודיאָס — האָט דערקלערט די דאָניאַ כאָוויטאַ — בין איך געווען קעגן דעם שידוך, חלילה, איך בין באמת אַ גרויסער יידן־פריינד. איך האַלט, אַז יידן זענען דאָס קליגסטע און אינטעליגענטסטע פאָלק אין דער וועלט. אָבער — מיין פאַמיליע און מיין פאַרשטאָרבענעם מאַנס פאַמיליע זענען פון דור־דורות אָן פרומע און ערלעכע קאַטאָליקן, ווייל איך נישט פאַרשעמען די משפחות און אריינברענגען אין זייער מיט אַ פרעמד־גלויביקן. אָבער עס האָט גאָרנישט געהאָלפן, מיין אייניקל עלענאַ איז געווען שטאַרק פאַרעקשנט, אַז נאָר מיט דעם כודיאָ מוז זי חתונה האָבן. ביז איינמאָל, האָט מיין עלענאַ אהיימגעבראַכט אַן אַמעריקאַנעם באָי, אַ סטודענט, אַ פיינעם און זייער אַ שיינעם באָי, אַ זון פון אַן אמתער קאַטוילישער פאַמיליע און זי, עלענאַ, האָט מיר דערקלערט, אַז זי האָט איינגעזען אַז די באָבע איז געווען גערעכט, אַז מענטשן פון צוויי באַזונדערע רעליגיעס קענען זיך נישט פאַרבינדן און קענען נישט לעבן אַ גליקלעך צוזאַמענלעבן, און זי, עלענאַ, האָט זיך שטאַרק פאַרליבט אינם דאָזיקן אַמעריקאַנעם באָי.

— מיין פרייד — האָט דערציילט ווייטער די דאָניאַ כאָוויטאַ — איז געווען דאַמאָלסט איבער אַלע גרענעצן. אמת טאַקע, דער אַמעריקאַנער באָי איז אַן אָרעמער בחור, אָבער ווער דאַרף דען זיין געלט! געלט האָב איך אַליין גענוג און גענוג, אבי דער בחור איז אַ לייטישער און אַ קאַטוילישער, פון אונדזער גלויבן. אַזוי האָט זיך עס געצויגן אַ יאָר צייט. איך בין געווען באמת גליקלעך וואָס עס האָט זיך אַזוי געמאַכט. מיר האָבן נאָר געוואַרט, אַז דער בחור זאָל ענדיקן זיין שטודיום, ער האָט געלערנט אין היגן יורידישן פאַקולטעט, און דאַמאָלסט וועט מיט גאָטס הילף זיין אַ חתונה. איך האָב שוין אפילו אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן, וו דאָס פּאָרפאָלק זאָל וווינען נאָך

דער חתונה און אַז איך זאָל געזעצלעך אַפּשרייבן פאַר זיי מיין גאַנצן פאַרמעגן. איך האָב שוין אַפילו גערעדט מיט מיין אַדוואָקאַט וועגן דעם.

— דאַרף, צו מיין אומגליק, אויסברעכן אַ מלחמה אין קאָרעאַ, דער טייוול ווייסט עס ווו קאָרעאַ געפינט זיך עס ערגעץ. און דער באַי איז אַרויסגערופן געוואָרן צו קומען צוריק אין די פאַראייניקטע שטאַטן, זיך צו צושטעלן דאָרטן אין מיליטער. איז באַלד ווי נאָר דער אַמעריקאַנער באַי איז אַוועקגעפאָרן האָט מיין עלענאַ זיך איבערגעבעטן צוריק מיט איר פריערדיקן כודיאָ און שוין ווידער האָט זי זיך אויפסניי פאַרליבט אין אים און ווידער זאָגט זי מיר, אַז זי מוז מיט אים חתונה האָבן, ווייל זי האָט איינגעזען און זיך איבערצייגט. אַז נאָר אין אים איז זי פאַרליבט מיט איר גאַנצער נשמה.

און די אַלטע דאָניאַ כאָוויטאַ האָט געפרעגט מיט פאַרביטערט־קייט און דערשלאָגנקייט:

— זאָגט מיר, צו וואָס דאַרף מען אינגאַנצן האָבן מלחמות אויף דער וועלט? פאַרוואָס זאָל מען יעדע פאָר יאָר פאַרשניידן אַזוי פיל יונגע לעבנס פון דער וועלט? און אויב שוין יאָ, עס שלאָגן זיך דאָרטן ערגעץ די אַמעריקאַנער מיט די קאָרעאַנער, פאַרוואָס דאַרפן עס מיר, מעקסיקאַנער, ברענגען קרבנות? און פאַרוואָס מוז איך עס, אומגליקלעכע מעקסיקאַנער אַלטע פרוי, ברענגען דעם ערשטן קרבן? און נאָך אַזאַ שווערן קרבן, אַז מיין איינציק אייניקל זאָל צוליב דער מלחמה מוזן חתונה־האָבן מיט אַ פרעמד־גלויביקן? עס וועלן דאָך די נשמות פון מיינע פרומע קאַטוילישע עלטערן נישט קענען האָבן קיין רו אויף יענער וועלט. און פאַרוואָס זאָל איך עס דאַרפן פאַר־ענדיקן מיינע אַלטע יאָרן מיט אַזוי פיל פּלאָגענישן אויף דער וועלט און נישט קענען געפינען קיין מנוחה אויף יענער וועלט? פאַרוואָס? פאַרוואָס?

הערנדיק די אַלטע דאָניאַ כאָוויטאַ, ווי זי האָט אויסגעגאָסן איר ביטער האַרץ און געלאָזט דערביי פריי פליסן אירע הייסע טרער־רן, האָט באמת געשניטן ביים האַרץ פאַר רחמנות אויף דער דאָזי־

קער אומגליקלעכער רייכער פרוי, פאַר איר „מלחמה־קרבן", וואָס זי דאַרף נעבעך ברענגען.

אָבער באַגעגענענדיק דערנאָך איר צאַצקעדיק אייניקל, עלענא, און באַטראַכטנדיק אירע אָפּגעפאַרבטע בלאָנדע האָר, מיט איר פאַר־שייטן פּנים און הוצפּהדיקע אויגן, האָט געמוזט קומען אויפן גע־דאַנק, אַז וועד איר מאַן זאָל נישט זיין, פון וועלכן גלויבן עס איז, וועט שוין נישט דער מאַן אירער און נישט די אַלטע באָבע אירע, נישט האָבן פון איר קיין מנוחה, נישט אויף דער וועלט און נישט אויף יענער וועלט...

שטראָף

(פאָלקס מעשה)

די מעשה, איז ארויסגענומען געוואָרן פונם פינקס פון איינער א גרויסער שטאָט, וועלכע געפינט זיך אין איינער פון די הונדערט זיבן און צוואַנציק מדינות, וואָס ציען זיך פון הודו ביז כוש.

די מעשה לייענט זיך אזוי:

אין דער אַלטער שול, וואָס שטייט אויפן בערגל — וועלכע איז, לויט ווי עס גייט איבער די מסורה, געבויט געוואָרן נאָך מיט הונדערטער יאָרן צוריק דורכן גרויסן און בארימטן צדיק הדור, רבי משולם בן זכריה — האָבן געדאַוונט, אלס שטענדיקע מתפללים, די צוויי נכבדי העיר, ר׳ דוד בן יוחנן און ר׳ זבדיה בן צדוק.

באַרימט זענען געווען אַט די צוויי חשובע יידן און זייערע משפחות, סיי צוליב זייער גרויס עשירות, סיי צוליב זייער לומדות (זיי האָבן אַ נאָמען געהאַט אלס גדולי התורה), אויך צוליב זייער צדקה וואָס זיי האָבן געטאָן ביד רחבה און אויך צוליב זייערע אַנדערע מעשים טובים, וואָס זענען באַקאַנט געווען איבער שטעט און מדינות.

באַשעפטיקט האָבן זיך די דאָזיקע צוויי יידן מיט דעם, וואָס זיי האָבן געפירט מסחר מיט אַלערליי בשמים און געווירצן.

איבער אַלע ימים זענען געגאַנגען זייערע שיפן, אָנגעלאָדן מיט בשמים און געווירצן, וואָס זענען געפירט געוואָרן פון אינדיע ביז צו די ברעגן פון אַלע לענדער אין דער וועלט.

דעם דאָזיקן מסחר האָבן זיי איבערגענומען נאָך פון זייערע עלטערן, און זייערע עלטערן — נאָך פון די עלטערנס עלטערן, אזוי ביז פון כמה דורות צוריק.

צוזאַמען מיט דער מאַטעריעלער ירושה האָבן זיי פון די פריערדיקע דורות זייערע אויך איבערגענומען די גייסטיקע מידות, צדקה און מעשים טובים. זיי האָבן אויסגעהאַלטן אויף זייער חשבון גרויסע ישיבות אין אַ סך לענדער, ווו הונדערטער יונגע לייט האָבן געלערנט און פאַרשפּרייט גאָטס תורה. און נאָך אַ סך גוטע זאַכן, וואָס זיי האָבן אַלץ אויפגעטאָן, זענען פאַרשריבן אין די ביכער, אויף צו געדענקען לדורות.

אין דער זעלביקער שטאָט האָט געוווינט אַ רייכער ייד, וועמענס נאָמען איז געווען חנניה. געשטאַמט האָט דער חנניה פון נחות דרגא, פון זייער אַ נידעריקער משפּחה. זיין פאָטער און דעם פאָטערס אַלע ברידער זענען געווען פערד־הענדלער. דעם דאָזיקן מסחר מיט פערד האָט חנניה איבערגענומען בירושה פון זיינע עלטערן.

געווען איז חנניה זייער אַ שיינער אין אויסזען און געהאַט האָט ער אַ געשליפענע צונג צום רעדן. צוליב די דאָזיקע מעלות זיינע האָט ער, חנניה, שטאַרק נושא חן געווען אין קייסערלעכן הויף.

אזוי איז חנניה געוואָרן אַ צושטעלער פון פערד צום קייסער און זיינע חיילות.

חנניה האָט זיך אָבער נישט באַגנוגנט בלויז מיט דעם אַליין. ער האָט אויך גענומען צושטעלן פאַרן קייסער מיט זיינע שרים אַלצדינג וואָס איז זיי פאַרן גוזען, גלוסטיק פאַרן לייב און דערקוויקנדיק פאַרן הארץ... פון דעם אַלעם איז חנניה שטאַרק רייך געוואָרן.

אָבער ביי זיין גאַנצער רייכקייט איז חנניה פאַרט פאַרבליבן אַ גרויסער עם הארץ און אַ גראָבער נפש. אין זיין רייכקייט האָט חנניה גאָר פאַרגעסן ווער ער איז און ווער זיין אָפּשטאַם איז. דאָס עשירות האָט אים פאַרשיכורט און פאַרדרייט דעם קאָפּ. האָט ער, נישט אַנדערש, גאָר געוואָלט ווערן איינער פון די מתפּללים אין דער אַלטער שול, וואָס שטייט אויפן בערגל, דאָרטן ווו עס דאַוונען בלויז

נאָר די נעציילטע מיוחסים, לומדים, חשובע בעלי חבתים — די נכבדי העיר.

חנניה האָט געוווסט, אַז דורך דעם וואָס ער וועט זיך אַריינ־כאַפּן אַלס מתפּלל אין דער אַלטער שול, וואָס אויפן בערגל, וועט מען ביסלעכווייז פאַרגעסן זיין אָפּשטאַם און פאַרקוקן זיינע נע־שעפטן. ער וועט אַזוי אַרום ווערן מיט לייטן גלייך. ער וועט דאַ־מאָלסט קענען טאָן מיט די זין זיינע אָנשטענדיקע אין יחוסדיקע שי־דוכים און מיט אים אַליין וועט מען זיך אָנהייבן גאָר אַנדערש צו רעכענען.

חנניה האָט געמיינט, אַז דורך זיין עשירות וועט ער צוקומען און דערגרייכן צו דעם, וואָס ער האָט אַזוי געגאַרט.

צום אָנהייב האָט חנניה געוואָלט דאָס דערגרייכן דורך געלט: ער האָט אונטערגעקויפט די שמשים פון שול און אַנדערע געוויסע מענטשן, מיט גרויסע סומעס געלט, אַז זיי זאָלן זען ווירקן, מען זאָל אים, חנניהן, אַריינגעמען אַלס שטענדיקן מתפּלל אין דער אַל־טער שול. אָבער דאָס אַליין האָט נישט געהאָלפן. די צוויי נכבדים ר׳ דוד בן יוחנן און ר׳ זבדיה בן צדוק האָבן זיך פאַרעקשנט. אַז זיי וועלן נישט דערלאָזן חנניהן צו ווערן אַ מיטגליד און מתפּלל ביי זיי אין שוהל.

ווען חנניה האָט געזען, אַז מיט געלט וועט ער גאָרנישט קע־נען אויפטאָן, האָט ער זיך פאַרנומען אויפן וועג פון חוצפּה, כוח און תקיפות.

די ערשטע נאַכט ראש השנה איז עס געווען, ווען חנניה מיט זיינע דריי בנים האָבן זיך אויף כוח אַריינגעריסן אין דער אַלטער שול, וואָס אויפן בערגל, און האָבן דאָרטן פאַרנומען פּלעצער.

ווי די צוויי נכבדי העיר, ר׳ דוד בן יוחנן און ר׳ זבדיה בן צדוק, האָבן דאָס דערזען, זענען זיי צו אים צו און גערעדט צו אים בזו הלשון:

— זאָלסט וויסן זיין, חנניה, דאָ איז נישט דיין פּלאַץ. גיי דיר בעסער צו דייניקע און אונז לאָז צורו.

דערהערנדיק אַזעלכע קלאָרע דיבורים איז חנניה אַריינגעפאַלן אין גרויס גרימצאָרן, נישט אַזוי פיל דערפאַר וואָס מ׳האָט אים

פערזענלעך באַליידיקט און פאַרשעמט, נאָר דערפאַר וואָס מען האָט זיין עשירות באַליידיקט. ער איז זיכער געווען, אַז מיט זיין עשירות מוז ער אַלצדינג דערגרייכן, וואָס נאָר אים קען זיך פאַרוועלן. אין זיין שטאַרקן כעס האָט חנניה זיך אַרויסגעכאַפּט מיט זייער אַ שאַרף און געמיין וואָרט קעגן די צוויי נכבדים. אַ וואָרט וואָס איז נישט שיין אַרויסצוברענגען אויפן פּאַפּיר.

די צוויי נכבדי העיר האָבן דאַן געזאָגט צו חנניהן:

— געדענק, חנניה, דיין סוף וועט זיין אַ שלעכטער, דו וועסט חרטה האָבן!

און געשען איז דערנאָך אַזוי:

צוריקגייענדיק פון דער אַלטער שול נאָכן דאַווגען, די ערשטע נאַכט ראש השנה, האָט חנניה זיך אויסגעגליטשט און צעבראָכן אַ פוס. חדשים לאַנג איז חנניה געלעגן צו בעט מיט שטאַרקע יסורים און ער איז דערנאָך שוין פאַרבליבן אַ בעל־מום אויפן גאַנצן לעבן.

מיט עטלעכע חדשים שפּעטער איז זיין עלטסטער זון קראַנק געוואָרן און איז געשטאָרבן.

אין זעלביקן יאָר איז חנניהס צווייטער זון באַשולדיקט געוואָרן אין אויסשווינדלען געלט פון דער רעגירונגס־קאַסע און ער איז פאַר־משפּט געוואָרן אויף לאַנגע יאָרן תּפיסה.

נאָר דורך נסים — דורך חנניהס חרטה, תשובה און בעטן מחילה ביי די צוויי נכבדי העיר, ר׳ דוד בן יוחנן און ר׳ זבדיה בן צדוק — איז חנניהן געלונגען אָפּצוראַטעווען כאָטש דעם יינגסטן זון זיינעם פון אומגליק.

די לעצטע יאָרן איז חנניה געוואָרן אַ יורד מנכסיו און ווען נישט די הילף פון די צוויי נכבדי העיר, וועמען ער האָט אַמאָל מיאוס באַליידיקט, וואָלט ער חנניה געווען אומגעקומען פון הונ־גער־נויט.

די דאָזיקע מעשה נורא איז פאַרשריבן געוואָרן, לזכרון אויף דורות, אינם פּינקס פון יענער שטאָט.

צום סוף פון דער באַשרייבונג זענען צוגעגעבן די פאָלגנדי־קע ווערטער:

„זאָל די דאָזיקע מעשה נורא דינען ווי אַ מוסר השכל פאַר אַ סך עשירים צום געדענקען, אַז דאָס עשירות זאָל זיי נישט פארשיכורן און נישט מאַכן צו גלויבן אין „כוחי ועוצם ידי", נאָר שטענדיק זאָל דער מענטש געדענקען, אין וואָס פאַראַ אומשטענדן ער זאָל זיך נישט געפינען, אַז ער איז עתיד ליתן דין וחשבון..."

יידן מיט מיצוות

דאָ וועל איך דערציילן וועגן יידן פון אַמאָל, יידן פון ביז דאָ נישט לאַנג צוריק, יידן וואָס האָבן נאָר געטראַכט פון עולם־הבא און וואָס מער אַריינכאַפּן מצוות, וואָרן ווי אַ מעשה מאַכט זיך זאָל מען אָנקומען „אַהין" מיט אַ געהעריקן באַגאַזש, און וואָס גרעסער דער באַגאַזש אַלץ מער קומט ער „דאָרטן" צונויץ. וואָס ווייסן די היינטיקע פון אַזעלכע זאַכן?! היינט האָט מען אין זינען נאָר עולם־הזה וואָס מער אַריינצוכאַפּן. די היינטיקע יאָגן זיך נאָך נאָך עבירות, און וואָס שענער די „עבירה" איז, אַלץ מער לויפט מען זי נאָך.

אָבער די אַמאָליקע יידן, איי די אַמאָליקע יידן! עולם הזה איז דאָך געווען אַ שרעקלעכע חרפּה, אַז מען האָט איינעם געוואָלט באַליידיקן האָט מען געזאָגט, אַז ער איז אַן „עולם־הזהניק", דאָס איז געווען ס'ערגסטע וואָס מ'האָט געקענט איינעם אַריינזאָגן.

האָבן יענע יידן געיאָגט זיך נאָך מצוות. פון אונטער דער ערד האָט מען אויסגעזוכט אַ מצווה, אַבי אַריינצוכאַפּן און דערמיט צו פאַרגרעסערן דעם באַגאַזש אויף מיטצונעמען „אַהין" איבער הונדערט מיט צוואַנציק יאָר.

.1

געווען איז אַ שטעטל זאַראַמב, אין פּוילן; אַ גאַטספּאַרכטיק און פרום שטעטל איז עס געווען; ווי אַלע יידישע שטעטלעך פון יע־

נעם פּוילן, פרום ביז איבער די אויערן און נאָך מיט אַ סמיטשיק אַריבער. האָבן אין יענעם שטעטל, זאַראַמב, זיך משדך געווען צוויי גבירים. געזאָגט האָט מען אויף דער כלה, באשר בכן, אַז זי לייענט ביכלעך און זי איז פון „די היינטיקע" רחמנא ליצלן. פאַרשטייט זיך ווען דאָס זאָל געווען טרעפן ביי אַ ייד אַן אָרעמאַן וואָלט מען אים פאַר אַזאַ מעשה געווען געדרודפט ער לחרמה. אָבער מיט אַ גביר איז נישט געווען אַזוי לייכט זיך אָנצוהויבן. דעריבער — דאָס וואָס אַן אַנדערן יידנס אַ טאָכטער וואָלט זיך נישט געווען דערלויבט, פּשוט פאַר מורא, האָט דעם גבירס טאָכטער יאָ געהאַט די העזה זיך צו דערלויבן.

נו, אַז די צוויי גבירים פון זאַראַמב האָבן זיך משדך געווען האָט מען געפּראַוועט אַ חתונה כיד המלך און דאָס גאַנצע פרומע און גאָטספאַרכטיקע שטעטל האָט זיך משמח געווען און געלאָזט זיך ווילגיין.

באַלד צומאָרגנס נאָך דער חתונה האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס יונגע ווייבל איז נישט נאָר פון די היינטיקע, נייערט זי איז נאָך אַ חצופה אויך: זי האָט זיך נישט געלאָזט אָפּשערן די שיינע בלאָנדע צעפּ אירע, זי האָט נישט געוואָלט אָנטאָן קיין שייטל און בכלל — נישט געוואָלט צודעקן דעם קאָפּ אירן, ווי עס פּאַדערט זיך פון אַ יידישע חתונה־געהאַטע טאָכטער.

האָט זיך אויפגעהויבן אַ „וויצעקו" אין שטעטל. דער רב, די דיינים, די שוחטים, די חזנים, די שמשים, דער בעדער און די טיקערין; מיט איין וואָרט — גאַנץ כלי קודש, און דאָס גאַנצע שטעטל יידן נאָך זיי, זענען אַרויס מיט אַ געוואַלט און מיט אַ יאָמער:

— וואָס וויל זי פון אונדז האָבן די דאָזיקע חצופה, אַז צוליב איר זאָל חלילה קומען אַ מגפה אין שטעטל, אַז צוליב אירע זינד זאָלן חלילה אונזערע קינדער יונגערהייט אַוועק פון דער וועלט!!

און מ'האָט גענומען פּאַדערן פונם יונגנמאַן, אַז ער זאָל תיכף ומיד אָפּגטן זיין יונג און ווייבל, די חצופה. וואָרן מיט אַזעל־כעס... טאָר קיין יידישער מענטש, על פּי דין, נישט ווינען צוזאַמען. האָט אָבער דער יונגערמאַן געשריגן „אהבתי את אשתי" —

כ'האָב ליב מיין ווייבל אזוי ווי זי איז. „לא אצא חפשי" — איך וויל זי נישט גטן.

האָט דאָך שוין שטעטל איינגעזען, אז ער איז נישט בעסער פאַר איר. שתי כפרות ביום אחד. האָט שטעטל באַשלאָסן, אז אזעל־כע איז אַ מצווה אָנצולערנען.

נו, אויב ס'האָט זיך שוין יאָ געמאַכט אזא וואונדערבאַרע גע־לעגנהייט צו כאַפּן אַ מצווה, האָט יעדערער פון שטעטל זיך געריסן צו דער דאָזיקער מצווה.

ויהי היום — אין איין שיינעם אויפדערנאַכט, ווען דאָס דאָזיקע יונגע פּאָרפאָלק איז אוועק צוגאַסט צו פריינד, אויך אַ יונג פּאָר־פאָלק, איז קומענדיק צוריק אַהיים האָבן זיי געטראָפן זייער שטוב אינגאַנצן אויסגעליידיקט. מ'האָט נישט איבערגעלאָזט קיין פאָדים פון זייער רייכן אויסשטייער: מלבושים, וועש און בעטגעוואַנט, וואָס זייערע גבירים־עלטערן האָבן פאַר זיי אויסגעריכטעט צו דער חתו־נה; ס'איז נישט געבליבן גאָרנישט פון דעם זילבער־ווארג, גלאָז־ווארג און אַנדערע טייערע חפצים פון זייערע רייכע דרשה־געשאַנ־קען און חתונה־מתנות, וואָס זיי האָבן באַקומען צו זייער חתונה־טאָג; מיט איין וואָרט — מען האָט דעם יונגן פּאָרפאָלק געלאָזט ליידיק און בלויז. און... מ'האָט זיי, די שקצים, חצופים, פּושעי ישראל, מאַקע אָנגעלערנט, אז זיי זאָלן פאַרזאָגן ביזן צענטן דור נישט צו שטעלן זיך קעגן דעם ווילן פון אַ גאַנצער שטאָט מיט גאָטס־פאָרכטיקע און פרומע יידן.

אז ס'איז געווען אָפּגערעדט, אז דאָס איז אַ מצווה איז דאָך נישט שייך...

און קיינמאָל, קיינמאָל שפּעטער, האָט מען זיך נישט געקענט דערוויסן ווער ס'האָט אין דער דאָזיקער „מצווה" זוכה געווען.

.2

אין דער שטאָט שעדלעץ, וואָס אין פּוילן, איז געווען אַ לערער מיטן נאָמען קלמן גאַליצקי. ער איז געווען אַ גרויסער רוסיש־קענער און אַ גרויסער העברעיסט. ער האָט געהאַט אַ לעגאַליזירטע פּריוואַט „שקאָלע"; האָט אויך געגעבן פּריוואַטע לעקציעס און איז געווען אין

דער רוסישער גימנאַזיע דער לערער פון „זאַקאָן באָזשע", פאַר די יידישע גימנאַזיסטן.

געזאָגט האָט מען אויף אים, אַז ער איז אַמאָל געווען אַ חסי־דישער יונגערמאַן, אַ למדן און אַ ירא־שמים, נאָר פּלוצלונג איז אַריין אין אים אַ דיבוק, רחמנא ליצלן. מ'האָט אַפילו געוווסט צו דערציילן געניי וועמענס אַפּיקורסישע נשמה איז אין אים אַריין. נו, האָט דער דאָזיקער קלמן, שמואל יוסעלס, אָדער ווי ער האָט זיך שוין דערנאָך גערופן, קלמן גאַליצקי, מיטאַמאָל אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די יידישע מלבושים, זיך גענומען קליידן קורץ, מיט אַ קאַפּעליוש, ווי אַן אמתער גוי, און מ'האָט שוין אָנגעהויבן רעדן אויף אים, אַז ער רויכערט אום שבת, אַז ער פירט אַ טרפהנע קיך, אַז ער עסט אום יום־כיפור און נאָך אַזעלכע שוידערלעכע מעשיות האָט מען זיך וועגן אים אָנדערציילט.

ווען דאָס זאָל געווען טרעפן ביי אַן אַנדערן וואָלט שטאָט, פאַר־שטייט זיך, נישט געשוויגן; מ'וואָלט שוין געוווסט וואָס מ'האָט צו טאָן מיט אַזאַ טרפהנעם פאַרשוין. אָבער פאַר קלמן גאַליצקי האָט מען מורא געהאַט. מ'האָט געוווסט, אַז ער איז אַ קרוב למלכות, אַ גאַנצער אייגענער ביים גובערנאַטאָר. אויסער דעם האָבן יידן באַ־דאַרפט אָפט אָנקומען צו אים, טאָקע וועגן אַ טובה ביי מלכות; יועגן אָפּשרייען אַ גזרה, צי עפּעס אַנדערש אויספּועלן אין די הויכע פענצטער; אָדער ווען מ'האָט אַזוי באַדאַרפט אָנשרייבן אַ „פּראָש־ברע" צו אַ רעגירונגס אַנשטאַלט. וואָרן ער, קלמן גאַליצקי, איז געווען דער איינציקער ייד אַזאַ גרויסער רוסיש־קענער.

האָט שטאָט נעבעך געמוזט דריקן און שווייגן.

נאָר אַז ער איז געווען פאַרהאַסט, און איז געווען ללעג ולקלס, ביי יעדן מינדסטן ייד און יידענע, איז איבעריק צו דערציילן.

גענוג וועט זיין דאָ צו ברענגען אַ קליינעם פאַקט: אין זעל־ביקן הויז וווּ עס האָט געוווינט קלמן גאַליצקי האָט דאָרטן אין קע־לער־שטוב געוווינט חיים מיכל דער וואַסער־טרעגער, וועלכער פלעגט זומער און ווינטער, מיט אַ פערד און וועגעלע און אַ גרויסער פאַס, פונאַנדערפירן וואַסער איבער די בעלהביתישע הייזער.

אַז דעם וואַסער־טרעגערס ייִנגל איז געוואָרן בר־מצווה האָט דער טאַטע צום ייִנגל אַזוי געזאָגט:

— הער זיך איין, לייבל, אויב דו וועסט זיין אַ מענטש און גיין אין גאָטס וועגן וועל איך דיר קויפן אַ פערד און וועגעלע מיט אַ פאַס און די וועסט אַם ירצה השם ווערן אַ לייט. נאָר טאָמער חלילה ניט, זאָג איך דיר אָפּריער וועט פון דיר ווערן אָט אַזוי ווי ס'איז געוואָרן פון יענעם אויבן דאָרטן, פון ימח שמוניק, קלמן גאַליצקי.

און דאָס איז שוין געווען די ערגסטע חרפּהדיקע שטראָף, מיט וועלכער מ'האָט געקענט דראָען אַ בר־מצווה ייִנגל.

האָט דער דאָזיקער לערער, קלמן גאַליצקי, געהאַט אַ בן־יחיד וועלכער האָט זיך געלערנט צו ווערן אַן אַדוואָקאַט.

אַז דער בן־יחיד איז אַלט געוואָרן איין און צוואַנציק יאָר און זיך געשטעלט צו דער מיליטער־קאָמיסיע איז ער באַלד באַפרייט גע־וואָרן אַלס איין און איינציקער זון.

האָבן ייִדישע מאַמעס מיט כעס, שנאה און האַס געשאָלטן און געקריצט מיט די ציין:

— אוודאי, אַ משומד האָט מזל; אַנדערע גאָטספאַרכטיקע און איידעלע קינדער, אויך איינציקע זין האָט מען יאָ גענומען אין מי־ליטער און אַזאַ אַפּיקורס בן־אַפּיקורס האָט מען באַפרייט! אָבער — האָבן זיי זיך געטרייסט — ער וועט נאָך האָבן זיין שווארצן סוף!

דערוויייל איז אָנגעקומען די ערשט־וועלט־מלחמה פון יאָר 1914. דאַמאָלסט האָבן שוין נישט געהאָלפן נישט קיין בן־יחידיש־קייט און נישט קיין פּראָטעקציע פון די הויכע פענצטער, און קלמן גאַליציקס זון האָט געמוזט אַוועקגיין דינען פאָניע און גיין העלפן צו פאַרטיידיקן דאָס „ליבע פאַטערלאַנד" רוסלאַנד.

דער געצערטלטער און צעפּיעשטשעטער בן־יחיד, יעפים גאַ־ליצקי, וואָס איז קיינמאָל נישט געוווינט געווען צו קיין דיסציפּלין, ווי לאַנג ער — אַלס סטודענט פון יורידישן פאַקולטעט און מיט פּראָטעקציע פון גאָר הויכע מקומות — האָט זיך דורכגעשטיפּט דורך פאַרשידענע קאַנצעלאַריעס, האָט ער נאָך ווי עס איז איבער־געטראָגן זיין מיליטער־דינסט.

עס איז אָבער מיטאַמאָל אָנגעקומען אַ באַפעל, אַלע ייִדן ארויס־

צוטרייבן פון די קאַנצעלאַריעס, זיי שיקן אין די קאַזאַרמעס ווי בראַסטע סאָלדאַטן און זיי לערנען מיליטערישע איבונגען, כדי זיי צו צוגרייטן צום פראָנט. דאָ האָט שוין דער געצערטלטער יעפים גאַליצקי נישט געקענט איבערטראָגן דאָס שמוציקע, שווערע און אומדערטרעגלעכע, רוסישע קאַזאַרמע־לעבן. עס איז אים אויך שרעק־לעך שווידערלעך געפאַלן די מיאוסע באַליידיקונגען, וועלכע האָבן זיך אָפּט געשאָטן אויף זיין קאָפּ אַלס „פּראָקלאַטי זשיד", וואָס וויל פאַרקויפן „מאַטושקאַ ראָסיאַ" צו די דייטשן א. א. וו.

ביז... אין איין פינצטערער נאַכט האָט יעפים גאַליצקי איבער־געלאָזט די קאַזאַרמע, די ביקס און אַלץ מיט אַנאַנדער און אַן אי־בערגעטאָנענער אין ציווילע קליידער, דורך אַלערליי אונטערוועגן און אומוועגן, האָט ער זיך דערשלאָגן אַהיים קיין שעדלעץ צו די עלטערן.

דאָ איז שוין געווען פאַר אים צוגעגרייט אַלע „נויטיקע פּאַ־פּירן" און אַ גוט באַהעלטעניש ביז... די צייט וועט קומען און דער דייטש וועט אַריין.

מ'האָט אויף קיין פאַל זיך נישט געקענט דערקונדיקן, ווי אַזוי עס איז דערגאַנגען צו יידן, אַז גאַליצקים זון איז אַנטלאָפן פון קאַ־זאַרמע און אַקוראַט וווּ ער ליגט באַהאַלטן.

ערשט איצט איז געקומען די צייט אויף וועלכער מ'האָט יאָרן לאַנג געוואַרט, זיך אָפּצורעכענען מיטן אפּיקורס און פושע ישראל. און עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז אַזעלכן איז אַ מצווה צו באַ־גראָבן. און אויב יאָ אַ מצווה, האָבן שוין קיין בעלנים אויף דעם נישט געפעלט.

יעפים גאַליצקי איז נעכאַפּט געוואָרן דורך דער מיליטערישער מאַכט און אַ קריגס־געריכט האָט אים פאַרמשפּט צום טויט.

אַז מ'שמועסט אַ „מצווה" איז דאָך נישט שייך...

און קיינמאָל, קיינמאָל שפּעטער, האָט מען זיך נישט געקענט דערוויסן, ווער עס האָט זיך באַמיט די דאָזיקע „מצווה" צו פאַרדינען.

שולדיק זענען — בן־גוריון און סטאַלין

(מאָנאָלאָג פון אַ ייִדן)

— ווי איר קוקט מיך אָן בין איך שוין פיר און צוואַנציק יאָר אין לאַנד מעקסיקע און איך קלאָג זיך נישט חלילה. כ'האָב נאָך צו מעקסיקע גאָרנישט צוגעלייגט. אין לויף פון אָט די פיר און צוואַנציק יאָר האָב איך שוין איבערגעטאָן וואָס איר ווילט נאָר אין דער וועלט פאַר אַן ארבעט אָדער מסחר. אין דער ערשטער צייט, באַלד ביי מיין אָנקומען, האָב איך געאַרבעט ביי פאַרלאַטען און פאַרריכטן אַלטע זעק, ביי וואָס כ'האָב פאַרדינט צוויי פּעזעס אַ טאָג, מיט אַ צוגאָב — רעכט צו נעכטיקן אין שפּייכלער אויף די אַלטע זעק. איך בין אָבער, דאַרפט איר וויסן, נישט קיין הולטיי, אָן אויסבערענגער. האָב איך געשפּאָרט אַ פּעזע צו אַ פּעזע. אַז כ'האָב זיך אַרויפגעאַרבעט בין איך שוין מיט מזל געוואָרן אַ סוחר פאַר זיך. כ'האָב אָנגעהויבן צו פאַרקויפן פּאַנטשקעס אויפן סאָקאַלאָ. איז אַבי כ'האָב נאָר פאַרזוכט דעם ערשטן טעם פון מסחר און כ'האָב געזען, אַז ס'איז גוט, בין איך שוין געקראָכן וואָס אַמאָל ווייטער און העכער. האָב איך שוין דערנאָך פאַרקויפט הייסע געבאַקענע קאַמאָטעס אין טאַקובאַיאַ אויפן מאַרק; דערנאָך האָב איך זיך אָוועקגעשטעלט מיט אַ פּועסטאָ שטאָלווארג; דערנאָך האָב איך גענומען אַרומפאָרן אויף די מערק מיט שטאָלווארג; דערנאָך בין איך שוין אַרומגעפאָרן פאַרקויפן מעדיציניש אַרטיקלען, וואָס טויגן פאַר אַלע קרענק און ווייי־

טיקן; דערנאָך האָב איך אָנגעהויבן צו פאַרקויפן אויף אַבאָנאָס, וואָס איר ווילט נאָר אין דער וועלט, פון אַ פאַרטוך, אַ קאָרטל אויף אַ קליידל, אַ פּאָר שיך, ביז אַ צימער מעבל; דערנאָך האָב איך, מיט אַ שותּף, שוין געהאַט אַ פאַבריקל פון שיך; דערנאָך האָב איך אַליין גענומען ברענגען פאַרטיקע שיך, פון גוואַדאַלאַכאַרא און לעאָן, קיין מעקסיקע. אַזוי האָט זיך דאָס רעדל געדרייט פון איין מסחר צום צווייטן, ביז כ'האָב זיך סוף כּל סוף אַרויפגעאַרבעט צו מיין היינטיקן מצב. אָן מיין שאָדן אויף אַלע יידן נישט ערגער. ווילט איר דאָך אוודאי וויסן, וואָס כ'טו היינט. כ'האָב אַ שטיקל בענקל האָב איך. ס'הייסט קיין אָפיציעלע, רעגיסטרירטע באַנק, מיט אַ שילדל אין פראָנט, האָב איך נאָך נישט. נאָר אַזוי — כ'מיין צו זאָגן, איר פאַרשטייט, איך העלף אַרויס יידן מיט הלוואות. פאַרשטייט זיך — פאַר אַ געוויסן פּראָצענט. קיין מיליאָנער בין איך נאָך נישט, אָבער כ'האָב זיך נישט אויף וואָס צו קלאָגן. איך האָב אָפּגעשפּאָרט שוין אַן אייגן הויז, וווּ כ'האָב אַליין אַן אייגענע פיינע וווינונג און כ'האָב נאָך פאַרדונגענע דירות צו פינף שכנים, וואָס ברענגען מיר אַריין חודשלעך אַ גאַנץ היפּשע סומע דירה־געלט.

— נישט דאָס איז דער עיקר, וואָס כ'וויל אייך דערציילן. איך זע דאָך אַז איר האָט שוין קיין געדולד נישט. אַזוי איז מיט אַלע שרייבערס, זיי ווילן נאָר אויסטראַכטן מעשׂיות פון קאָפּ און טאָמער דערציילט מען זיי אַן אמתע מעשׂה, טאַקע אַ פאַקט, אַ ריכטיקע פּאַסירונג, האָבן זיי נישט קיין געדולד אויסצוהערן. נו, איך וועל עס מאַכן בקיצור. די מעשׂה איז אַזוי: מיט איינעם פון מיינע שכנים האָב איך זיך זייער גוט באַפריינדעט, נישט אַזוי איך, ווי די ביידע פאַמיליעס אונדזערע, ס'הייסט מיין ווייב מיטן שכנס ווייב זענען געוואָרן גאָר גאָר גאַנצע שמעלקעס, אַז מ'האָט איינע אָן דער אַנדערער נישט געקענט לעבן. אַפילו די קינדער אונדזערע זענען געוואָרן, ווי זאָל איך אייך זאָגן... איר פאַרשטייט שוין אַליין וואָס איך מיין. מיין טאָכטער זאָל געזונט זיין דאַרף ווערן נייַנצן יאָר, איז זי שיין, קלוג און געלערנט, קיין עין הרע איר נישט. אַזעלכע מיידלעך טרעפט איר נישט אַזוי איינס און צוויי. דער שכן מיינער האָט אַ זון, אַ בחור פון עטלעכע און צוואַנציק יאָר, איז ער נישט אַזוי

איי, איי, איי, ווייט פון זיין אַ קראַסאַוויץ, און געבילדעט — אוודאי און אוודאי נישט. וואָרן ווי קומט צו מיין שכן, דעם גראָבן יונג, צו האָבן אַ געבילדעטן זון; אַ פּאַרדינער איז ער אויך פון די גאָר שיטערע, אַז סך הכל איז ער אַן אָנגעשטעלטער אין אַ פּאַפּיר־געשעפט. האָט זיך מיין טאָכטער אָבער פאַרכליאַפּעט אינם דאָזיקן בחור, מיין שכנס זון, איבער די אויערן. האָב איך מיטן שכן מיינעם געגומען רעדן אָפענע דיבורים, אַז די מעשה איז אַזוי און אַזוי, און צווישן די קינדער איז אויך אַזוי און אַזוי, וואָלט אפשר גאָר געווען אַ פּלאַן, אַז מיר זאָלן ווערן מחותנים. זאָגט ער: „אדרבא, מהיכא תיתא, פאַרוואָס נישט". נו, אַז איך האָב געהערט פון מיין שכן אַזעלכע קלאָרע ווערטער, האָב איך שוין אויך געזאָגט דאָס זעלביקע. איז דאַכט זיך שוין אַלץ גוט, פאַרטיק, נאָר צו גיין טאַנצן אַ מצווה־טענצל אַה? גייט אָבער הייבט זיך אָן מיט היינטיקע יונגוואַרג. זאָגן זיי גאָר, אַז זיי האָבן צייט, זיי האָבן זיך נישט וואָס צו יאָגן. טראַכט איך זיך, אַז איר האָט צייט האָב איך אויך צייט; אַז ביי אייך ברענט נישט, ברענגט ביי מיר אויך נישט. אַזוי האָט זיך עס געצויגן און געצויגן. איך מיט מיין ווייב זענען מיר געזעסן און געוואַרט צו זען וואָס דער סוף וועט דערפון ווערן. טיילמאָל האָבן מיר געמיינט, אַז אָט, אָט, וועט עס שוין געשען אין אַ מזלדיקער שעה. צום סוף — אַ נעכטיקער טאָג. און אפשר וואָלט עס שוין טאַקע צו דעם דערוואַרטעטן געווען צוגעקומען, דאַרפן זיך, צו מיינע צרות, אַריינמישן בן־גוריון און סטאַלין, און זיי האָבן עס אָנגעמאַכט צווישן אונזערע ביידע פאַמיליעס אַזאַ פייער, אַזאַ שׂרפה, אַזאַ מחלוקת, מיט אַזעלכע אינטריגעס, מיט אַזעלכע צרות, אַז כ'האָב מורא, אַז פון דער גאַנצער געשיכטע זאָל זיך חלילה נישט אויסלאָזן... וואָס כ'וויל פאַרן מויל נישט ברענגען.

— אָט שוין, שוין, קום איך צום עיקר המעשה, האָט נאָך אַ ביסעלע געדולד און הערט אויס מיט קאָפּ, ווי אַזוי דער גאַנצער אומגליק האָט זיך אָנגעהויבן. נישקשה עס וועט אייך גוט צונוץ קומען צו באַשרייבן די מעשה.

— ביים שכן איז געווען אַ פאַמיליע־יום־טוב. מען האָט געפייערט דעם יאָרטאָג פון זייער חתונה. פאַרשטייט זיך, אַז איך מיט

מיין פאַמיליע זענען פאַרבעטן געווען אויף דער שמחה. האָב איך זיך געטראַכט, אַז אָט איצט וועט שוין קומען די צייט; אַלץ איין וועג וועט מען שוין ברעכן טעלער אויך, צו די תנאים פון אונדזע־רע קינדער. וואָרן ווי לאַנג איז עס דער שיעור זיך אַרומצושלעפן אַזוי פאַרעווע, נישט מילכיק און נישט פליישיק. אָבער ווי שטייט דאָרטן ערגעץ אין דער תורה: „געוואַרט אויף פרייד איז גאָר גע־קומען לייד״.

— דאָרטן זיך דאָרטן אויף דער שמחה אָנזאַמלען אַ גאַנצע כאַפּטע ציוניסטלעך, מיין שכנס פריינד, און מיטאַמאָל האָט זיך פאַרבונ־דן אַ שמועס וועגן בן־גוריונען, אַז ער איז אַ גרויסער און דער גרעסטער, אַז ער איז אַזוינס און אַזעלכעס, ער האָט געראַטעוועט דאָס יידישע פאָלק, ער האָט געבראַכט די גאולה, ער האָט פאַרווירקלעכט דעם אַלטן יידישן חלום צו ווערן פריי פון גלות, ער איז דער גרעס־טער פּאָליטיקער היינט אין דער וועלט, און ער איז, און ער איז, און נאָך אַזוי ווייטער. בין איך דאָך אָבער אַ מענטש וואָס קען נישט פאַרטראָגן קיין עוולות, און איך ווייס דאָך יאָ וואָס בן־גוריון איז און וואָס ער שטעלט מיט זיך פאָר, אַז ער איז אַ פאַשיסט, אַ מל־חמה־צינדער, אַ רעאַקציאָנער, אַ כוליגאַן, וואָס וויל דערשטיקן אין ארץ ישראל יעדן פרייען פּראָגרעסיוון געדאַנק. און זיין פּאָליציי האַנדלט, אין באַצוג צו פּראָגרעסיווע מענטשן, ערגער נאָך ווי די זשאַנדאַרן פון דעם צאַר ניקאָליי. האָב איך דאָס אַלצדינג, דעם רעכ־טן אמת, וועגן בן־גוריונען, אַרויסגעזאָגט פראַנק, און פריי פאַר די פאַרזאַמלטע געסט. נו, נו, פרעגט שוין גאָרנישט ווי עס האָט זיך באַלד אָנגעצונדן די באָד מיט די בעזעמלעך. ס׳איז געוואָרן אַ סקאַנ־דאַל מיט געוואַלטן און געשרייען, און איינער עפּעס אַ יונג בחורל איז אַרויס מיט אַ מענה לשון, אַז סטאַלין איז אַ באַנדיט, אַז גאַנץ סאָוועטן־פאַרבאַנד איז איין גרויסע טורמע, אַז סטאַלין איז אַן אַנטיסעמיט, אַ שונא ישראל, גאָרנישט אַנדערש ווי היטלער, אַז אין סאָוועטן־פאַרבאַנד ווערן יידן אויסגעראָטן ביזן לעצטן זכר פון יידיש־קייט, אַ יידיש וואָרט צי אַ יידיש אות אפילו, איז לא יזכר ולא יפקד. און נאָך אַזעלכע ווערטער האָט דאָס בחורל אָנגעפּלוידערט. דאַמאָלסט האָט שוין מיין געדולד געפּלאַצט, און איך בין אַרויס

מיטן אמתן לשון און אויפגעוויזן אויף אַ רעכט צו אַן אמת, ווער ס'איז אונדזער גרויסער סטאַלין דער רעוואָלוציאָנער, דער וועלט־באַפרייער און ווער ס'איז בן־גוריון דער פאַשיסט. ווי מיין שכן, אליין דער בעל שמחה, האָט דאָס דערהערט, איז ער גאָר אַרויס פון די כלים. ער האָט זיך אויפגעשטעלט און בקול רם מיך גע־בעטן, אַז איך זאָל שוין תיכף ומיד פאַרלאָזן זיין הויז.

— ווילט איר דאָך וויסן וואָס ווייטער איז געשען. ביי אַלע מיינע שונאים, און ביי מיין שכן בתוכם, זאָל דאָס געשען, וואָס ס'איז געשען ביי מיר אין שטוב נאָך יענער „חתונה". מיין ווייב האָט מיר געמאַכט שוואַרץ שבת און געשריגן, אַז זי שעמט זיך מיט מיר, אַז עס איז איר אַ חרפּה מיך צו האָבן פאַר אַ מאַן, כאָטש נעם שוין, ענד און פענד, לויף צום רב און כאַפּ אַרויס אַ גט. מיין טאָכ־טער ווידער איז אַריין אין אַ שרעקלעכער היסטעריקע און געהאַלטן אין איין ספּאַזמירן, און ביז היינט צו טאָג איז זי נעבעך קראַנק, מיין אָרעם קינד. אונדזערע פאַמיליעס זענען פון יענעם אָוונט אָן טויט ברוגז. מיין טאָכטער מיטן שכנס זון ווילן זיך מער נישט באַגעגענען. זי — ווייל מ'האָט אַזוי מיאוס באַליידיקט איר טאַטן, און ער — ווייל איך האָב געוואַגט און זיך אָנגענומען פאַר סטאַלינס כבוד. דער עיקר, וואָס זאָל איך אייך אַ סך ברייען, ס'זענען אויף מיר אָנגעשיקט געוואָרן גאַנצע פּעק מיט צרות. כ'וויים גאָרנישט ווי אַזוי כ'וועל זיך פון זיי אַרויסדרייען. און ווייסט איר ווער ס'איז אין דעם אַלעמען שולדיק? — אָט זיי, נאָר זיי. אין אַלצדינג זענען שולדיק — בן־גוריון און סטאַלין!

דריי דאָקטוירים און נאָך איינער

צוזאַמען האָבן זיי געלערנט אין פּרעפּאַראַטאָריע, צוזאַמען זענען זיי אַריין אין אוניווערסיטעט אויפֿן מעדיצינישן פֿאַקולטעט און צוזאַמען האָט זיי פֿאַרבונדן, אין די אַלע סטודענטישע יוגנט־יאָרן, אַן אינטימע חברשאַפֿט.

געווען זענען זיי פֿיר.

כאָטש זייער אַלעמענס עלטער איז געווען פֿון די זעלביקע יאָרן, פֿונדעסטוועגן האָט גיערמאָ אָטשאָאַ זיך גערעכנט פֿאַרן עלטסטן פֿון זיי. ביי אים פֿלעגן אַלע דריי פֿרעגן עצות און צו זיין וואָרט האָבן אַלע דריי זיך צוגעהערט מיט רעספּעקט און מיט צוטרוי.

גיערמאָ איז געווען אַ הויכער, אַ מאָגערער, אַ טונקלהויטיקער, מיט אַ שוואַרצן קאָפּ האָר און מיט אַ פּאָר קלוגע, שוואַרצע אויגן. אין לערנען איז ער געווען דער פֿעאיקסטער פֿון אַלע פֿיר. ער איז געווען אַ רואיקער, אַ געלאַסענער. וואָס ער האָט געטאָן איז געווען מיט ישוב הדעת, מיט איבערגעלייגטקייט און מיט לאָגישער אויסגערעכנטקייט. אַזוי איז אויך געווען זיין רעדן און אַזוי איז אויך געווען זיין יעדער טראָט.

גיערמאָס פֿאָטער, אַלפֿרעדאָ אָטשאָאַ, איז געווען פֿאַרוואַלטער פֿונם אַמעריקאַנער קלוב אין מעקסיקע. ער האָט גאַנץ גוט פֿאַרדינט אויף צו פֿירן אַ שיין באַלהאַבאַטיש לעבן און צו געבן זיינע קינדער העכערע בילדונג.

גיערמאָס עלטערן זענען געווען זייער גאַסטפֿריינדלעכע. די

קינדערס חברים און חברטעס זענען ביי זיי אין הויז שטענדיק אויפֿגענומען געוואָרן פֿריינדלעך און מיט היימישער צוגעלאָזנקייט.

גיערמאָס חברים פֿלעגן דעריבער פֿאַרברענגען אָפֿט דאָרטן אין שטוב ביי די אָטשאָאָס און האָבן זיך דאָרטן געפֿילט ווי ביי זיך אין דער היים און אין אַ סך הינזיכטן — נאָך אפֿשר בעסער, פֿרייער און אויפֿגעלעבטער איידער אין די אייגענע היימען.

גיערמאָ האָט געהאַט צוויי שוועסטער, אויך סטודענטינס. איינע, מאַרגאַריטאַ, האָט געלערנט ליטעראַטור און פֿילאָזאָפֿיע. די צווייטע, אַליסיאַ, האָט געלערנט כעמיע.

ביידע שוועסטער זענען געווען, פּונקט ווי גיערמאָ, טונקלהויטיקע, הויכע איבערגעוואַקסענע מיידן און ווייט נישט קיין שיינע.

צו די ביידע שוועסטער פֿלעגן אויך אָפֿט קומען זייערע חברטעס און חברים, סטודענטן פֿון אוניווערסיטעט. אַזוי אַרום האָט זיך ביי די אָטשאָאָס אין הויז געשאַפֿן אַ מין קליינער סטודענטישער יוגנט־קלוב, וווּ די יוגנט פֿלעגט — אין דער דאָרטיקער פֿריינדלעכער און היימיש־וואַרעמער אַטמאָספֿער פֿון די אָטשאָאָס — זייער גוט פֿאַרברענגען און זיך אונטערהאַלטן.

איינער פֿון גיערמאָס דריי חברים איז געווען אַראָן שמולעוויטש. אַ מיטלוווקסיקער, אַ ברייטפּלייציקער, אַ בלאָנדער, מיט טונקל־בלויע אויגן און מיט אַן ערנסט פּנים, וואָס האָט אויסגעדרוקט ענערגיע און פֿעסטן ווילן. קיין צו גוטע פֿעאיקייטן צום לערנען האָט אַראָן נישט געהאַט. ער איז אָבער באַזעסן אַ וווּנדערבאַרע מעלה, וואָס ווייניק סטודענטן האָבן עס פֿאַרמאָגט. ער איז געווען אַ שטאַרקער מתמיד. ער האָט געקענט אָפּזיצן גאַנצע טעג אויף איין אָרט און קנעלן איבער זיינע לעקציעס און איבער זיינע ביכער. ער איז געווען אַ ליידנשאַפֿטלעכער ביכער־פֿרעסער. לייענען איז ביי אים געווען דער גרעסטער פֿאַרגעניגן אין לעבן. בעלעטריסטיק האָט ער נישט ליב געהאַט. ער האָט זיך נאָר פֿאַרנומען מיט וויסנשאַפֿטלעכע און פֿאָרשונגס ביכער, ביכער פֿון וועלכער מ׳קען עפּעס לערנען און דערגיין. אַראָן שמולעוויטש האָט פֿאַרמאָגט אַ פֿעסטן ווילן און אַן אייזערנע ענערגיע. עס האָט כמעט נישט עקזיסטירט פֿאַר אים די ווערטער: „שווער" און „אוממעגלעך". האָט

ער געוואָלט צו עפּעס צוקומען האָט קיין אָפּהאַלט אין דער וועלט נישט געקענט אים שטיין אין וועג. אַזוי איז ער צוגעטרעטן צו לערנען מעדיצין און אַזוי אויך צו אַלע זיינע וויטערדיקע שטרעבונגען.

אַראָן איז געווען איין און איינציקער ביי זיינע עלטערן. זיין פאָטער, משה שמולעוויטש, איז געווען אַ רייזנדער אַגענט. ער איז זעלטן געווען אין דער היים. אַראָנס מוטער, געניע, איז אויך נישט געווען פון די פרויען וואָס קענען איינזיצן אין שטוב. זי איז געווען אַ פאַרקאָכטע געזעלשאַפטלעכע טוערין. אַזוי האָט אַראָן געהאַט די פולשטענדיקע מעגלעכקייט צו קענען זיצן רואיק און אומגעשטערט איבער זיין שטודיום און איבער זיינע ביכער, אין וועלכע ער איז טעג און נעכט פאַרזונקען געווען.

ביי די אָטשאַאַס אין שטוב איז אַראָן געווען דער ליבלינג. ייערמאָס פאָטער, אַלפרעדאָ, האָט אַ סך געהאַלטן פון אַראָנען און ער האָט אים שטאַרק מקרב געווען. ער האָט אים פאָרגעזאָגט אַ גלענצנדיקע צוקונפט אין לעבן. אויך גיערמאָס מוטער און שוועסטערס האָבן אַראָנען אַרויסגעוויזן באַזונדערע צוגעלאָזענע, פריינדשאַפט. און ביי גיערמאָס עלטערן האָט שטילערהייט געטליעט אַ פאַרלאַנג אַריינצוקריגן אַראָנען פאַר אַן איידעם.

די יוגנט, ביי די אָטשאַאַס אין שטוב, פלעגט טאַקע חוזק מאַכן פון אַראָנען, פאַר זיין בטלנישקייט, פאַר זיין ליידנשאַפטלעכער אַריינגעלאָזטקייט אין טויטע ביכער און זיין צוריקגעהאַלטנקייט פונם ברויזנדיקן הייסבלוטיקן יוגנט־לעבן. דאָך האָבן זיי אַלע אים רעספּעקטירט און אין גרונט — אים אויפריכטיק ליב געהאַט.

אַ צווייטער פון גיערמאָס דריי חברים איז געווען כאָסע (פּעפּע) בימענעס.

פּעפּע איז געווען אַ רויטהאָריקער, אַ טונקלהויטיקער, מיט אַ פול פּנים, גראָבע ליפּן און מיט שוואַרצע לעבהאַפטע אויגן, וואָס האָבן געברענט מיט ווילדער לעבנסלוסט. זיין גאַנצער געשטעל האָט געצאַפּלט מיט יוגנטלעכער לעבנס דורשטיקייט און זיין גאַנצער וועזן האָט געברויזט מיט הייסבלוטיקע געַנוס־פאַרלאַנגען.

אין לערנען איז פּעפּע געווען גאָר אַן אָפּגעשטאַנענער סטודענט. דערפאַר אָבער האָט ער פאַרמאָגט גוניאַלע איינפאַלן אויף

אָפּטאָן שפּיצלעך און שטיקלעך און צו איינאָרדענען פאַרשידענע ווילדע שפּילערייען. פּעפּע איז געווען אַן אומרואיקע נאַטור. ער האָט נישט געקענט רואיק איינשטיין אויף אַן אָרט און גאָרנישט טאָן. אַלץ אין אים האָט זיך באַוועגט און גערודערט. ער האָט געשפּילט אויף אַ מאַנדעלינע, אויף אַ גיטאַרע, אויף אַן האַרמאָשקע און ער איז געווען אַ וווּנדערבאַרער טענצער. דאָרטן ווו פּעפּע איז געווען האָט אַלץ געברויזט און געשטורעמט. „ער וואָלט געקענט טויטע לעבעדיק מאַכן" האָבן אַלע זיינע חברים און באַקאַנטע וועגן אים געזאָגט.

ביי די אָטשאָאַס אין שטוב איז פּעפּע געווען דער לעבעדיקער אָטעם פון דער יוגנט, דער מאָטאָר וואָס האָט באַוועגט און אויפגערודערט. מיט פּעפּען האָט שוין אומעטיק נישט געקענט זיין. און כאָטש פּעפּע איז געווען זייער נישט קיין שיינער, דאָך זענען אַלע מיידלעך פאַרליבט געווען אין אים.

פּעפּע האָט געהאַט צו דערציילן אַ וועלט מיט געפּעפּערטע וויצן און פּיקאַנטע צווייידייטיקע מעשהלעך. ווען אַן אַנדערער זאָל זיי געווען דערציילן וואָלטן די מיידלעך געווען זיך געפילט פאַרשעמט און באַליידיקט, פּעפּען אָבער האָט מען אַלץ מוחל געווען. ער האָט געמעגט. פאַרקערט גאָר — פון פּעפּעס דערציילן האָט מען נאָך אָנגעקוואָלן און אַלע האָבן זיך געקאַטשעט פון געלעכטער.

פּעפּע איז געקומען פון אַ ווייטער פּראָווינץ, פון אַ פאַרוואָרפן שטעטל ערגעץ אין שטאַט גערערע. זיינע עלטערן זענען געווען זייער אָרימע מענטשן. ער האָט געמוזט אין מעקסיקע אַליין פאַרדינען אויף אויסצוהאַלטן זיך און זיין שטודיום. ער פלעגט עטלעכע נעכט אין דער וואָך אַרבעטן אַלס קעלנער אין אַ רעסטאָראַן און דערפון האָט ער געצויגן זיין אָרימע אויסקומעניש. וויפל די חברים האָבן אים פאָרגעלייגט שטיצע, אין פאָרעם פון „הלוואות", אויף אַרויסצוהעלפן אים ביז ער וועט ענדיקן און נעמען פאַרדינען, האָט פּעפּע אַפילו נישט געוואָלט הערן פון דעם. ער האָט ביי קיינעם נישט געוואָלט נעמען קיין סענט.

— אַ געזונטער מענטש וואָס קען אַרבעטן — האָט פּעפּע גע־

מענהט — דאַרף טאָן אַלץ אין דער וועלט, אַבי צו קיינעם נישט אָנצוקומען.

דער דריטער פון גיערמאָס חברים איז געווען קאַרלאָס טאָקער.

קאַרלאָס איז געווען אַן אויסגעצויגענער לאַנגער דראָנג מיט אַ קאָפּ פלאַקסענע האָר, מיט העל־גרינע וואַסערדיקע אויגן און מיט אַ לענגלעך, בלוטאונמילך כאַראַקטערלאָז פּנים, אַ פּנים וואָס זאָגט גאָרנישט, ממש גאָרנישט. זעלטן האָט קאַרלאָס געשמייכלט. האָט ער אָבער יאָ אַמאָל זיך צעלאַכט איז עס געווען אַזאַ הילכיק־קייק־לענדיקער, ווילדער געלעכטער, פּונקט ווי אַ קופּע שטיינער זאָל אימ־פּעטיק זיך אַראָפּקייקלען פון אַ הויכן באַרג.

עס איז געווען גענוג איין קוק צו געבן אויף דעם יונגן בחור, קאַרלאָס טאָקער, כדי צו דערזען אין אים „אַ שמעקדע מיט עסיק" ווי מ'זאָגט אין פאָלקסטימלעכן יידיש.

קאַרלאָסעס פאָטער, מענדל טאָקער — ווי צוויי טראָפּן וואַסער ענלעך צו קאַרלאָסן — איז אַמאָל אין דער אַלטער היים געווען אַ לאַטוטניק אַ שניידער. אָבער דאָס איז געווען אים גאָר וויטן אַמאָל... אין וועלכן מענדל האָט שוין לאַנג געוואָלט פאַרגעסן. אין דער צייט פון זיין זונס, קאַרלאָסעס, סטודענטשאַפט איז שוין מענדל טאָקער געווען אַ גרויסער פאַבריקאַנט אין מעקסיקע און — זייער רייך.

קאַרלאָס האָט פון קינדוויז אָן געהאַט אַ הילצערנעם קאָפּ צום לערנען און דער קאָפּ איז מיט אים מיטגעוואַקסן. אין אַלע שולעס ביז צום אוניווערסיטעט האָט קאַרלאָס זיך דורכגעשטופּט בלויז דורכן טאַטנס פאַרמיטלונג... צו דעם אַלעם האָט קאַרלאָס קיינמאָל ניט געהאַט דעם מינדסטן חשק און ווילן צו זיצן און קנעלן איבער ביכער און לעקציעס, וואָס לערנען פאָדערט כדי צו דערגרייכן צום ציל.

שוין זייענדיק אין אוניווערסיטעט האָט נאָך מענדל, דער טאַ־טער זיינער, אים צוגעהאָלפן און געמוטיקט אין זיין חשקלאָזיקייט. מענדל טאָקער האָט געהאַלטן אין איין טענהן:

— ווער דאַרף האָבן אַ זון אַ דאָקטאָר. וואָס פעלט דען מיר, אַז כ'בין נישט קיין דאָקטאָר! אַז קאַרלאָס וועט שוין מיט מזל ווערן

אַ דאָקטאָר וועט מען אים אויפוועקן אין מיטן דער נאַכט, רופן צו אַ קראַנקן אויף צו מאַכן אַ לאַנע, דערפאַר וועט מען אים באַצאָלן צען פעזעס. איך מענדל טאָקער פאַרדין ברוך השם אין איין מינוט מערער ווי דער דאָקטאָר מיינער וועט קענען פאַרדינען אין אַ גאַנצן חודש. צו וואָס זשע פאַר אַ טייוול דאַרף איך דאָס צו האָבן?

קאַרלאָסעס מאַמע אָבער האָט זיך איינגעעקשנט, אַז איר זון מוז ווערן אַ דאָקטאָר. מינטשע, דאָס אַמאָליקע דינסט־מיידל, האָט מיט אַלע כוחות געוואָלט, דורכן דערוואָרבענעם כבוד פון דעם זון דעם דאָקטאָר, זיך אָפּנעמען און פאַרגיטיקט ווערן פאַר אַלע יסו־רים, צרות און בזיונות, וואָס זי איז אַמאָל אויסגעשטאַנען אין די רייכע הייזער, ווו זי האָט געדינט.

קאַרלאָסן איז אָבער בעסער געקראָכן אין קאָפּ אַריין „דעם טאַטנס ווערטער, וועלכע האָבן זיך אים געלייגט אויפן שכל. און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דער טאַטע איז פולשטענדיק גערעכט.

ביי די אַטשאָאָס אין הויז איז קאַרלאָס געווען די ציל־ברעט פון אַלע וויציקע פיילן און שפּאַסן, וואָס זענען דאָרטן צווישן דער יוגנט אַרויסגעבראַכט געוואָרן. קאַרלאָס איז געווען דער „הויף־נאַר" פונם גאַנצן סטודענטישן יוגנט־געזינדל, וואָס האָט געהאַט זיין צונויפ־קום ביי די אַטשאָאָס אין הויז.

און מערקווירדיק — גראָד פּעפּע בימענעס. דער שטיפער, לעב־יונג און וויצלער, האָט קאַרלאָסן גענומען אונטער זיין שוץ, האָט אים שטענדיק פאַרטיידיקט, זיך אָנגענומען פאַר אים און נישט גע־לאָזט, אַז אין זיין קעגנוואַרט זאָל קאַרלאָס באַליידיקט ווערן. פּעפּעס שוץ איז קאַרלאָסן אַ סך בייגעשטאַנען צו ראַטעווען זיין מערכה ביי די אַטשאָאָס אין הויז צווישן דער סטודענטישער יוגנט.

אויף דעם ערשטן קורס מעדיצין האָט קאַרלאָס זיך געהאַלטן דריי יאָר נאָכאַנאַנד. פונם צווייטן קורס איז קאַרלאָס אַליין אַוועק אין מיטן יאָר. ער האָט סוף כל סוף איינגעזען, אַז גערעכט איז זיין קלוגער טאַטע וואָס זאָגט, אַז לערנען דאַרפן נאָר קינדער פון שלע־פערס, קבצנים, אָבער נישט קינדער פון רייכע פאַבריקאַנטן. ערשט אויפן צווייטן קורס האָט קאַרלאָס איינגעזען ווי נאַריש און אומ־רעכט עס איז פון זיין מאַמען וואָס וויל דווקא, אַז איר זון זאָל עס

זיין דער פּאַדריאַטשיק, וואָס מוז צושטעלן כבוד פאַר דער גאַנצער משפּחה.

קאַרלאָס טאָקער האָט נאָר פאַרלאָזט די אוניווערסיטעט־באַנק, אָבער נישט די פריינדשאַפט מיט זיינע דריי חברים, די סטודענטן, מיט וועמען ער האָט אויף קיין איין טאָג נישט איבערגעריסן זיינע הברישע און סטודענטישע באַציונגען.

אין זייער חברשאַפט, אין זייער נאָענטקייט און אין דער מסיבה ביי די אָטשאָאַס אין הויז, האָט קאַרלאָס נאָך אַלץ זיך געפילט אַלס סטודענט, צוגלייך מיט אַלע סטודענטן. בלויז נאָר די איינציקע פרייווילעגיע האָט קאַרלאָס געהאַט וואָס ער האָט שוין מער נישט באַדאַרפט פאַרלירן אומזיסטע צייט און מי אויף צו קנעלן און מאַטערן זיך איבער ביכער און לעקציעס. ער איז פון די אַלע סטודענטישע עובדהס פּטור געוואָרן און דאָך געבליבן אַ סטודענט...

<hr>

אין די לעצטע צוויי יאָר פון זייער מעדיצינישן שטודיום זענען ביי די דריי חברים־סטודענטן — גיערמאָ אָטשאָאַ, אראָן שמולעוויטש, כאָסע כימענעס — פאָרגעקומען גרויסע געשעענישן, וואָס האָבן ראַדיקאַל געענדערט זייער ביז דאַמאָלסדיקער איינגעשטעלטער לעבנס פאָרעם, און האָבן געלייגט אַ שאַרפן שטעמפּל אויף דער ווענדונג פון זייערע ווייטערדיקע לעבנס ריכטונגען און אויפגאַנג פון זייערע קאַריערע־דערגרייכונגען.

אויך ביי זייער פערטן חבר, ביים געוועזענעם סטודענט קאַרלאָס טאָקער, איז אַן ענדערונג פאָרגעקומען אין זיין לעבנס צושטאַנד, וואָס האָט אויך אומדירעקט געלאָזט אַ ווירקונג אויף די ווייטערדיקע מעדיצינישע קאַריערעס פון זיינע דריי חברים־סטודענטן.

איינמאָל, אין אַ הייסן יולי־חודש, האָט גיערמאָ אָטשאָאַ אַריינגעפירט אין זיין היים, אינם קרייז פון דער סטודענטן־יוגנט, אַ גאַסט פון די פאַראייניקטע שטאַטן. ער איז געווען אַ שיינער ברונעט, אַ בחור ווי פון אַ יאָר דרייסיק, אַ הויכער, מיט אַ פריי און מונטער געזיכט און מיט גוטמוטיקע, לעבהאַפטע, קלוגע, ברוינע אויגן. גיערמאָ האָט אים פאָרגעשטעלט מיטן נאָמען מיגעל אַראַסקאָ, פון מעק־

סיקאַנער אָפּשטאַם, אַ געענדיקטער לויער (אַדוואָקאַט), וואָס פאַר־נעמט אַ וויכטיקן רעגירונגס אַמט אין סאַן לואיס, מיזורי.

מיגעל אַראָסקאָ איז געווען פון די מענטשן, וואָס ווו זיי קומען פאַרהיימישן זיי זיך גאַנץ שנעל און געווינען באַלד צו זיך צוטרוי, פריינדשאַפט און חברשאַפט.

די אָטשאָאַ פאַמיליע האָט דעם נייעם גאַסט אַרומגענומען, ווי זייער שטייגער איז געווען, מיט וואַרעמער פאַמיליאַרישקייט. און אַזוי אויך דער גאַנצער יוגנט־קרייז, וואָס האָט זיך גרופּירט ביי די אָטשאָאַס, האָט דעם נייעם גאַסט מיט פאַרגעניגן באַלד אַריינ־גענומען אין זיין מיט, ווי אַן אַלטן באַקאַנטן, חבר און פריינד.

צוויי חדשים האָט מיגעל אַראָסקאָ זיך אויפגעהאַלטן אין מעק־סיקע און דעם גרעסטן טייל פון דער דאָזיקער צייט האָט ער פאַר־בראַכט אין הויז פון דער אָטשאָאַ־פאַמיליע.

עס איז גאָרנישט שווער געווען צו באַמערקן, באַלד פון די ערשטע טעג אָן, אַז מיגעל אַראָסקאָ און מאַרגאַריטאַ אָטשאָאַ זענען ווייט נישט גלייכגילטיק איינער צום צווייטן. שפּעטער צו, האָבן זיי ביידע שוין גאָרנישט געמאַכט קיין סוד פון דעם, אַז זיי זענען פאַרליבט.

די עלטערן, אַלפרעדאָ און לופּיטאַ אָטשאָאַ, זענען ממש געווען איבערגליקלעך צופרידן פונם דאָזיקן שידוך, וואָס איז ווי פון הימל צוגעשיקט געוואָרן גלייך אין שטוב אַריין.

מאַרגאַריטאַ, וואָס האָט שטודירט ליטעראַטור און פילאָזאָפיע, האָט שוין נישט באַוויזן צו ענדיקן איר שטודיום און האָט זיך שוין נישט דערוואַרט אויף איר מייסטער־טיטל, ווי זי האָט חתונה גע־האַט מיט איר געליבטן, מיגעל אַראָסקאָ, און איז צוזאַמען מיט איר מאַן אַוועק אין סאַן לואיס, מיזורי, אין איר נייער היים, צו איר נייעם לעבן.

נישט לאַנג נאָך מאַרגאַריטאַס חתונה האָט די, ביי אַלעמען באַ־ליבטע, איידעלע און גאַסטפריינדלעכע פרוי, לופּיטאַ אָטשאָאַ, גיער־מאַס מאַמע, זיך אַוועקגעלייגט קראַנק און איז געשטאָרבן.

נאָך לופּיטאַס טויט האָט אַ שווערער טרויער זיך פאַנאַנדער־

געלייגט איבער אַלע ווינקעלעך אין הויז פון די אָטשאָאַס.

פון דאַמאָלסט אָן איז דער אַלטער אַלפּרעדאָ, גיערמאָס טאַטע, אַריינגעפּאַלן אין אַ מעלאַנכאַליע. ער האָט אויסגעמיטן צו באַגעגענען זיך מיט מענטשן, האָט מיט קיינעם נישט געוואָלט רעדן, אויסער ווען ער האָט געמוזט, צוליב זיין פּאָסטן אינם אַמעריקאַנער קלוב. און ער האָט גענומען זיך פאַרטיפן אין ביכער וועגן אַלטע רעליגיעס און מיסטישע פאָרשונגען.

אַזוי אַרום איז ביסלעכוויז דאָס הויז פון די אָטשאָאַס, וואָס פלעגט שטענדיק ברויזן מיט יוגנט־לעבן, געוואָרן אויסגעליידיקט און איז אַריין אין אַן אומהיימלעכער מיסטעריעזער שטילקייט.

אין יענער צייט האָט כאָסע (פּעפּע) כימענעס זיך פאַרליבט אין אַליסיאַן, גיערמאָס יינגערער שוועסטער. מיטן אַלטן אַלפּרעדאָס צושטימונג און ברכה זענען זיי, כאָסע און אַליסיאַ, חתן־כלה געוואָרן, כאָטש גיערמאָן איז דער דאָזיקער שידוך נישט געווען שטאַרק צום האַרצן.

פון יענע מאָמענט אָן. ווען פּעפּע איז אַ חתן געוואָרן פאַר אַליסיאַן, איז ער גאָר אַן אַנדער מענטש געוואָרן. ער איז פּולשטענדיק איבערגעביטן געוואָרן. ער איז געוואָרן רואיקער, געלאַסענער, ערנסטער און ער האָט מיט שטאַרקער ענערגיע זיך אַריינגעוואָרפן אין זיין מעדיצינישן שטודיום.

אונטער אַליסיאַס איינפלוס האָט פּעפּע אויף זיך גענומען, מיט דער פולער ערנסטקייט, צו פאַרענדיקן מיט דערפאָלג דעם אוניווערסיטעט, כדי צו בויען זיין צוקונפט אויף דער מעדיצינישער קאַריערע.

קאַרלאָס טאָקער האָט חתונה געהאַט. אַ כלה פאַר אים האָט זיין מאַמע אויסגעקליבן. איר האָט נישט אינטערעסירט צו וויסן ווער און וואָס די כלה איז. איר האָט אינטערעסירט צו וויסן איבער זויפל דער מחותן פאַרמאָגט, וויפל נדן ער וועט געבן איר זון, און ווי אַזוי און ביי וואָס ער וועט איר זון איינאָרדענען. דער טאַטע האָט זיך נישט געמישט. און קאַרלאָס אַליין — אויך נישט. דאָס איינציקע וואָס אים, קאַרלאָסן, האָט אינטערעסירט איז געווען, אַבי חתונה האָבן. ער האָט געוואָלט פּטור ווערן פון די עלטערנס שטוב און ווערן אַליין באַלהאַבאָס איבער זיך. קאַרלאָס האָט געטראָגן אַן איינ־

געגעסענע שנאה צו זיין היים. די קנאה וואָס ער האָט געהאַט צו זיינע חברים, וועלכע האָבן נישט פאַרלאָזט דעם אוניווערסיטעט ווי ער, נאָר זיי האָבן געהאַט גענוג מוט, ענערגיע און ווילנסקראַפט ווייטער פאָרצוזעצן זייער שטודיום, אָט די קנאה איז ביי קאַרלאָסן פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַ שנאה צו זיינע עלטערן. אים האָט זיך גע־דאַכט, אַז די איינציקע שולדיקע, אין זיין דורכפאַל, זענען נאָר זיינע טאַטע־מאַמע.

— וואָלטן זיי נישט געווען אַזעלכע פאַרגרעבטע און פּראָסטע מענטשן — האָט קאַרלאָס געטראַכט — ביי וועמען דער איינציקער אינטערעס אין לעבן איז נאָר געלט, וואָלט איך אויך געווען געקענט זיין אַ גוטער און פלייסיקער סטודענט, און איך וואָלט אויך געווען געענדיקט אויף דאָקטאָר פּונקט ווי זיי.

אין זיין פאַרביסענער שנאה צו זיינע עלטערן, צו זייער שטוב און צום גאַנצן בינטל ברידערלעך און שוועסטערלעך וואָס האָבן שטענדיק געליאַרעמט און געטומלט אין שטוב, איז קאַרלאָסעס איינציקער פאַרלאַנג געווען, זיך אַרויסצורײַסן און אַנטלויפן פון דער דאָזיקער פאַרגעלטעוועטע גיהנום־שטוב. דורך חתונה האָבן האָט קאַרלאָס געזען דעם איינציקן אויסוועג, ווי אַזוי פּטור צו ווערן פון זיין פאַרהאַסטער היים און ווערן אַ מענטש פאַר זיך.

קאַרלאָסעס שווער איז געווען אַן אינטעליגענטער מענטש, זייער אַ רייכער און ער האָט פאַר קאַרלאָסן איינגעאָרדנט אַ געשעפט פון גענוצטע אויטאָמאָבילן און פון פאַרשידענע איינצלנע טיילן פאַר אויטאָמאָבילן.

קאַרלאָסעס פרוי סעציליאַ, איז געווען נישט קיין איבעריק שיינע, אָבער אַ זייער גוט דערצויגענע און מיט אַ זעלטן גוטן כאַראַקטער.

קאַרלאָס טאַקע האָט זיך פאַרגענומען, אַז ביי אים, אין זיין רייכן הויז, זאָל ווערן אַ געמיטלעך־חבריש און היימיש ווינקל פאַר זיינע חברים, די סטודענטן, וווּ מ׳זאָל זיך אָפט צוזאַמענקומען און פאַרברענגען, פּונקט ווי ביי די אָטשאָאַס אין הויז.

וויפל קאַרלאָס און זיין פרוי האָבן זיך באמת דאָס איינצוואַר־

דערנעען איז עס זיי ניט געלונגען. די סטודענטן, קאַרלאָסעס חברים, האָבן קיין איבעריקן חשק נישט געהאַט צו פאַרבייטן די איינגעפונדעוועטע געמיטלעכקייט פון דער אַטשאַא־פאַמיליע, אויף דער יונגער טאָק־ער־פאַמיליע.

ערשט נאָך דעם ווי גיערמאָס מוטער איז געשטאָרבן, און נאָך דעם ווי זיין פאָטער האָט זיך אָפּגעשלאָסן און אָפּגעזונדערט פון דער גאַנצער וועלט, און נאָך דעם ווי זיין שוועסטער, מאַרגאַריטאַ, איז אוועק אין די פּאַר. שטאַטן, און נאָך דעם ווי זיין היים איז מיט־אַמאָל פאַרפּוסטעוועט געוואָרן — האָט גיערמאָ אַטשאַא זיך גענומען דערנענטערן צו קאַרלאָסן. איז זיין עלנדער איינזאַמקייט האָט גיער־מאָ געזוכט אַ פריינד צו וועמען זיך צו דערנענטערן און צוטוליען זיך. ביי קאַרלאָסן אין שטוב האָט גיערמאָ געפונען אַן אויפריכטיקע, פאַמיליאַרע, וואַרעמע און אינטימע פריינדשאַפט. נאָך וועלכער ער האָט אַזוי שטאַרק געבענקט. צוליב גיערמאָן האָבן שוין זיך גענומען פאַר־היימישן ביי קאַרלאָסן אין שטוב אויך די חברים כאָסע (פּעפּע) בי־מענעס מיט זיין כלה און אַראָן שמולעוויטש.

טאָקע נישט אַזוי טומלדיק און שטיפעריש, פול מיט יוגנט־ברען, יוגנט־רייץ און יוגנט־חן, ווי עס איז געווען אַמאָל ביי די אַטשאַאס אין הויז. אָבער אַ געוואַגנדע היימיש־חברישע אַטמאָספער האָבן קאַרלאָס און סעציליאַ טאַקער געשאַפן פאַר זייערע חברים, אין זייער הויז, וווּ יעדער איינער פון די חברים האָט זיך געפילט ווי אין אַן אייגענער היים, אין דער געמיטלעכקייט פון אַן אייגענעם פאַמיליע־קרייז. איבערהויפּט איז סעציליאַ — מיט איר אינטעלי־גענץ, באַנעמונג און איינפאַכער חברישקייט — געווען פּעאיק אַזאַ וואַרעמע אַטמאָספער אָנצוהאַלטן.

אַריבער זענען די זעקס אוניווערסיטעט־יאָרן, אַריבער זענען די לעצטע עקזאַמענס און די דריי חברים, גיערמאָ, אַראָן און פּעפּע, האָבן דערפילט ווי אַ שווערע לאַסט, וואָס זיי האָבן יאָרן לאַנג גע־שלעפּט אויף זיך, איז מיטאַמאָל אַראָפּגעפאַלן פון זייערע יונגע פּלייצעס און עס איז זיי געוואָרן לייכטער און פרייער צו אָטעמען. גאָר

אַנדערש האָבן זיי דאַמאָלסט גענומען קוקן אויפן אָרום און אויף דער גאַנצער וועלט. עס האָט זיך זיי אויסגעוויזן, אַז אויך די גאַנצע וועלט איז מיטאַמאָל ליכטיקער, ברייטער און פרייער געוואָרן.

גלייכצייטיק אָבער האָבן זיי דערפילט, אַז צוזאַמען מיטן סוף פון די שווערע אוניווערסיטעט־יאָרן האָבן זיך אויך געענדיקט די שיינע, פריילעכע, צאַרטע און נאַאיוו־חנעוודיקע ערשטע יוגנט־יאָרן.

זיי האָבן שוין דערזען פאַר זיך דעם נייעם ערנסטן אָנהייב וואָס נעמט זיך שפּרייטן פאַר זייער צוקונפט, אַן אָנהייב פון אַ נייעם פּעריאָד, וואָס איז פול מיט גרויער זעלבסשטענדיקייט, מיט גרויסע און ערנסטע פאַראַנטוואָרטלעכקייטן, און — עס האָט זיי נישט קיין קליין ביסל געשראָקן.

קאַרלאָס און סעציליאַ טאָקער האָבן צוגעגרייט אַ שיינעם סור־פּריז פאַר זייערע דריי אינטימע חברים, צו זייער פאַרענדיקן דעם אוניווערסיטעט־שטודיום: די טאָקערס האָבן איינגעאָרדנט אויף זייער חשבון, אין איינעם פון די שענסטע נאַכט־קלובן פון מעקסיקע, אַ פייערלעכן און פּרעכטיקן גראַדואיר־יום־טוב, צו וועלכן עס זענען אויך פאַרבעטן געווען אַלע גראַדואירטע פון זעלביקן יאָר, מעדיצין־סטודענטן, מיט זייערע פאַמיליעס.

דערמיט האָט קאַרלאָס טאָקער ווידער זיך אָנגעשלאָסן און זיך פאַראייגנט אין דער אינטעלעקטועלער. יונגער דאָקטוירים־משפּחה און ער האָט געמאַכט זיך צו פילן ווי ער זאָל געווען זיין איינער פון זיי.

געקומען איז די צייט ווען די פיר חברים — גיערמאָ אָטשאָאַ, אַראָן שמולעוויטש, כאָסע כימענעס און קאַרלאָס טאָקער — האָבן געמוזט, נאָך אַזוי פיל יאָרן צוזאַמענלעבן, אויף אַ שטיקל צייט זיך פאַנאַנדערשיידן. די דריי יונגע, נאָרוואָס געענדיקטע, דאָקטוירים האָבן באַדאַרפט, לויטן געזעץ, אָוועקפאָרן אין פאַרשידענע פּראָ־ווינץ־שטעטלעך, אויף זעקס חדשים, אויף „סערוויסיאָ סאָציאַל" (געזעלשאַפטלעכע באַדינונג), איידער זיי דאַרפן באַקומען די דעפי־ניטיווע דאָקטאָראַט־דיפּלאָמען און די אָפיציעלע דאָקטאָר־מיטלען.

אויך דאַמאָלסט האָט קאַרלאָס טאָקער אַרויסגעוויזן געטריישאַפט

און איבערגעגעבנקייט צו זיינע חברים. ער האָט יעדן איינעם פון זיי באַזאָרגט, אויף זיין חשבון, מיט די נויטיקע מעדיקער־אינסטרומענטן. מיט אַ געהעריקער צאָל מעדיצינישע אַפּטייק־אַרטיקלען, וואָס זיי וואָלטן דאָרט, אין די קליינע פּראָווינץ־שטעטלעך נישט געוועזן באַקומען, און ביים לעצטן געזעגענונגס אָוונט האָט ער צו יעדן איינעם פון די חברים אונטערגעטראָגן, אַ מתנה אויף אָנדענקונג, אַ גאָר פיינעם האַנט־זייגער. און ער האָט זיי נאָך אָנגעזאָגט, זיי זאָלן אים טאָן די געפעליקייט, אַז אין אַלצדינג וואָס זיי וועלן זיך נויטיקן דאָרטן, אין זייערע פּאַרוואָרפענע שטעטלעך, זאָלן זיי צו אים שרייבן וועט ער מיט פאַרגעניגן צו זיי צושיקן אויף זיין חשבון.

נאָכן אָפּפאָרן פון די דריי חברים האָט אַ קאַלטער אומעט זיך אַריינגעריסן אין רייכן הויז פון דער טאָקער־פאַמיליע און האָט מיט בייזקייט אויסגעפילט אַלע ווינקעלעך פונם הויז. קאַרלאָס און סעציליאַ האָבן זיך קיין אָרט נישט געקענט געפינען אין זייער איינענער היים. דאַמאָלסט האָבן דריי זאַכן אויסגעפילט זייער פאַרלוירענעם אינטערעס און אינהאַלט אין לעבן: דאָס ערשטע איז געוועזן — קינאָס און טעאַטערס, וואָס זיי האָבן כמעט יעדן אָוונט באַזוכט; דאָס צווייטע איז געוועזן — די אָפטע קאָרעספּאָנדענץ, וואָס זיי האָבן אינטענסיוו געפירט מיט יעדן איינעם פון די דריי אין זיין באַזונדערער „פאַרשיקונג"; דאָס דריטע איז געוועזן — די טרייסטנדיקע האָפענונג, אַז סוף כל סוף וועלן די זעקס חדשים שנעל אַריבערלויפן און ווידער וועט זייער הויז אָנגעפילט ווערן מיט חברישער יוגנטפרייד. ווי אַ געטרייע שותפטע איז זיי בייהילפיק געוועזן, אין אַלע דריי זאַכן, גיערמאָס שוועסטער, פּעפּעס כלה, אַליסיאַ.

קאַרלאָס אָבער האָט קיין געדולד נישט געהאַט צו באַפרידיקן זיך בלויז מיט דער האָפענונג און דערוואַרטונג, אַז די זעקס חדשים זאָלן אַריבער. האָט ער דעריבער אָנגעהויבן צו מאַכן אָפטע רייזעס

צו זיינע חברים, אַלע מאָל צו אַן אַנדערן. און קיינמאָל איז קאַרלאָס נישט געפאָרן מיט ליידיקע הענט. ער האָט שטענדיק גוט אין זינען געהאַט מיטצונעמען פאַר יעדן איינעם דאָס, וואָס יענעם האָט אויסגעפעלט און אין וועלכן ער האָט זיך גענויטיקט.

פון יעדער רייזע, וואָס קאַרלאָס האָט זיך אומגעקערט, האָט ער מיט זיך מיטגעבראַכט אַ צעשטראַלטע פרייד, מיט וועלכער ער האָט אויך אָנגעשטעקט סעציליאַן און אַליסיאַן. ער פלעגט אויך מיטברענגען אַ וועלט מיט אויסטערלישע און שפּאַסיקע עפּיזאָדן פון זייער לעבן דאָרטן אין די פּאַרוואָרפענע פּראָווינץ שטעטלעך, עפּיזאָדן פון וועלכע מען האָט דערנאָך, טעג און נעכט, געהאַט צו רעדן און זיך אָנלאַכן.

אַריבער זענען די זעקס „פּאַרשיקונג״-חדשים. אַלע דריי זענען צוריקגעקומען מיט דערפאַרענער זעלבסשטענדיקער פּראַקטיק; מיט זייערע טעזיסן, וואָס זיי האָבן דאָרטן צוגעגרייט; און מיט אַ מאַסע טשיקאַווע איבערלעבונגען, וואָס יעדער איינער פון זיי האָט געהאַט צו דערציילן און דערציילן.

אַזוי האָט גיערמאָ אַטשאַאַ געשילדערט זיין שטעטל און דערציילט וועגן זיין לעבן און פאַרנעם צווישן די דאָרטיקע איינוווינער:

— אין יענעם שטעטל, וואָס ליגט צווישן בערג אין שטאַט גואַנאַכואַטאָ, איז קיינמאָל ביז מיר קיין דאָקטער נישט געווען. אָפּגעמען קינדער פלעגט אָפּנעמען איינע אַן אַלטע פרוי, וואָס איז אי אַן „אַקושערקע״, אי אַ כישוף-מאַכערן און אַ קאָרטן-לייגערין. לויט ווי זי, די אַלטע, האָט מיר געזאָגט זענען אַלע מענטשן פון דעם שטעטל גופא און פון אַרום און אַרום, ביז גאָר די עלטסטע פון זיי, אירע קינדער, וואָס זי האָט זיי אַרויסגעצויגן פון מאַמעס טראַכט און געבראַכט אויף דער וועלט. צו דער דאָזיקער אַלטער „אַקושערקע״ קומען אָפּט מיידלעך, ווייבלעך און טיילמאָל אויך מענער, זיך לייגן קאָרטן, כדי זיך צו דערוויסן וועגן זייערע מזלות, זייערע צוקונפטן און וועגן זייערע באַשערטע. מען קומט אויך צו דער אַלטער נאָך עצות און נאָך כישוף-מיטלען, צו מאַכן, אַז ביי די געליבטע, אָדער חתנים, צי כלות, זאָלן די הערצער אָנגעפילט ווערן מיט הייסער ליבער צו זייערע באַשערטע. עס קומען אויך ווייבער וואָס די מענער האָבן

זיי פאַרלאָזט, אַז די אַלטע זאָל אָפּטאָן אַ כישוף צו זייער מענער. אַז זיי זאָלן זיך צוריק אומקערן. זי די אַלטע „אַקושערקע" קען אויך זען, דורך כישוף, וועלכע פון די ניי־געבוירענע קינדער דאַרפן בלייבן לעבן און וועלכע מוזן זיך צוריק אומקערן אויף יענער וועלט. איז ביי איר טאַקע אויסגעקומען אַזוי, אַז דער גרעסטער טייל פון די ניי־געבוירענע קינדער האָבן געמוזט זיך אומקערן צוריק אויף יענער וועלט און בלויז גאָר אַ קליינער טייל פון זיי האָט געהאַט רעכט צו בלייבן לעבן אויף דער וועלט.

— ווידער אַנדערע קראַנקע — האָט גיערמאָ ווייטער דערציילט — האָט דאָרטן קורירט דער גלח. ער האָט געהיילט מיט פּסוקים פון טעסטאַמענט און מיט ווייַרויך. מיט אים איז געווען דאָס זעלביקע ווי מיט די כישוף־מאַכערין. ער האָט געזען דורך רוח הקודש, וועלכער קראַנקער איז ווערט ביי גאָט צו בלייבן לעבן און אויף וועמען עס איז אַרויס פון הימל אַ גזר, אַז ער מוז שטאַרבן. איז ביי אים אויך אויסגעקומען, אַז אויפן גרעסטן טייל פון די קראַנקע איז אָנגעשריבן געווען פון הימל, אַז זיי מוזן שטאַרבן.

— וואָכן לאַנג — האָט גיערמאָ ווייטער דערציילט — האָט קיין לעבעדיקער מענטש נישט אַריינגעשמעקט צו מיר אין קאָנסולטאַריע. מען האָט צו מיר קיין צוטרוי נישט געהאַט. דער גלח האָט געפּרעדיקט אין קירכע, אַז דער יונגער דאָקטער היילט מיט מיטלען פון טייוול און נישט פון גאָט.

— ביז איינמאָל — האָט גיערמאָ ווייטער דערציילט — האָט זיך געמאַכט, אַז ס'האָט איינער געשאָסן אויף אַ מיליטערמאַן, אַ קאַראָנעל. די קויל איז אים אַריין אין בויך און דער געשאָסענער האָט געשוועבט צווישן לעבן און טויט. סיי דער גלח און סיי די כישוף־מאַכערין האָבן אָפּגעפּסקנט, אַז דער קאַראָנעל מוז שטאַרבן. אין די גסיסה־שעהן האָט דער קראַנקער געבעטן, אַז מ'זאָל צו אים רופן דעם נייעם דאָקטאָר. האָב איך אים תיכף אָפּערירט, אַרויסגעשלעפּט פון אים די קויל און נאָך עטלעכע וואָכן איז דער קאַראָנעל פולשטענדיק געזונט געוואָרן.

— פון דאַמאָלסט אָן — האָט גיערמאָ דערציילט — איז מיין דאָקטאָרישער פּרעסטיזש שטאַרק אויפגעהויבן געוואָרן און מיין

קאָנסולטאָריע איז פול געוואָרן מיט אַ סך אַזעלכע אונטערגעשאָסענע, וואָס איז דאָרטן אַ גאָר אָפּטע דערשיינונג, איבערהויפּט אין די זונטיקס. איך האָב אָנגעהויבן צו ווערן באַרימט, סיי אין דעם זעלביקן שטעטל גופא און סיי אין אַלע שטעטלעך און דערפער פונם גאַנצן אַרום. און קיין פּראַקטיק האָט מיר שוין מער נישט געפעלט.

— שפּעטער — האָט גיערמאָ ווייטער דערציילט — האָבן אָנגעהויבן צו קומען צו מיר פּאַציענטקעס, יונגע מיידלעך און ווייבלעך, אַז דער נייער דאָקטער זאָל זיי אונטערזוכן, ווייל זיי פילן זיך זייער שלעכט און זיי האַלטן, אַז זיי זענען געפערלעך קראַנק. צום אָנהייב האָב איך זיי, נאָך אַ גענויער אונטערזוכונג, געהילט מיט געקאָכטע וואַסער און טרונק־סאָדע, אַ מעדיצין וואָס כ'האָב אַליין דערפונדן... אָבער ווען כ'האָב געזען, אַז דאָס האָט זיי אויך נישט געהאָלפן... האָב איך זיי גענומען היילן מיט וואָס עס איז געלעגן אין מיינע כוחות...

— דער גלח אַז ער האָט דערזען מיין גרויסן דערפאָלג — האָט גיערמאָ ווייטער דערציילט — און אַז זיין פּראַקטיק, פון איבערשיקן מענטשן אויף יענער וועלט, האָט זיך כמעט אינגאַנצן אָפּגעשטעלט, האָט ער אויפגעהויבן אין קירכע אַן אַליאַרם קעגן מיר, אַז איך בין אַ שליח פון שטן און אַז אַן אמת־ערלעך־גלויביקער קריסט טאָר מיט מיר נישט האָבן קיין שום באַרירונג. עס קען זיין, אַז דעם גלחס ווערטער וואָלטן אפשר געווען האָבן אַ ווירקונג. איז אָבער צו מיין גליק, און צום גליק פון די שטעטלישע איינוווינער, דער געשאָסענער קאָראָנעל, וועמען איך האָב אָפּגעראַטעוועט דאָס לעבן, געשטאַנען פאַר מיר אייזן־שטאָל און ער האָט, מיט דער גאַנצער מאַכט וואָס איז געלעגן אין זיין רשות, אָפּגעשטעלט די הייליקע פּראָפּאַגאַנדע קעגן מיר און ער האָט אַרויסגעגעבן אַ שטרענגע פאַראָרדענונג, אונטער אַ שווערער שטראָף, אַז קיין מענטש, וואָס האָט נישט קיין דערלויבעניש פון דער רעגירונג, טאָר נישט מער היילן קיין קראַנקע. און דאָס האָט געהאָלפן.

— איידער איך בין אַוועק פון שטעטל — האָט גיערמאָ ווייטער דערציילט — האָב איך איינגעאָרדנט אַזוי. אַז אַ צווייטער דאָקטאָר איז געקומען אַהין אויף מיין פּלאַץ. און דער עיקר וואָס איך האָב

איך צו דערציילן פריילעכס פון מיינע זעקס חדשים פּראַקטיק איז, אַז איך בין געקומען פון דאָרטן מיט אַ גאַנץ היבשן קאַפּיטאַל, וואָס וועט מיר געגוגענען אויף איינצואָרדענען פאַר זיך אין מעקסיקע אַ באַשיידענע קאָנסולטאָריע.

אַראָן שמולעוויטש האָט דערציילט אַזוי:

— דאָס שטעטל ווו איך בין געווען איז אין שטאַט וועראַקרוז. יענער גאַנצער ראַיאָן עקזיסטירט פון די דאָרטיקע קאַפע־פּלאַנטאַציעס. פון דער געדעטעניש פון קאַפע איז אָפּהענגיק דער עקאָנאָמישער מצב פון די דאָרטיקע איינוווינער. די מענטשן דאָרטן זענען איינגעטיילט אין פינף קאַטעגאָריעס: אייגנטימער פון קאַפע פּלאַנטאַציעס; סוחרים פון קאַפע; אַרבעטער פון די פּלאַנטאַציעס; קרעמער, בעל מלאכות; און פּראַצענטניקעס, וואָס לייען געלט אויף פּראָצענט צו אַרבעטער, טיילמאָל אויך צו פּלאַנטאַציע־אייגנטימער, אויף אָפּצונעמען דעם חוב אין שניט־צייט.

— ווען איך בין אָנגעקומען — האָט אַראָן דערציילט — האָב איך דאָס ערשטע זיך באַגעגנט מיטן דאָרטיקן אַלט געזעסענעם דאָקטאָר. ער איז שוין זייער אַן אַלטער מאַן. ווי ער האָט מיר דערציילט, איז ער אַמאָל געווען מיליטער דאָקטאָר ביי פּאָרפיריאָ דיאַז אין מעקסיקע. נאָך דער רעוואָלוציע האָט ער פאַרלאָזט די שטאָט מעקסיקע און האָט זיך באַזעצט אין זיין היים־שטעטל, ווו ער פּראַקטיקירט אַלס דאָקטאָר שוין איבער דרייסיק יאָר. ער איז אַ רייכער מענטש, אַ גרויסער באַזיצער פון קאַפע פּלאַנטאַציעס. ער האָט זיך זייער דערפרייט מיט מיין אָנקומען. ער איז שוין צו אַלט, האָט מיר דער דאָקטאָר דערקלערט; ער פילט, אַז ער קען שוין נישט און טאָר שוין נישט מער פּראַקטיקירן; דעריבער איז ער זייער צופרידן געווען וואָס איך, אַ יונגער דאָקטאָר. בין געקומען אים איבערנעמען. און ער, דער אַלטער דאָקטאָר, האָט געשטעלט צו מיין דיספּאָזיציע זיין גוט איינגעאָרדנטן קליניק און קאָנסולטאָריע; ער האָט מיט גוטער רעקאָמענדאַציע מיר איבערגעגעבן אַלע זיינע פּאַציענטן, ס'הייסט — דאָס גאַנצע שטעטל, און ער האָט מיר אַ סך געהאָלפן מיט קלוגע און פּראַקטישע עצות און אָנווייזונגען.

— פּראַקטיק האָב איך געהאַט גענוג — האָט אַראָן דערציילט

— און פּאַרדינט האָב איך גאַנץ גוט. איך וויל נאָר איבערגעבן עטלעכע טשיקאַווע עפּיזאָדן פון מיין דורכלעבן דאָרטן אין יענעם שטעטל: איינמאָל איז צו מיר געקומען אַ פרוי וואָס האָט באַדאַרפט געבוירן אַ קינד; האָט איר מאַן, וואָס איז מיט איר מיטגעקומען, מיך אַוועקגערופן אין אַ זייט, אַז קיינער זאָל נישט הערן, און ער האָט מיר אָנגעזאָגט אַזוי: אויב עס וועט געבוירן ווערן אַ ייִנגל זאָל איך דאָס קינד לאָזן לעבן. אויב אָבער ס'וועט געבוירן ווערן אַ מיידל, זאָל איך דאָס קינד דערווערגן באַלד ביים געבוירן ווערן. טאָמער וועל איך נישט אויספאָלגן וואָס ער האָט מיר אָנגעזאָגט, וועט ער מיך דערשיסן ווי אַ הונט. איך האָב זיך באַלד בּאַראָטן מיטן אַלטן דאָקטאָר וואָס צו טאָן. האָט ער מיר געזאָגט, אַז איך זאָל גאַנץ רואיק אָנגיין מיט מיין אַרבעט, גאָרנישט קיין מורא האָבן און ער וועט שוין אַלץ דערליידיקן מיטן טאַטן פונם קינד, אַז מיט מיר זאָל קיין שום שלעכטס נישט פּאַסירן. צו מיין מזל איז געבוירן געוואָרן אַ ייִנגל. דער טאַטע פון קינד האָט פאַר פרייד מיך אַרומגעכאַפּט און געקושט, ער האָט מיר זייער פיין באַלוינט און ער האָט צו מיר געזאָגט, אַז איצט זעט ער וואָס פאַר אַ גוטער דאָקטאָר איך בין. דער אַלטער דאָקטאָר האָט אים געבראַכט פיר מיידלעך און קיין איין ייִנגל נישט. איך בין נאָרוואָס אָנגעקומען און כ'האָב אים שוין געבראַכט אַ ייִנגל.

נאָך אַן עפּיזאָד האָט אַראַן דערציילט:

— אַן אַלטער מאַן, וועמען איך האָב קורירט, ווען ער האָט געפילט, אַז ער האַלט ביים שטאַרבן, האָט מיר איבערגעגעבן בסוד, אַז אין קעלער פון זיין שטוב שטייט אַ פאַס; אונטערן פאַס זאָל איך, נאָך זיין טויט, אויפגראָבן אַ גרוב, דאָרטן ליגט באַהאַלטן אַ טאָפּ מיט גאָלדענע אימפּעריאַלן, וואָס איז ווערט אַ מאַיאָנטעק, זאָל איך דעם גאַנצן טאָפּ מיט גאָלד אַוועקגעבן פאַר דער קירכע און דעם זון זיינעם גאָרנישט געבן, ווייל ער איז אַ הולטיי אַ שאַרלאַטן און ער איז נישט ווערט, אַז איך זאָל אים עפּעס איבערלאָזן. דער אַלטער איז געשטאָרבן. איך האָב דעם אַלטן דאָקטאָר דערציילט וועגן דער צוואה, וואָס דער אַלטער האָט מיר איבערגעגעבן פאַרן טויט. דער אַלטער דאָקטאָר האָט מיך געראָטן. אַז איך זאָל זיך מיטן זון נישט

אָנהייבן און באַזונדער, האָט מיר דער דאָקטאָר דערקלערט, האָב איך נישט קיין רעכט צו גראָבן ביי יענעם אין הויז; נאָר איך זאָל בעסער אַלצדינג דערציילן דעם זון און זאָל ער טאָן וואָס ער וויל. ווי דער זון האָט מיך אויסגעהערט האָט ער זיך צעלאַכט און נעזאָגט: „דער אַלטער האָט געמיינט, אַז איך וועל וואַרטן ביז ער וועט שטאַרבן. דאָס גאָלד איז שוין לאַנג אויף דער וועלט נישטאָ. נאָך מיט יאָרן צוריק האָב איך דאָס גאָלד אויסגעגראָבן און האָב עס פאַרנוצט אויף וויכטיקערע זאַכן ווי אויף אַ קירכע".

נאָך אַן עפּיזאָד האָט אַראָן דערציילט:

— איינמאָל איז צו מיר געקומען אַ יונגע פרוי מיט אַ קראַנק קינד, אַ ייִנגעלע פון אַ יאָר פיר, זי איז געווען אַ טונקלהויטיקע, אַ מעקסיקאַנערין, און דאָס קינד אירס איז געווען אַ בלאָנדס מיט בלויע אייגעלעך און מיט אַ ליכטיק ווייס פּנימל. מיר איז דאָס פאַרקומען עפּעס מאָדנע, אויסטערליש און אומפאַרשטענדלעך. האָב איך נעפרעגט ביי דער פרוי, צי דאָס קינד איז איר אייגנס. האָט זי מיר געענטפערט, אַז יאָ. האָב איך ווידער געפרעגט, צי איז איר מאַן אַ מעקסיקאַנער. האָט זי מיר געענטפערט, אַז זי האָט נישט קיין מאַן. זי האָט געהאַט אַ חתן האָט ער איר פאַרלאָזט, איז פון איר אַוועק און זי ווייסט נישט ווו ער איז אַהינגעקומען. די פרוי האָט פאַרשטאַנען וווהין עס צילן מיינע פראַגעס האָט זי אַליין מיר גענומען דערציילן איר געשיכטע:

— איך בין פון טאָררעאָן. דאָרטן האָט מיין פאָטער, צוזאַמען מיט מיינע ברידער, אַ גרויס מעבל-געשעפט און זיי זענען רייך. אין טאָררעאָן האָב איך זיך באַקאַנט מיט איינעם אַ יונגנמאַן, זייער אַ שיינעם. אַן „עקסטראַנכעראָ" (אַן אויסלענדער) איז ער געווען. באַלד ווי ער האָט מיך דערזען האָט ער זיך פאַרליבט אין מיר און איך אין אים אויך. מיר האָבן זיך צוגעשוואָרן אייביקע ליבע און מיר האָבן אָפּגערעדט, אַז באַלד ווי ער וועט נאָר דערלידיקן זיינע געשעפטן, אין די פאַראייניקטע שטאַטן, וועט ער צוריק קומען אין טאָררעאָן און ער וועט מיט מיר חתונה האָבן. איך בין געווען שטאַרק פאַרליבט אין אים און כ'האָב געהאַט צו אים בלינדן צוטרוי. ער איז אַוועק און מער האָב איך פון אים נישט געהערט. אפילו קיין בריוול

האָב איך פון אים נישט דערהאַלטן. עס זענען אַוועק עטלעכע חד־שים האָב איך דערזען, אַז איך שוואַנגער. איך האָב געוווּסט, אַז ווען מיינע ברידער וועלן דערפון געוואָר ווערן מיינט עס אַ זיכערער טויט פאַר מיר. האָב איך אין איינעם אַ פאַרטאָג פאַרלאָזט מיין טאַטנס הויז און געלאָזט זיך אין דער וועלט אַריין וואַנדערן. סיי ווי האָב איך געוווּסט, וועט איינגיכן קומען מיין טויט, זאָלן כאָטש מיינע אייגענע ברידער נישט האָבן די שולד אין דעם. איך האָב אַזוי לאַנג געוואַנדערט. איבער שטעט און שטעטלעך, ביז איך בין אָנ־געקומען דאָ אין שטעטל אַריין. דאַמאָלסט בין איך שוין געווען אין די הויכע חדשים. איך האָב נישט געוווּסט וואָס מען הייבט אָן צו טאָן, צו וועמען זאָל איך זיך ווענדן. און דאָ בין איך געבליבן שוין אָן איין סענט געלט. איז מיר איינגעפאַלן אַריינצוגיין צום אַלטן דאָק־טאָר. איך האָב אים דערציילט מיין גאַנצע געשיכטע. דער אַלטער דאָקטאָר, ווי אַן אמתער קריסט מיט אַן איידעלער נשמה, האָט אויף מיר רחמנות געקריגן. ער האָט מיך אַריינגענומען צו זיך אין שטוב און ער האָט מיך באַהאַנדלט ווי אַן אייגן קינד. ער האָט אָפּגענומען דאָס קינד, אַט דאָס בלאָנדע יינגעלע, און ביז איך בין נישט איינ־גאַנצן געזונט געוואָרן האָט ער מיך נישט אַרויסגעלאָזט פון זיין שטוב. נאָך אין דער היים אין טאָררעאָן האָב איך זיך געלערנט פאַר אַ שניידערקע, האָט דער דאָקטאָר מיר געהאָלפן איינצואָרדנען זיך דאָ, אַלס שניידערקע, און איך פאַרדין, דאַנקען גאָט, גאַנץ גוט אויף צו מאַכן אַ לעבן. אייביק וויל איך האָט דעם טייערן האַרציקן דאָקטאָר האָבן צו פאַרדאַנקען.

— איך האָב דאָס דאָזיקע שיינע, בלאָנדע יינגעלע — האָט אַראָן ווייטער דערציילט — שטאַרק ליב געקריגן און איך האָב געבעטן דער מוטער אַז זי זאָל אים אָפּט ברענגען צו מיר, וואָס זי האָט עס מיר צוליב געטאָן. אַז איך בין שוין געוואָרן גוט היימיש מיט אָט דער פרוי האָב איך איר איינמאָל געפרעגט, צי עס איז נישט אַמאָל געבלי־בן ביי איר אַ פאָטאָגראַפיע פון איר געליבטן, דעם קינדס פאָטער, האָט זי מיר געבראַכט אַ בילד ווו זי שטייט פאָטאָגראַפירט מיט איר געליבטן. ווי איך האָב דערזען דאָס בילד איז מיר פינצטער געוואָרן אין די אויגן. איך האָב אים באַלד דערקענט. אָט דער פאַרשוין איז

מיינער אַ גוטער באַקאַנטער. ער איז דאָך מיין פּאַטערס אַ פריינד. ער וווינט אין מעקסיקע. ער איז זייער רייך און שפּילט אַ גרויסע ראָל אין יידיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן פון מעקסיקע.

עס איז געקומען די ריי פון כאָסע כימענעס (פּעפּע), צו דער־ציילן פון זיין דורכלעבן אין די זעקס חדשים, אין זיין פּראָווינץ־שטע־טל. און ער האָט דערציילט:

— איך בין אָנגעקומען אין אַ שטעטל פון שטאַט מיטשאָאַקאַן, נישט ווייט פון דער שטאָט מאָרעליאַ. איך האָב געעפנט מיין קאָנסול־טאָריע, כ׳האָב ברייט זיך צעלייגט מיט מיינע דאָקטאָרישע אינס־טרומענטן און מעדיצינישע אַרטיקלען, און איך האָב אַרויסגעלאָזט מעלדונגען, אַז עס איז געקומען דער לאַנג דערוואַרטער באַרימטער דאָקטאָר, אַזעלכער און אַזעלכער, וואָס קען אויפטאָן ווונדער שבוונ־דער, וואָס קען אויסהיילן אַלע שווערסטע קראַנקהייטן און אַזוי ווייטער און ווייטער. און — איך בין געזעסן און געוואַרט. עס איז אַוועק אַ וואָך און צוויי און כ׳בין נאָך אַלץ געזעסן און געוואַרט, אַז מען זאָל מיר ברענגען כאָטש איין קראַנק. אָבער — אַ נעכטיקער טאָג. האָב איך זיך גענומען נאָכפרעגן און נאָכפאָרשן וואָס איז גע־שען מיטן דאָזיקן שטעטל, וואָס זיי דאַרפן נישט קיין דאָקטאָר. אפילו ווען די מענטשן דאָרטן זאָלן זיין געזונט ווי די פערד, דאַרפן דאָך פערד אויך אַמאָל אַ דאָקטאָר! האָב איך געפאָרשט אַזוי לאַנג ביז איך בין דערגאַנגען: אַן עלטערער דאָקטאָר פון מאָרעליאַ קומט צוויי מאָל אַ וואָך אין שטעטל אַריין און ער נעמט אָן וויזיטן. אַנ־דערע קראַנקע פון שטעטל פאָרן קיין מאָרעליאַ צום זעלביקן דאָק־טאָר אויף וויזיטן. און ער, דער דאָזיקער דאָקטאָר, האָט געפירט פּראָפּאַגאַנדע, נישט צו לאָזן זיך פאַרפירן פון די יונגע דאָקטוירים. ער האָט דערציילט שווינדלערישע זאַכן פון די יונגע דאָקטוירים, וואָס ווייסן גאָרנישט, פאַרשטיין גאָרנישט און פּטרן נאָר אַוועק די קראַנקע

— איך האָב געזען — האָט פּעפּע ווייטער דערציילט — אַז עס האַלט מיט מיר זייער שלעכט, אַז איך וועל דאָרטן נישט פאַר־דינען אפילו אויף דירה־געלט, אַז איך וועל דאַרפן פּעכניען אויפן פּיסק און געשוואָלן ווערן פון הונגער. בין איך געפאַלן אויף אַ המ־

צאה. איך בין געוואָרן, אנשטאט א דאָקטאָר מעדיצין, גאָר אַן אַפּטיאָר. איך האָב אָנגעשריבן א קאָמעדיע און איך האָב צונויפגענומען יונגע בחורים און מיידלעך, און כ׳האָב זיי געלערנט שפּילן טעאַטער. אין דער קאָמעדיע האָב איך פאָרגעשטעלט אַן אַלטן דאָקטאָר, וואָס ·זאָג דערפירט זיינע פּאַציענטן צו א געפערלעכן צושטאנד, ווייל ער האָט נישט געקענט שטעלן קיין ריכטיקן דיאַגנאָז. אַז ס׳איז געקומען צו אים איינער מיט קראַנקע לונגען האָט ער אים געמאַכט א קאָנע. אַז עס איז צו אים געקומען איינער מיט א קראַנק הארץ האָט ער אים אָפּערירט דעם געזונטן אַפּענדיסיט. אַז ס׳איז צו אים געקומען איינער מיט פאַרהאַרטעוועטע אָדערן האָט ער אים אַרויסגעשלעפּט אַלע ציין פון מויל, אַז ס׳איז צו אים געקומען א פרוי אויף געלעגן צו ווערן, האָט ער איר געשטעלט באַנקעס, און נאָך אַזוי ווייטער. דער אַלטער דאָקטאָר וואָלט געוועז אוועקגעקוילעט א האַלבע שטאָט. איז געשען א נס, עס איז אָנגעקומען א יונגער דאָקטאָר און ער האָט אָפּגעראַטעוועט די מענטשן פון שטאָט. אין דער דאָזיקער קאָמעדיע איז אויך געווען אַריינגעבראַכט געגנוג געפעפערטע וויצן און פּיקאַנטע מעשהס; צו מיינע טעאַטער פאָרשטעלונגען איז געקומען א גרויסער עולם, כמעט דאָס גאַנצע שטעטל. און איך האָב געטראַכט, ווען כאָטש א פערטל פון זיי הייבט אָן צו קרענקען און קומט צו מיר אויף קוראַציע, וואָלט איך דאָך געמאַכט שטיקער געלד. אַזוי האָב איך אָנגעשריבן עטלעכע קאָמעדיעס, זיי געשפּילט און כ׳האָב געהאַט גרוים דערפאָלג אין מיין טעאַטער־קונסט.

— פון מיינע קאָמעדיעס — האָט פּעפּע ווייטער דערציילט — האָב איך פאַרדינט צוויי זאַכן. ערשטנס האָבן זיי מיר אַריינגעבראַכט א שיינע פּאָר פּעזעס, צו דערהאַלטן דערווייל די נשמה און צו באַצאָלן דירה־געלט. און — עס האָבן טאַקע אָנגעהויבן צו מיר קומען קראַנקע. ווען כ׳האָב געזען, אַז אין וואַרט־צימער פון מיין קאָנסולטאָריע איז שוין שטענדיק פול מיט פּאַציענטן און אַז דער דאָקטאָר פון מאַרעליאַ האָט שוין איינגעזען אַז עס לוינט אים שוין נישט צו מאַכן אומזיסטע הוצאות אויף צו קומען אין שטעטל אַריין, האָב איך באַשטימט שוין אויפצוגעבן דאָס טעאַטער־שפּילן. האָט אָבער שטעטל שטאַרק פּראָטעסטירט קעגן מיין באַשלוס.

מען האָט געשריגן, אז מ׳דאַרף בעסער דעם טעאַטער אַקטיאָר איי־דער דעם דאָקטאָר. בין איך שוין געווען געצוווּנגען אָנצוהאַלטן ביידע אַמטן: בייטאָג אַלס דאָקטאָר וואָס היילט קראַנקע און ביינאַכט אַלס אַקטיאָר וואָס מאַכט לאַכנדיק געזונטע. אַזוי זענען דורכגע־פלויגן די זעקס חדשים אין יענעם שטעטל ווו כ׳האָב פּראַקטיקירט אי אַלס דאָקטאָר־מעדיצין און אי אַלס אַקטיאָר־קאָמיקער. און כ׳האָב צו ביידע נישט דערלייגט.

איצט — האָט פּעפּע פאַרענדיקט — שטיי איך אין פאַרלעגנ־הייט און כ׳ווייס נישט וואָס דאַרף זיין מיין אמתער באַרוף, וואָס וועט מיר מער צונוץ קומען אין לעבן, צי די ראָל פון דאָקטאָר אָדער די ראָל פון אַקטיאָר. אָדער אפשר גאָר, האָב איך זיך באַטראַכט, לויגט אָנצוהאַלטן ביידע ראָלן, פּונקט ווי דאָרטן אין שטעטל. ביי אַ קראַנקן וועל איך שפּילן טעאַטער און ביי אַ געזונטן וועל איך טאַפּן דעם פּולס.

* * *

ווידער איז פול געוואָרן די שטוב ביי די טאָקערס, ווידער האָט יוגנטלעכער געלעכטער געלאָזט הערן זיינע אָפּקלאַנגען און ווידער האָט מונטערע אויפגעהייטערטקייט אָפּגעשטראַלט אין יעדן ווינקע־לע פון הויז.

אַלץ טאַקע ווי פריער, אָבער דאָך... עס איז גאָרנישט שווער געווען צו באַמערקן, אַז אַ געוויסע ענדערונג איז פאָרגעקומען אין דער געמיטלעכקייט און אין דער פּערזענלעכקייט פון די דריי יונגע דאָקטוירים. ס׳איז נישט מער דאָס וואָס געווען.

ווען קאַרלאָס און סעציליאַ טאָקער זענען געבליבן אַליין האָבן זיי וועגן דעם גערעדט, ווי געענדערט עס זענען געוואָרן ידי דריי חברים, ניערמאָ. אַראָן און פּעפּע, אין דער צייט פון די זעקס חדשים, וואָס זיי זענען געווען אויף דער פּראָווינץ.

סעציליאַ האָט דאָס זייער ריכטיק אויפגעכאַפּט און כאַ־ראַקטעריזירט:

— עס פילט זיך שוין אין זייער לאכן, שטיפן און פארברענגען, דער איבערגאנג פון יוגנטלעכער סטודענטישער זארגלאזיקייט צו רייפער פאראנטווארטלעכער ערנסטקייט. ווייזט אויס, אז די זעקס חדשים פון זעלבסטשטענדיקער און פאראנטווארטלעכער פראקטיק אין זייערע פראווינץ־שטעטלעך, האבן געלייגט א שטעמפל פון רייפ־קייט אויף זייערע פערזענלעכקייטן.

און קארלאס האט נאך צוגעגעבן:

— און טאקע אויך די נישט קליינע זארג פון „און וואס ווייטער?"

— מיר אליין — האט קארלאס צוגעגעבן — לאזט עס נישט רוען. איך האלט אין איין טראכטן, „ווי אזוי זאלן זיי זיך איינ־ארדענען?" „ווי אזוי זאל יעדער איינער פון זיי בויען זיין צוקונפט, דורך דער דאזיקער פראפעסיע, אויף וועלכער ער האט די בעסטע יוגנט־יארן אוועקגעגעבן?"

אזוי ביסלעכווייז האט טאקע די פראגע „וואס ווייטער?" אנ־געהויבן פראנק און פריי צו פארנעמען דעם אויבנאן פון אלע שמועסן, אונטערהאלטונגען און פארוויילונגען ביי די טאקערס אין הויז. עס איז שוין אזוי אויסגעקומען, אז פון וואס מ'זאל נישט גענוען רעדן האט דער שמועס פון זיך אליין, זיך פארקייקלט אויף דער טעמע „צוקונפט, פראקטיק, איינארדענונג".

זענען פארשידענע פלענער געבוירן געווארן און באלד אפגע־שטארבן; זענען גאנצע לופט־שלעסער אויפגעבויט געווארן און באלד חרוב געווארן; זענען גאנצע טורעמס אויפגעשטעלט געווארן און באלד איינגעפאלן; און צום סוף איז אלץ געבליבן די אלטע פראגע:

— און וואס ווייטער?

איינמאל אין אן אוונט ווען אלע — קארלאס, גיערמא, אראן, פעפע, סעציליא און אליסיא — זענען געזעסן און געמיטלעך גע־שמועסט. פעפע האט געהאלטן אין איין שיטן קאמישע עפיזאדן פון

זיין מעדיצינישער פּראַקטיק אין פּראָווינץ, האָט אינמיטן דערינען קאַרלאָס זיך אַרויסגעכאַפּט:

— הערט חברה, נישט געזאָרגט, עס וועט זיין גוט, איך האָב אַ וואונדערבאַרן פּלאַן.

פינף פּאָר נייגעריקע אויגן האָבן מיט איין מאָל זיך אָנגעשפּיצט אויף קאַרלאָסן מיט אַ שטום געבעט:

— נו, קום שוין אַרויס מיט לשון!

— נישט איצט, נישט היינט און נישט מאָרגן — האָט קאַרלאָס געענטפערט אויף דער שטומער פראַגע — זייט זיכער, חברים. עס איז אַ וואונדערבאַרער פּלאַן, ער וועט אַרבעטן אויסגעצייכנט. אָבער איך וועל אייך נישט אויסזאָגן פריער, ביז איר וועט נישט איבערקומען אייערע פּראָפעסיאָנעלע עקזאַמענס און האָבן אויף דער האַנט אייערע דיפּלאָמען.

וויפל מען האָט זיך צוגעזעצט צו קאַרלאָסן, טאָג־איין טאָג־אויס, אַז ער זאָל נישט ציען ביי דער נשמה, ער זאָל אַרויסקומען מיט קלאָרע דיבורים וועגן זיין פּלאַן. פון וועלכן ס'איז אָפּהענגיק די צוקונפט פון אַלע דריי יונגע דאָקטוירים, האָט ער מיט עקשנות זיך געהאַלטן ביי זיינס, אַז נאָר נאָך די עקזאַמענס וועט ער אַרויסלייגן זיין פּלאַן און באַלד טאַקע צוטרעטן אים צו רעאַליזירן.

דריי חדשים צייט האָט גענומען פון ווען גיערמאָ, אַראָן און פּעפּע זענען צוריקגעקומען פון פּראָווינץ ביז זיי זענען בשלום אַריבער די גאַנצע, גאָרנישט לייכטע, פּראָצעדור פון צושטעלן די טעזיסן, אָפּגעבן די פּראָפעסיאָנעלע עקזאַמענס, דאָס אַרויסבאַקומען די אָפיציעלע דאָקטאָראַט־דיפּלאָמען און געזעצלעך־אָפיציעל אָנערקענט ווערן אַלס פולשטענדיקע דאָקטוירים־מעדיקער.

אין ענגן פאַמיליע־קרייז, ביי די טאַטעס אין הויז, מיטן אָנטייל פון בלויז נאָך עטלעכע איינגעלאַדענע געסט, איז אָן גרויסן טומל געפייערט געוואָרן דער לעצטער אַקט פון די דריי נייע — פריש פון דער נאָדל אַרויס — יונגע דאָקטוירים.

אויפצומאַרגנס נאָך דער דאָזיקער פּייערונג האָט קאַרלאָס טאָ־קער געהאַט אַן ערנסטן שמועס מיט זיינע דריי חברים־דאָקטוירים און זיי פאַרגעלייגט אַריינצוגיין מיט זיי אין געשעפטלעכער שותפות.

דער פּלאַן איז געווען אַזוי:

ער, קאַרלאָס טאָקער, שטעלט אויף אַ מאָדערנעם קליניק און אַ גוט איינגעאָרדנטן מאַטערנידאַד (שפּיטאָל פאַר קימפּעטאָרינס). אַלע קאָסטן פון די אַלע איינריכטונגען דעקט ער, קאַרלאָס טאָקער. אָנ־פירן מיטן קליניק און מאַטערנידאַד זאָלן, פאַרשטענדלעך, די דריי דאָקטוירים, דערפאַר דאַרפן זיי קריגן זייערע געהעריקע געהאַלטן. די געשעפט־פאַרדינסטן, נאָך אַלע אויסגאַבן, זאָלן געטיילט ווערן אויף גלייכע פיר חלקים. די אַריינגעלייגטע סומע ווערט געגעבן ווי אַ הלוואה. נאָך פינף יאָר דאַרפן די דריי דאָקטוירים אָנהייבן צו צאָלן פינף און זיבעציק פּראָצענט, זייער חלק, פון דער אינוועסטיר־טער סומע.

עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד איז דער פּלאַן דיסקוטירט געוואָרן, ביז ענדלעך דער קאָנטראַקט איז אונטערגעשריבן געוואָרן און דאָס געשעפט איז געמאַכט געוואָרן: איינצוריכטן אַ קליניק און אַ מאַ־טערנידאַר אונטערן נאָמען „דריי דאָקטוירים און נאָך איינער".

אין צען וואָכן אַרום נאָכן אונטערשרייבן דעם שותפות־קאָנ־טראַקט, איז דער קליניק און מאַטערנידאַד באַנייט געוואָרן מיט צוויי שמחות:

אַליסיאַ און פּעפּע האָבן חתונה געהאַט און סעציליאַ טאָקער האָט געבוירן דאָס ערשטע קינד — אַ מיידל. זי איז געווען די ערשטע פּאַציענטקע אין דעם נייעם מאַטערנידאַד.

⁂

יאָרן און יאָרן זענען שוין פון דאַמאָלסט אָן אַריבער. ריזיקע שטורעמס האָבן, פון יענער צייט אָן, דורך דער וועלט זיך דורכגע־שלייכט. געביטן האָבן זיך שוין, פון דאַמאָלסט אָן, די פּנימער פון

גאנצע פעלקער און לענדער. און נאָך אלץ עקזיסטירט אין מעקסיקע דער גוט באקאנטער קליניק און מאטערנידאר אונטערן נאָמען „דריי דאָקטוירים און נאָך איינער".

און די אלע פיר שותפים, מיט זייערע פאמיליעס, האלטן זיך נאָך אלץ צוזאמען אין אינטימער פריינדשאפט און אין טרייער חברשאפט.

מענטשן וואָס מישן זיך נישט

1 — לאַלאַ

אַ הויכע איז זי, לאָלאַ, אַ שלאַנקע, מיט אַ לענגלעך, פול, ליכ־טיק־ווייס פנים; פעך־שוואַרצע האָר, געקרייזלטע, קורץ געשוירן; אויגן — גרויסע, ברענענדיק־שוואַרצע; אַ געטאָקט פּאַרדיסן געזל און אַ קליין מײַלעכל, באַזוימט מיט דינע ליפּעלעך.

לאָלאַ איז שוין צוויי און דרייסיק יאָר אַלט, אָבער לויטן אויס־זען איז זי נאָך גאַנץ ווייט פון דאָזיקן עלטער.

אַז מ׳קומט אויף לאָלאַן מוז מען באַוווּנדערן די רײַכע מתנות מיט וועלכע גאָט האָט איר מיט אַ ברייטער האַנט באַשאָנקען. אַפילו מיט אַלמנהשאַפט (אַ באַזונדערע מתנה פאַר אַ יונג שיין ווײַבל) האָט איר גאָט באַקרוינט. נאָר איין זאַך האָט דער רבונו של עולם פאַרגעסן אויף לאָלאַן אַרויפצולייגן — כאָטש איין טראָפּן חן. איז טאַקע אַזוי אַלצדינג געבליבן הענגען אויף איר, אָן חן און אָן טעם, נעבעך.

און דאָך... פונדעסטוועגן... ציט לאָלאַ אויף זיך געננג גיריקע און תאוותדיקע בליקן פון יעדן מאַנסביל, וואָס טרעפט זיך מיט איר אָן.

און לאָלאַ — הלמאי זאָל מען עס לייקענען — זי האָט פון דעם שטאַרקע הנאה. זי קוועלט און וואַקסט ווען זי פילט זיך דורכ־גענומען פון צעהיצטע און הונגעריקע מענער־אויגן. עס צעצינדן זיך דאַמאָלסט אין איר די בלוטן. עס צעשטראַלן זיך אין איר די אויגן.

אירע הויכע ברוסטן צאַפּלען אויף, איר פּנים צעפּלאַמט זיך, די ליפּן באַלעקן זיך אַזוי מחיהדיק, די נאָז־לעכער צעשפּרייטן זיך און אָטעמען אַזוי געמיטלעך־נחתדיק, די לופט אַרום ווערט איר אַזוי רחבותדיק און אַ פרייד צעגיסט זיך איר איבער אַלע גלידער.

און לאָלאַ — דאַרפט איר וויסן — איז נישט עפּעס אַזוי זיך סתם אַ ווייבעלע, לאָלאַ איז אַן אָנגעזעענע געזעלשאַפטלעכע טוער־רין; לאָלאַ איז אַקטיוו־טעטיק אין אַ סך געזעלשאַפטלעכע אינסטי־טוציעס. מיט לאָלאַן רעכנט מען זיך זייער שטאַרק אין געזעלשאַפט.

אָבער ווען מ׳פרעגט ביי איר אַמאָל אַ מיינונג וועגן געוויסע געזעלשאַפטלעכע שטרייט־פראַגן, ענטפערט זי מיט אַזאַ מין צע־צוויגענעם, צעקראַכענעם און האַלב־פאַרשלאָפענעם טאָן:

— איך ווייס נישט, איך מיש זיך נישט.

אַזוי איז איר שטענדיקער ענטפער.

לציים דערציילן אפילו, אַז אַמאָל האָט זיך צו איר געשדכנט אַ יונגערמאַן, האָט ער איר געפרעגט, צי זי וואָלט וועלן מיט אים חתונה האָבן, האָט זי געענטפערט, ווי איר שטייגער, אַזוי צעקראָכן און האַלב־פאַרשלאָפן:

— איך ווייס נישט, איך מיש זיך נישט.

זאָגט מען — האָט זיך דער יונגערמאַן אַליין געמישט... אָבער זי נישט. און דעריבער איז זי נאָך אַלץ געבליבן אַן אַלמנה.

2 — דאָן סערכיאָ

דאָס איז אַ קליין זשוואַווע יידעלע, וואָס קען נישט איינשטיין אויף איין אָרט. עס האַלט נאָר אין איין אַרומשפּרינגען און אַרומ־לויפן. און אַז דאָן סערכיאָ לויפט שיקט ער פאָרויס די שפּיציקע אויגן זיינע, דערנאָך — דעם קאָפּ און ערשט פון הינטן קריכט נאָך דער גאַנ־צער קערפּער. ווו נאָר צוויי איז דאָן סערכיאָ דער דריטער און ווו ער־געץ אַ גרופּע שטייט און רעדט, וואַקסט דאָרטן אויס דאָן סערכיאָ אין מיטן, מיט די שפּיציקע אויגן זיינע אין פראָנט. עס דאַכט זיך, אַז די פונקציעס פון אַלע פינף חושים פילן אויס ביי אים בלויז די אויגן: ער הערט מיט די אויגן, ער דערשמעקט מיט די אויגן, ער דערטאַפּט מיט די אויגן, ער דערפילט מיט די אויגן און אפילו זען זעט ער

מיט די אויגן... טייל מאָל קענט איר מיינען, אַז דאָס גאַנצע מענ־טשעלע, וואָס הייסט דאָן סערכיאָ, איז פול מיט אויגן, ווו איר גיט זיך אַ דריי, ווו אַ ריר — שטויסט איר זיך אָן מיט דאָן סערכיאָס אויגן, און די אויגן זענען אַזעלכע שפּיציקע, אַזעלכע שניידענדיקע, אַז זיי שטעכן אייך דורך, פון די לידקעס ביז הינטערן לייב־צודעקל און עס כאַפּט אייך אָן אַן עקלדיקע נודנעדיקע נישטגוטקייט, ווען איר פילט אויף זיך דאָן סערכיאָס שפּיציקע אויגן.

און רעדן רעדט דאָן סערכיאָ פאַר פייער און פאַר וואַסער, איבער אַלץ אין דער וועלט. און ווו נאָר מענטשן רעדן מוז דאָן סערכיאָ אויך אַריינרעדן אינמיטן אַריין, און עס רעדן ביי אים, צוגלייך מיטן מויל — אויך די אויגן מיט די הענט.

האָט איר אפשר אַמאָל געהערט ווי קאָנטינפּלאַס רעדט, אַזוי רעדט דאָן סערכיאָ, ער רעדט און רעדט און רעדט און איין וואָרט קלעפּט זיך נישט צום צווייטן, עס איז אוממעגלעך אים צו פאַר־שטיין, וואָס ער מיינט צו זאָגן.

אַזוי רעדט ער אין פּריוואַטע געשפּרעכן און אַזוי רעדט ער אויך אויף פאַרזאַמלונגען.

וואָרן ווייסן דאַרפט איר, אַז דאָן סערכיאָ איז נישטאָ אַבי ווער, ער איז אַ „טשליען" איז ער אין אַ סך יידישע געזעלשאַפטן און אינסטיטוציעס. און טיילמאָל — אויך אַ פּרעזידענט אָדער וויצע פּרעזידענט.

און אַז מ'פרעגט אים ענדלעך אויף אַ פאַרזאַמלונג:

— אַבער, דאָן סערכיאָ, וואָס מיינט איר מיט אייערע ווערטער צו זאָגן? צי זענט איר פאַר דעם געמאַכטן פאָרשלאַג, אָדער קעגן?

איז פון זיין גאַנצן אָנגערעדטן ענטפער קען מען בלויז אַרויס־כאַפּן עטלעכע ווערטער וואָס מ'קען פאַרשטיין:

— איך ווייס נישט, איך מיש זיך נישט!

3 — יאָסל מאָטיוו

יאָסל איז אַ ייד אַ גביר: אַ הויכער, אַ ברייט־פּלייציקער, מיט אַ ברייט געזונט און גוטמוטיק געזיכט און מיט ברייטע, אויסגעאַר־בעטע, מוסקולירטע הענט. אַז יאָסל גייט טרייסלט זיך דער טראָ־

טואר אונטער זיינע פיס. אין מעקסיקע שאצט מען, אז יאָסל איז אַ מיליאָנער, צי איז ער איבערגעשאצט אָדער אונטערגעשאצט, אָבער אַ רייכער ייד איז ער אָלנפאַלס. ער שטייט מיט אַ גרויס געשעפט אויף איינער פון די פּרינציפּאַלסטע גאַסן אין מעקסיקע־שטאָט.

אמאָל, מיט בערך אַ צוואַנציק יאָר צוריק, ווען יאָסל איז אָנגעקומען קיין מעקסיקע, האָט ער געהערט צו די לינקע קרייזן. ער איז געקומען אַלס סאָציאַליסט נאָך פון דער אַלטער היים, און אַ ווערטל האָט יאָסל געהאַט: „אַלץ האָט אַ מאָטיוו, אַ פּאָרוואָס". „נישטאָ אין לעבן — האָט יאָסל געטענהט — קיין צופעליקייטן. אַלץ האָט אַ געוויסע אורזאַך, אַ מאָטיוו". האָט מען יאָסלען דאַמאָלסט אַזוי אַ נאָמען געגעבן „יאָסל מאָטיוו". אַנדערע האָבן שוין געמיינט אַפילו, אַז יאָסלס פאַמיליע נאָמען איז טאַקע אין דער אמתן „מאָטיוו".

אין די ערשטע יאָרן האָט יאָסל זיך אַרומגעשלעפּט איבער די מערק מיט שטאַלוואַרג. און ווייל ער איז — אַזוי זאָגט ער אַליין אויף זיך — אַן איינגעהאַלטענער אויף דער פּעזע, נישט קיין אויסברענגער, איז אים געלונגען אָפּצושפּאָרן אַ געוויסן קאַפּיטאַל און אוועקצושטעלן זיך מיט אַ געשעפט ערגעץ אין אַ וויטער פּראָווינץ־שטאָט. שוין אַ לאַנגע צייט ווי יאָסל מאָטיוו איז איינגעאָרדנט אין שטאָט מעקסיקע.

היינט געהערט נישט יאָסל צו קיין שום אָרגאַניזאַציע אָדער געזעלשאַפט. ער מישט זיך נישט — זאָגט ער — אין די אַלע מעשות. אַז מען קומט צו יאָסלען נאָך עפּעס אַ ביישטייערונג פאַר אַ געוויסן יידישן צוועק, טענהט ער איין מיט די זאַמלער:

— איך בין נישט פון די מענטשן וואָס גיבן נישט, ווייל זיי ווילן נישט געבן. איך, אַז כ'גיב נישט, איז ווייל כ'האָב דערביי אַ מאָטיוו און דער מאָטיוו איז, ווייל איך מיש זיך נישט אין די אַלע מעשות.

אמאָל זענען יאָסלס אַמאָליקע חברים געקומען צו אים נאָך אַ ביישטייערונג און מיט אים איינגעטענהט, אַפּעלירט צו זיין סאָציאַליסטישן באַוווסטזיין:

— ס'טייטש, יאָסל, דו ווייסט דאָך יאָ ווי נויטיק עס איז צו

ראַטעוועט די אומגליקלעכע, לעבן־געבליבענע ברידער אונדזערע אין אייראָפּע.

אָבער יאָסל וועט נישט אַראָפּ פון זיין מאָטיוו:

— איר זאָגט אַז עס קומט יאָ אָן קיין אייראָפּע די אַלע גע־זאַמלטע געלטער, אַנדערע אָבער זאָגן, אַז עס דערגרייכט נישט אַהין. איך בין אַ פּאַרנומענער מענטש, כ'האָב נישט קיין צייט צו אָריענ־טירן זיך אין אמת, דעריבער גיב איך נישט, ווייל איך וויל זיך נישט מישן אין די אַלע מעשות.

אַמאָל איז מען צו יאָסל מאָטיווּ געקומען נאָך אַ באַשטייערונג אויף אַן ארץ ישראל אַקציע. יאָסל האָט זייער פריינדלעך און העפ־לעך אויפגענומען די זאַמלער און ער האָט זיי געגעבן צו פאַרשטיין זיין מאָטיוו:

— איר זאָגט, אַז עס וועט זיין גוט פאַר יידן ווען זיי וועלן האָבן אַן אייגענע מלוכה אין ארץ ישראל. אַנדערע אָבער זאָגן, אַז עס וועט נישט טויגן פאַר יידן. וויל איך זיך נישט מישן אין די אַלע מעשות און דעריבער גיב איך נישט.

דאָס זעלביקע איז, אַז מ'קומט צו יאָסלען פאַר היגע לאָקאַלע אינסטיטוציעס, איז קומט יאָסל באַלד אַרויס מיט זיין מאָטיוו:

— איר זאָגט, אַז אייער אינסטיטוציע איז נוצלעך, אַנדערע אָבער זאָגן, אַז נישט. איך קען זיך נישט אָריענטירן. איך מיש זיך נישט אין די אַלע מעשות און דעריבער גיב איך נישט.

די לעצטע שורה איז, יאָסלען קאָסט נישט קיין סענט אַ יאָר פאַר וועלכן ס'איז געזעלשאַפטלעכן צוועק. און מיינט נישט חלילה, אַז דאָס איז ווייל יאָסל איז אַ שלעכטער מענטש, אָדער ווייל ער איז אַ קאַרגער, גאָט באַהיט! דאָס איז גאָר צוליב דעם, ווייל יאָסל האָט זיך דערביי זיין מאָטיוו: — ער מישט זיך נישט אין די אַלע מעשות.

בערקעס מעשהס

בערקע איז געבליבן אן אלטער בחור. די עטלעכע פאריתומטע האר, וואס האבן זיך נאך אויפגעהאלטן אויף זיין קאפ, זענען שוין לאנג גרוי געווארן, אבער ער איז געבליבן אויסגעהאלטן. ווען ער איז נאך יונג געווען האט ער פעסטגעשטעלט, אז קיין גוט פאמיליע־לעבן עקזיסטירט גארנישט אויף דער וועלט, סיידן נאר אין די מעשה־ביכלעך. האט ער דעריבער ביי זיך אפגעמאכט קיינמאל נישט חתונה צו האבן. ער האט אלע יארן פעסט זיך געהאלטן ביי זיין באשלוס, און — ווי ער זאגט — האט ער אויף דעם קיין חרטה נישט.

פון זיינע פריסטע קינדער־יארן, פון ווען אן ער געדענקט זיך — דערציילט בערקע — האבן טאטע־מאמע זיינע געפירט א פאר־ביטערט און אומגליקלעך פאמיליע־לעבן. געוואלטן, קריגערייען און באנאנדערדיקע זידלערייען האבן שטענדיק פארהילעכט די שטוב. יעדעס ווינקעלע פון די עלטערנס הויז איז אנגעפיקט געווען מיט די ווילדסטע קללות, וואס האבן זיך געהאלטן אין איין שיטן פון טאטע־מאמעס מיילער און האבן פארפלייצט די שטוב מיט שוידער, שנאה, האס און פארביטערונג.

אויב אזא גיהנומדיק לעבן הייסט פאמיליע־גליק — האט בער־קע באטראכט — איז שוין בעסער פון אזא „פאמיליע־גליק" נישט צו וויסן און ס'איז ליבערשט צו בלייבן א בחור אויפן גאנצן לעבן.

אזוי האט בערקע באשטימט דאמאלסט נאך, ווען ער איז א יונגער בחור געווען און ער האט זיינס אויסגעפירט.

בערקע איז א רייכער מענטש, ער פירט גרויסע מסחרים און

ער האָט אַ נאָמען פאַר אַ וואָרטס מאַן. אַז בערקע זאָגט אַ וואָרט — ווייסט מען אין דער סוחרישער וועלט — קען מען אויף דעם שטעלן, אויף גאַנצע הונדערט פּראָצענט. בערקע האָט נאָך זיין וואָרט נישט משנה געווען, אַפילו ווען ער זאָל דאַרפן פאַרלירן זיין גאַנץ פאַרמעגן.

דאָס איז אַלץ געזאָגט געוואָרן בלויז אין די ראַמען פון מסחר און בכלל — אין אַלע זיינע געשעפטס באַציונגען און געשעפטס פאַר־בינדונגען מיט מענטשן.

גייט אָבער בערקע אַרויס פון די מסחר־ראַמען, ווען ער איז באַפרייט פון דעם ענגן געשעפטס קרייז, דאַמאָלסט צעפליגלען זיך זיינע פאַנטאַזיעס אין רחבותדיקע האָריזאָנטן און ער קען אָנבאַקן אַ וועלט מיט שטוינענדיקע מעשהס און כאַסדעס, וואָס נישט גע־שטויגן און נישט געפלויגן. און אַלצדינג האָט ער „אַליין געזען" און „אַליין געווען דערביי"...

און בערקע זאָגט נישט קיין ליגנט... — חלילה! נייערט — ער אַליין ווערט מיטגעריסן און איינגעגלויבט אין זיינע אייגענע אויס־געחלומטע פאַנטאַזיעס אַזוי, אַז זיי ווערן פאַרוואַנדלט, אין זיין פאָרשטעלונג, אין רעאַלע ווירקלעכקייטן. און ער אַליין הייבט אָן צו גלויבן, מיט דער פולער זיכערקייט, אַז ער האָט טאַקע, אַלצדינג וואָס ער דערציילט, אַליין געזען און אַליין געווען דערביי.

כאָטש אַלע באַקאַנטע זיינע ווייסן פון פאָרויס, אַז אין אַלצ־דינג וואָס בערקע דערציילט איז קיין איין וואָר וואָרט נישטאָ, פונ־דעסטוועגן האָט מען ליב אים אויסצוהערן און מיט געשפּאַנטער אויפמערקזאַמקייט שפּיצט מען אָן מויל און אויערן, ווען בערקע נעמט דערציילן זיינע מעשהס.

אָט זענען עטלעכע פון בערקעס מעשהס:

1 — דעם גענעראַלס קאַץ.

מיט אַ צייט צוריק — דערציילט בערקע — איז ער געווען אין איינעם פון די לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער. דאָרטן האָט ער זיך באַקענט מיט איינעם אַ גענעראַל, וואָס שפּילט אַ גרויסע ראָל אין דער פּאָליטיק פון זיין לאַנד. דער גענעראַל האָט אים פאַרבעטן צו זיך אין הויז, ווו ער האָט אים, בערקען, אויפגענומען מיט גרויס

כבוד. צווישן אַנדערע וווּנדערבאַרע אַנטיקן פון זיין פאַרמעג, וואָס דער גענעראַל האָט געוויזן בערקען, האָט ער פאַר אים אויך פאָרגע־שטעלט זיין ליבסטן און טרייסטן פריינד, זיין קאַץ.

אַזאַ קאַץ — דערציילט בערקע — האָט ער נאָך אין זיין לעבן נישט געזען. איין האַלבע קאַץ איז געווען שוואַרץ און די צווייטע האַלבע קאַץ איז געווען ווייס, די צוויי קאָלירן פון דער קאַץ זענען איינגעטיילט געווען פונקט אַקוראַט אויף דער העלפט: ביז אַ האַל־בער נאָז, אַ האַלבן מויל און איין אויג. אַז מען האָט געקוקט אויף דער קאַץ פון איין זייט האָט מען פאַר זיך געזען אַ ווייסע קאַץ און אַז מען האָט געקוקט אויף איר פון דער צווייטער זייט האָט מען פאַר זיך געזען אַ שוואַרצע קאַץ.

און דאָס איז נישט געווען סתם אַזוי זיך אַ קאַץ, ווי אַלע קעץ — דערציילט בערקע — נייערט עפּעס אַן אויסערגעוויינלעכע און אויסטערלישע קאַץ איז דאָס געווען. דער גענעראַל האָט געוויזן בערקען ווי קלוג, פאַרשטאַנדיק און אינטעליגענט זיין קאַץ איז. ער, דער גענעראַל, האָט גערעדט מיט איר ווי מ'רעדט מיט אַ מענטש און זי האָט פאַרשטאַנען יעדעס וואָרט. וואָס מ'האָט איר געהייסן ברענגען האָט זי געבראַכט און אַז דער גענעראַל האָט איר עפּעס געפרעגט האָט זי געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף „יאָ", אָדער אויף „ניין".

און דער גענעראַל — דערציילט בערקע — האָט זיך שטאַרק גערעכנט מיט דער קאַצס מיינונג, אַזוי, אַז שטענדיק ווען ער איז געשטאַנען פאַר אַ שווערער מיליטערישער פּראָבלעם, אָדער פאַר אַ פּאָליטישער פּראָבלעם און ער האָט נישט געקענט באַשטימען אויף יאָ, אָדער אויף ניין, פלעגט ער פרעגן ביי זיין קאַץ און ווי אַזוי די קאַץ האָט גשאָקלט מיטן קאָפּ אַזוי האָט ער געטאָן. און שטענדיק, האָט דער גענעראַל געזאָגט בערקען, האָט זיך דערנאָך אַרויסגעוויזן, אַז די קאַץ איז געווען גערעכט.

אַזוי — זאָל דער גענעראַל האָבן דערציילט בערקען — איינ־מאָל ווען דער טערמין פון פּרעזידענט פון לאַנד איז געווען געענ־דיקט און מען האָט באַדאַרפט אַרויפזעצן אַ נייעם פּרעזידענט פאַרן לאַנד, אויף אַ נייעם טערמין, האָט דער גענעראַל זיך באַטראַכט, אַז עס איז נישט פּראַקטיש און נישט לאָגיש צו מאַכן דעמאָקראַטישע

וואַלן. וואָרן ווער אייגנטלעך גייט דען צו די וואַלן, דאָס פּראָסטע פאָלק, די אַלע באָרוועסע, שלעפּערס, לאַבאַדרעס, פּויערים, אַרבעטער. איז וואָס קען זיי דען וויסן פון אַזעלכע זאַכן, ווער עס טויג יאָ פאַר אַ פּרעזידענט און ווער נישט. וואָס פאַרשטייט דען, אָט דער אומוויסנדיקער פעבל, פון פּאָליטיק. איז דעם גענעראַל איינגעפאַלן אַ גאָניאַלער געדאַנק, ווי אַזוי אַוועקצוזעצן אַ נייעם פּרעזידענט פאַרן לאַנד.

ער, דער גענעראַל, האָט צו זיך פאַרבעטן אַלע די פּערזאָנען וואָס האָבן קאַנדידאַטירט אויפן אַמט פון פּרעזידענט; ווען אַלע זענען שוין געווען פאַרזאַמלט האָט דער גענעראַל אַריינגערופן זיין קלוגע שוואַרץ־ווייסע קאַץ און ער האָט איר געפרעגט, ווער פון די אַלע אָנוועזנדיקע ליִט דאַרף זיין דער קומענדיקער פּרעזידענט פון לאַנד. צו דער פּערזאָן, וואָס די קאַץ וועט אָנערקענען אַלס ראוי פאַרן פּרעזידענט־אַמט, זאָל זי צוגיין צום ערשטן.

די אינטעליגענטע שוואַרץ־ווייסע קאַץ, ווי זי האָט אויסגעהערט דעם באַפעל פון איר באַלעבאָס האָט לאַנג נישט געטראַכט און זי איז צוגעגאַנגען צום סאָלדאַט, וואָס איז געשטאַנען אויף דער וואַך ביי דער טיר.

און אָט דער סאָלדאַט איז געוואָרן פּרעזידענט.

דער גענעראַל — דערציילט בערקע — האָט אים באַוויזן דערמיט, ווי קלוג, באַוווסטזיניק און לאָגיש זיין קאַץ האָט געהאַנדלט. וואָרן עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער דאָזיקער פּראָסטער סאָלדאַט איז זייער גוט צוגעפּאַסט פאַר זיין אַמט און ער איז אַן אויסגעצייכנטער פּרעזידענט. ער איז אַ ווילער יאַט, אַ בוען מאָסאָ. ער טוט אַלצדינג וואָס דער גענעראַל הייסט אים.

2 — דער בלינדער וואָס זעט.

דערציילט בערקע, אַז איינמאָל איז ער געפאָרן אין זיין אויטאָמאָביל פון מעקסיקע קיין מאָנטעריי. אינמיטן וועג, ס'איז געווען שוין פאַרנאַכט צו, האָט אים אָפּגעשטעלט אַן עלטערע פרוי און געבעטן, אַז ער זאָל זי מיטנעמען אַ שטיקל וועג ביז צום נאָענטן דאָרף, וווּ זי וווינט.

פאָרנדיק אזוי מיט דער פרוי האָט זי אים געראָטן, אז ער זאָל נישט פאַרזעצן זיין וועג ביינאַכט, וואָרן עס וועט באַלד אראָפּ א שטאַרקער רעגן און זי האָט אים פאַרגעלייגט, אז אויב ער וויל, קען ער בלייבן ביי איר אין הויז אויף איבערנעכטיקן און מאָרגן גאַנץ פרי וועט ער קענען פאָרן ווייטער.

די פרוי האָט אויך דערציילט בערקען, אז ביי איר וווינט, שוין א סך יאָרן, אַן אַלטער מאַן, וואָס איז שוין מער פון הונדערט יאָר אַלט. ער איז איר מאַנס פאָטער. דער אַלטער איז אינגאַנצן בלינד. ער איז געווען אמאָל א סאָלדאַט און ער האָט זיך געשלאָגן קעגן די פראַנצויזן אין שטאָט פועבלאַ, אין יאָר 1862, אונטער דער פירונג פון גענעראַל איגנאַסיאָ זאַראַגאַזאַ. דאָרטן, אין דער שלאַכט, איז ער געראַנירט געוואָרן און ער האָט פאַרלוירן ביידע אויגן. פון דאַמאָלסט אָן וווינט ער צוזאַמען מיט זיין זון. אָבער, האָט די פרוי דערציילט, ווי בלינד דער אַלטער איז, פונדעסטוועגן זעט ער אַלצדינג, בעסער ווי אנדערע זעעוודיקע. און נישט נאָר זעט ער זאַכן וואָס געפינען זיך פאַר די אויגן, אזוי ווי מיר זעען. נייערט — ער זעט אפילו זאַכן און פּאַסירונגען, וואָס געפינען זיך מיילן ווייט פון אונז. נאָכמער — דער אַלטער זעט אפילו אַזעלכע זאַכן און פּאַסירונגען, וואָס זענען נאָכנישטאָ אויף דער וועלט, נאָר וואָס דאַרפן ערשט קומען שפּעטער. נישט אנדערש, האָט די אַלטע פרוי צוגעגעבן, אין דעם אַלטן איז פאַראַן א הייליקער גייסט פון גאָט.

דערציילט בערקע, אז די מורא פאַרן קומענדיקן רעגן און די נייגעריקייט צו באַקענען זיך מיט אָט דעם טשיקאַוון אַלטן, דעם בלינדן וואָס זעט, האָבן אויף אים געווירקט צו לאָזן זיך איבעררעדן, צו פאַרבלייבן אויף איבערנעכטיקן אין יענעם דאָרף, ביי דער אַלטער אין הויז.

באַלד ווי ער איז אַריבערגעטרעטן די שוועל פון דער אָרימער דאָרפישער כאַטע — דערציילט בערקע — האָט ער דערזען דעם איבער הונדערטיאָריקן אַלטן; אין א ווינקל, אונטער דעם אויל־לעמפּל און בילד פון דער הייליקער מאַמען, איז ער געזעסן אויף דער ערד, דער אַלטער, מיט די פיס פאַרלייגט אונטער זיך.

אויסגעזען האָט ער ווי א געלע סטאַטוע, געמאַכט פון וואַקס;

מיט אַ דאַר און לענגלעך טונקל־געל געזיכט, וואָס איז געוועזן בלויז פון הויט און ביין; מיט צוויי לעבער אָנשטאָט אויגן; איינגאַנצן אָן האָר אויפן קאָפּ און מיט אַ שיטער־ווייס בערדל, וואָס האָט זיך געשפּיציקט ביים עק פון דער גאָמבע. די דאָזיקע מענטש־סטאַטוע איז געזעסן לגמרי אומבאַוועגלעך, אָן דעם מינדסטן ריר פון אַן אבר, טאַקע ווי אַן אמתע וואַקסענע סטאַטוע.

אויף דעם „גוטן אָוונט", וואָס בערקע האָט געזאָגט ביים אַריינקומען, האָט דער אַלטער נישט געענטפערט און אפילו קיין באַוועג נישט געגעבן מיט די ליפּן. ערשט נאָכן צווייטן מאָל „גוטן אָוונט" וואָס בערקע האָט אויסגעשריגן שוין אויפן הויכן קול, האָט די אומבאַוועגלעכע געלע סטאַטוע געעפנט אַן אָנצייניק מויל און מיט אַ שטילער פאַרדומפּענער שטימע, ווי זי זאָל קומען פון אַ קעלער אַרויס, האָט זי אַרויסגעלאָזט אַן ענטפער:

— גוטן אָוונט דיר, אַנגעלייגטער גאַסט; זיי געבענטשט, וואָס דו האָסט באַוויליקט זיך צו שיצן אונטער די בעלקעס פון אונזער הויז. און אַ דאַנק דיר, אָרענטלעכער מענטש, וואָס דו האָסט געטאָן גרויס חסד צו מיין שנור און דו האָסט זי אָפּגעפירט אהיים מיט דיין קאָטש. גאָט זאָל דיר באַצאָלן דערפאַר. זעץ זיך נעבן מיר וועל איך מיט דיר רעדן.

און בערקע דערציילט, אַז צווישן אים מיטן אַלטן האָט זיך אַנטוויקלט דער פאָלגנדיקער שמועס.

דער אַלטער האָט אָנגעהויבן:

— דו ביסט אַ ייד, אַ יאָ, אמת?

— יאָ, איך בין אַ ייד. אָבער פון וואַנען ווייסטו דאָס?

— ווייל איך זע דאָס אין דיין פּנים, אין דיין האַרץ און אין דיין נשמה.

— ווי אַזוי קענסטו דאָס זען, דו האָסט דאָך נישט קיין אויגן?!

— נאַרישער מענטש. צי מיינסטו טאַקע, אַז די אויגן האָבן אין זיך די אמתע זע־קראַפט. עס איז נישט ריכטיק. וואָרן אפילו מיט דער שטאַרקסטער ראיה קענען דאָך די אויגן נישט זען וווייטער, ווי נאָר ביז וואַנען זייער זע־קראַפט דערגרייכט, מער נישט. און אפילו דאָס וואָס די אויגן זעען יאָ, ווייסן זיי, גאַנץ אָפט, נישט

וואָס זיי זעען. מערסטע מאָל זענען די זעעוודיקע אויגן מער בלינד איידער די בלינדע. אָט האָסטו, מענטש, נישט געוואָלט חתונה האָבן, ווייל דיינע אויגן זענען בלינד און זיי האָבן נישט געזען דאָס גליק פון פאַמיליע־לעבן, וואָס דיר איז פאַרגעשטאַנען. אנדערע ווידער האָבן יאָ חתונה געהאַט, ווייל זייערע זעעוודיקע אויגן זענען געווען בלינד און זיי האָבן נישט געזען דעם אומגליק פון זייער פאַמיליע־לעבן. אָבער ווען איינער זעט מיטן מוח קען ער זען קלאָר און דייטלעך פאַר וועלטן וויט. פאַר אַזאַ ראיה זענען גאָר קיין גרענעצן נישטאָ און אַזאַ ראיה קען דערגרייכן, נישט נאָר צו דעם וואָס עקזיסטירט שוין, נייערט אפילו צו יענע זאַכן און פּאַסירונגען וואָס דאַרפן ערשט אָנקומען.

— אויב אַזוי, זאָג זשע מיר, אַלטער, וואָס זעסטו פון דעם וואָס עס וועט פאַרקומען?

— פרעג מיר קאָנקרעט, וואָס דו ווילסט וויסן, וועל איך דיר זאָגן.

—— זאָג מיר, אַלטער, וועלכע כוחות וועלן הערשן איבער דער וועלט?

— איבער דער גאַנצער וועלט וועלן הערשן רויע, נידעריקע און ברוטאַלע כוחות. קיין שום גייסטיקער און הומאַניטאַרער כוח וועט די מינדסטע מאַכט נישט האָבן אין דער וועלט. אַזוי וועט עס זיין ביי אַלע פעלקער. אפילו ביי דיין אייגן יידיש פאָלק וועט עס אַזוי זיין. אפילו אין דיין אייגענעם קרייז, ווו דו לעבסט, וועט עס אַזוי זיין: וואָס געמיינער, וואָס ברוטאַלער, וואָס חיהשער דער כוח וועט זיין אַלץ העכער וועט ער זיך דערהייבן צו מאַכט און פירערשאַפט. אַלע גייסטיקע און הומאַניטאַרע כוחות וועלן אומעטום צעטרעטן ווערן מיט די פיס, באַשפּיגן און אויסגעלאַכט ווערן.

— איצט זאָג זשע מיר, אַלטער, — האָט בערקע אים געפרעגט — ווי אַזוי וועט זיין מיין אייגן צוקונפטיק לעבן?

דערציילט בערקע, אַז דער אַלטער האָט אים גענוי געזאָגט אַלץ, וואָס עס וועט מיט אים פּאַסירן אין זיין ווייטערדיקן גאַנג פון לעבן. אָבער וואָס דער אַלטער האָט אים געזאָגט, דאָס וויל בערקע קיינעם נישט אויסזאָגן.

3 — אין דער פאַרלאָזטער קירכע

דערציילט בערקע:

אויפן וועג קיין גואנאכואטאָ איז פאַראַן אַ טויטע שטאָט. ממש אַ טויטע שטאָט. קיין איין לעבעדיקע באַשעפעניש געפינט זיך שוין דאָרטן נישט. אַלע און אַלץ האָבן די שטאָט פאַרלאָזט און זענען פון דאָרטן אַוועק.

די געשיכטע פון דער דאָזיקער שטאָט איז אַזעלכע:

אַמאָל זענען אין יענער געגנט געווען גרויסע זילבער־מינעס. ווען די דאָזיקע זילבער־מינעס זענען עקספּלואַטירט געוואָרן זענען טויזנטער מענטשן דאָרטן באַשעפטיקט געווען. האָבן די מענטשן וואָס האָבן געאַרבעט אין די מינעס, אויסגעבויט הייזקעס אין יענער סביבה, פאַר זיך און זייערע פאַמיליעס; אַרום אַט די מינע־אַרבעטער מיט זייערע פאַמיליעס האָבן אָנגעהויבן זיך באַזעצן קרעמערס און סוחרים, שניידערס, שוסטערס און אַנדערע בעלמלאָכות. אַזוי אַרום האָט די דאָרטיקע באַפעלקערונג גענומען וואַקסן וואָס אַמאָל אַלץ מערער און מערער, און אַ שטאָט האָט זיך צעבליט מיט אַלע איינריכטונגען, וואָס אַ שטאָט פון טויזנטער איינוווינער דאַרף צו האָבן; גרויסע געמויערטע הייזער, מיט אויסגעפלאַסטערטע גאַסן, מיט אַ פּאַרק, מיט וואַסער־לייטונג. מיט קאַנאַליזאַציע, מיט עלעקטרישער באַלייכטונג, מיט אַ שעכט־הויז, מיט אַ באָד, מיט אַ מוניציפּאַלער רעגירונג, מיט געריכטן, מיט פּאָליציי און אַרעסט־הויז, מיט שולעס פאַר קינדער און — — — מיט אַ שיינער קירכע, וואָס זאָל באַדינען די באַפעלקערונג אויך מיט הימליש־גייסטיקע באַדערפענישן.

אַזוי איז בערך אין אַ קורצער צייט אויסגעוואַקסן דאָרטן אַ שטאָט מיט אַלע פּיטשעווקעס וואָס אַ שטאָט דאַרף צו האָבן.

צענדליקער יאָרן האָט די דאָזיקע לעבעדיקע שטאָט פונקציאָנירט. אַזוי לאַנג ביז די דאָרטיקע זילבער־מינעס האָבן ביסלעכווייז גענומען זיך אויסשעפּן. אַ סך אַרבעטער זענען, מיט יעדער וואָך, אָפּגעזאָגט געוואָרן פון דער אַרבעט און זיי זענען געווען געצוווּנ־

גען, זיי מיט זייערע פאַמיליעס, צו פאַרלאָזן די שטאָט און זיי זע־נען אוועק זוכן אַרבעט אין אַנדערע געגנטן.

פונקט מיטן זעלביקן אימפּעט, ווי יענע שטאָט האָט זיך אויפ־געבויט, אַזוי האָט זי איצט גענומען איינשרומפּן פון יאָר צו יאָר.

ביז — די דאָרטיקע זילבער־מינעס האָבן זיך אינגאַנצן צו־געמאַכט.

די איינוווינער פון יענער שטאָט זענען טאַקע געווען שטאַרק צוגעבונדן צו זייער שיינער שטאָט, וואָס זיי האָבן מיט די איי־גענע הענט געהאָלפן בויען. אָבער ווי זאָגט מען: „פּרנסה איז מל־חמה". פריער פון אַלץ זוכט יעדער איינער צו באַזאָרגן זיך מיט חיונה.

זענען די לעצטע פון די דאָרטיקע איינוווינער, די גרעסערע בעלי בטחון, אַ צייט לאַנג נאָך געבליבן זיצן און וואַרטן, מיט דער האָפענונג, אַז אפשר וועט פאָרט ווידער זיך באַנייען די אַרבעט אין די מינעס. אָבער ווען זיי האָבן שוין איינגעזען, אַז די מינדסטע האָפענונג איז אַ פּוסטע און אומזיסטע. דאַמאָלסט ערשט איז ביזן לעצטן נפש אויסגעליידיקט געוואָרן די שטאָט, פון מענטשן און פון יעדער לעבעדיקער באַשעפעניש.

דערציילט בערקע, אַז אַ לאַנגע צייט ווי אין אים האָט געברויזט אַ חשק צו זען אָט יענע טויטע שטאָט, וועגן וועלכער מען דערציילט אַזוי פיל פאַרשידענע מעשהס, לעגענדעס און אַבערגלויבישע פּאַ־סירונגען. אָבער — זאָגט בערקע — עס האָט זיך אים, אין דער גאַנ־צער צייט, נישט געמאַכט אַ געלעגנהייט צו זיין דאָרטן.

ביז איינמאָל איז אים אויסגעקומען, צוליב געשעפט, צו פאָרן אין גוואַנאַכואַטאָ, האָט ער שוין אויסגענוצט די געלעגנהייט, אויף וועלכער ער האָט אַזוי לאַנג געוואַרט. אויפן וועג האָט ער זיך אָפּ־געשטעלט אין דער טויטער שטאָט.

שעהן לאַנג האָט ער זיך אַרומגעדרייט איבער די פּוסטע און פאַרלאָזטע גאַסן, וואָס זענען באַדעקט געווען, גאַנץ הויך, מיט שטויב און שמוץ. די הייזער — טייל מיט ברעטער פאַרקלאַפּטע

טירן־פענצטער און טייל סתם אַזוי הפקרדיק־פאַרלאָזטע — האָבן אַלע אויסגעזען ווי טויטע מומיעס, איינגעהילטע אין טונקל־גרויע תכריכים.

דער מינדסטער סימן פון אַ לעבעדיקן וועזן איז נישט געווען צו באַמערקן איבער דער גאַנצער שטאָט.

בערקע האָט זיך פאַרגעשטעלט, אַז פאַר זיינע אויגן טויכט אויף עפּעס אַן אַלטע לעגענדע פון אור־אַלטן פאַרצייטנס, און ער האָט נישט געקענט גלייבן זיינע אייגענע אויגן, אַז ער געפינט זיך אין אַ רעאַלער טויטער ווירקלעכקייט פון די לעצטע יאָרן.

אַזוי גייענדיק איז בערקע אריין אין דער דאָרטיקער קירכע. ליידיק, פּוסט, פאַרלאָזט, פאַרשטויבט, פאַרגליווערט און טויט, פּונקט ווי דער דרויסן. בערקע קוקט זיך אַרום, באַטראַכט יעדע קליי־ניקייט, קוקט זיך איין/אין די געמאָלענע בילדער וואָס אויף די ווענט. און די שטילקייט איז אַזאַ געדיכטע, אַזאַ שאַרפע, אַזש זי פאַר־שטאָפּט און פאַרטויבט די אויערן.

פלוצלינג — ווי בערקע שטייט אַזוי פאַרטראַכט און קוקט אויף אַ וואַנט — באַווייזט זיך פאַר זיינע אויגן, ביי דער וואַנט, אַן אַלטער גלח, מיט אַ געריזנצלט פּנים, מיט גרויסע, ליכטיקע און קלוגע אויגן. און אָנגעטאָן איז ער אין די הייליקע קליידער, אַזוי ווי ביי די תפילות. און דער גלח רעדט גאָרנישט, נאָר קוקט אויף בערקען גלייך אין די אויגן אריין. אין ערשטן מאָמענט איז בערקע שרעקלעך פאַרצי־טערט געוואָרן און אַ פּחד איז אים באַפאַלן. באַלד אָבער איז ער געקומען צו זיך, געוואָרן דרייסטער און גענומען צוגיין נענטער צום אַלטן גלח, כדי מיט אים צו רעדן און ביי אים פרעגן וועגן איינצל־הייטן פון דער טויטער שטאָט. אָבער וואָס נענטער בערקע איז צו־געגאַנגען אַלץ מערער האָט דאָס געשטאַלט פון גלח זיך גענומען אויסרויכערן, צעלופטערן און פאַרשווינדן ווערן, ביז ס'איז פון גע־שטאַלט גאָרנישט געבליבן. האָט זיך בערקע אויסגעדרייט מיטן פּנים צו אַ צווייטער וואַנט — האָט זיך ביי יענער וואַנט אויך באַוויזן דאָס זעלביקע געשטאַלט פונם זעלביקן אַלטן גלח, וואָס האָט גע־קוקט אויף בערקען, שטומערהייט, מיט שאַרפע פאַררויסענע אויגן.

און ווי בערקע האָט זיך געוואָלט דערנענטערן איז דאָס געשטאַלט ווידער פאַרשוואונדן געוואָרן ווי אַ שאָטן. אַזוי עטלעכע מאָל, און יעדעס מאָל האָט דער אַלטער גלח געוויזן מיט אַ האַנט אויף איין ווינקל פון דער קירכע.

בערקע איז צוגעגאַנגען צו יענעם ווינקל, אויף וועלכן דאָס געשטאַלט פון גלח האָט אָנגעוויזן, אָבער ער האָט דאָרטן גאָרנישט געזען און גאָרנישט באַמערקט. מיטאַמאָל האָט ער עפּעס באַמערקט, אַז צווישן די אַלע שטיינער, מיט וועלכע די פּאָדלאָגע פון דער קירכע איז אויסגעפלאַסטערט געווען, איז דאָרטן אין ווינקל איין שטיין געווען אַ ביסל אונטערגעהויבן. בערקע האָט אויפגעהויבן דעם שטיין און ער האָט דערזען פאַר זיך אַ קליין, נישט קיין טיף, גריבל וווּ עס איז געלעגן אַ פאַרקאָרקעוועטע פלאַש. האָט ער אַרויסגענומען די פלאַש, זי אויפגעקאָרקעוועט, און אַרויסגעשלעפּט פון דאָרטן אַ פאַרמעטענע מגילה, ווו ס'איז געווען אויפגעשריבן אין דער לאַטיינישער שפּראַך אַזוי:

„איך, פּאַדרע ריקאַרדאָ אַנטאָניאָ דע לאַ וועגאַ אי וואַס־קעז, בין געוועזן אין פאַרשידענע שטעט אַכט און דרייסיק יאָר דער דינער פון קאַטוילישן פאָלק, אין נאָמען פון אונדזער האַר יעזוס קריסטוס און זייענע אַפּאָסטאָלן. איך פאַרלאָז איצט, דער לעצטער, די דאָזיקע שטאָט און אויף שטענדיק פאַרלאָז איך מיין דינסט אין דער הייליקער קירכע. ווען אַלע מענטשן פון שטאָט זענען אַוועק און האָבן מיך איבערגעלאָזט אַליין, האָב איך באַשלאָסן, אַז איך זאָל אונדזער קירכע נישט פאַרלאָזן. אַ יאָר צייט האָב איך געלעבט דאָ אין פולשטענדיקער איינזאַמקייט, כמעט בלויז אויף ברויט מיט וואַסער. ביז איינמאָל אין אַ נאַכט האָט זיך צו מיר באַוויזן, אין חלום, דער הייליקער באַרטאָלאָמע דע לאַס קאַסאַס און ער האָט צו מיר געזאָגט אַזוי: „פּאַדרע ריקאַרדאָ אַנטאָניאָ, גענוג שוין דיר צו מוטשען זיך אומזיסט און פאַר גאָרנישט. ווייל וויסן זאָלסט־

טו זיין, אַז די אַלע תורות וואָס די בישאָפן, פּאַדרעס און מיסיאָנערן פּרעדיקן אין נאָמען פון אונדזער האַר, יעזוס קריסטוס און זיינע אַפּאָסטאָלן, זענען אַלע ליגנערישע און פאַלשע תורות. זיי שטימען אַבסאָלוט נישט מיט דער אמתער לערע פון אונדזער האַר, יעזוס קריסטוס. גענוג שוין דיר, ריקאַרדאָ אַנטאָניאָ, צו גיין אין די דאָזיקע פאַלשע וועגן. ווילסטו וויסן דעם ריינעם אמת, פון לעבן און לעבנס עקזיסטענץ, באַמיז זיך און דרינג אַריין גוט אין עק. 1. 2. און אין עק. 9. 10. וועסטו וויסן ווי אַזוי אַרויסצוקריכן פון אַלע דיינע לעבנס טעותן און ביז איצטיקע קרומע וועגן דיינע, און וועסט וויסן ווי אַזוי איינצושטעלן דיין ווייטערדיקן לעבנס גאַנג". עטלעכע מאָל האָט זיך מיר איבערגעחזרט דער דאָזיקער חלום, איין נאַכט נאָך דער אַנדערער. דעמאָלסט האָב איך באַשלאָסן צו פאַרלאָזן די טויטע שטאָט. איך גיי אַוועק אין דער וועלט אַריין. איך פאַרלאָז אויף אייביק מיין מיסיע אַלס פּאַדרע פון דער קאַטוילישער קירכע. איך וועל זיך אויסמישן מיטן פּראָסטן פאָלק און איך וועל פאָלגן די אָנווייזונגען פון הייליקן באַרטאָלאָמע דע לאַס קאַסאַס".

דערציילט בערקע, אַז ער האָט די גאַנצע מגילה איבערגעשריבן אויף יידיש. דעם אָריגינאַל האָט ער צוריק אַוועקגעלייגט אויף זיין פּלאַץ, דעם שטיין האָט ער צוריק איינגעאָרדנט אויף זיין אָרט אַזוי ווי ס'איז געווען, און ער איז אַוועק פון יענער טויטער שטאָט.

קומענדיק אַהיים, דערציילט בערקע, האָט ער עטלעכע חדשים זיך געמאַטערט צו פאַרשטיין וואָס עס מיינען די צייכנס אין דער מגילה פונם גלח: „עק. 1. 2. און עק. 9. 10.” און אויף קיין פאַל האָט ער דאָס נישט געקענט פאַרשטיין. ביז ס'איז אים איינגעפאַלן אַ געדאַנק, צו פרעגן ביי אַ צווייטן גלח דעם באַדייט פון אָט די צייכנס.

און דער גלח האָט טאַקע בערקען באַלד דערקלערט, וואָס די צייכנס באַדייטן: דאָס מיינט, עקלעסיאַסטעס (אונדזער קוהלת)

קאַפּיטל 1 פּסוק 2. און עקלעסיאַסטעס קאַפּיטל 9. פּסוק 10.

זאָגט בערקע, אַז ער האָט באַלד נאָכגעזוכט אָט די צוויי פּסוקים אין קוהלת, צו זען וואָס דאָרטן שטייט.

שטייט אין צווייטן פּסוק פון ערשטן קאַפּיטל, אַז אַלצדינג איז נאַרישקייט מיט נאַרישקייט, גאָרנישט מיט גאָרנישט, אַז אַלצדינג איז ווערט אַן אויסגעבלאָזן איי. און אין צענטן פּסוק פון ניינטן קאַפּיטל שטייט אַזוי: „מענטש, וואָס דו קענסט, וואָס דו האָסט כוח און וואָס עס לאָזט זיך, דאָס טו, כאַפּ אַריין ווי לאַנג דו לעבסט! וואָרן נאָכן טויט איז אַלץ גאָרניט, ניט דו וועסט שוין קענען עפּעס טאָן און נישט מ׳וועט שוין דיר קענען עפּעס טאָן".

און בערקע לאָזט אויס זיין מעשה מיט אַן עקזאַלטירטן אויסגעשריי:

— אָט צו וואָס פּאַרא געדענקען עס האָט זיך דערדראַפּעט אַן אַלטער קאַטוילישער גלח פון דער טויטער שטאָט!

עפּעס אַ מאָדנע שפּראַך

די יונגע מאַמע האָט שוין אומגעדולדיק געוואַרט אויפן אויטאָבוס פון דער שולע, מיט וועלכן עס דאַרף אָנקומען איר פּיריאָריקער בכור. עס איז געווען דער ערשטער טאָג ווי מ׳האָט דעם בחור אוועקגעפירט אין יידישן קינדער־גאָרטן.

אין אַ מזלדיקער שעה, דער בחור איז אָנגעקומען בשלום.

די ערשטע פראַגע (אין שפּאַניש, פאַרשטענדלעך), מיט וועלכער די מאַמע האָט באַגעגנט און אַרומגעכאַפּט איר פיר־יאָריקן בכור, איז געווען:

— נו, לעאָנסיטאָ, ווי געפעלט דיר די שולע? ביסטו צופרידן?

און דער בחור, אַ צעפלאַמטער, האָט געענטפערט מיט באַגייסטערונג (אין שפּאַניש, נאַטירלעך):

— יאָ, עס איז אַלצדינג אַזוי שיין! מ׳שפּילט זיך אַזוי גוט! און די לערערקע איז אַזאַ שיינע, אויף אַן אמת, מאַמאַסיטאַ! אָבער פאַרוואָס רעדט זי צו די קינדער עפּעס אויף אַזאַ מאָדנער שפּראַך?

— אויף וואָס פאַראַ שפּראַך רעדט זי, די לערערקע?

— איך ווייס נישט ,איך פאַרשטיי נישט קיין איין וואָרט. אָבער פאַרוואָס רעדט זי נישט אַזוי ווי דו, און אַזוי ווי דער פּאַפּאַסיטאָ רעדט?

— ס׳טייטש, די באָבע דיינע רעדט דאָך אויך אויף דער זעלביקער שפּראַך!

— פאַרשטיי איך טאַקע אויך נישט, גאָרנישט, וואָס דו רעדסט

מיט דער באָבען. אָבער די באָבע איז דאָך אַן אַלטע און אַ מיאוסע, די לערערקע אָבער איז דאָך אַ יונגע און אַ שיינע, אַזוי ווי דו, מאַמאַסיטאַ, פאַרוואָס זשע רעדט זי נישט אַזוי ווי דו?

— שאַ, שוויַיג, דו קליינער נאַר וואָס דו ביסט! מ'טאָר נישט זאָגן אויף אַ באָבען, אַז זי איז אַ מיאוסע!

— און אַ ליגנט מעג מען דען יאָ זאָגן. דו אַליין האָסט דאָך מיר געזאָגט, אַז מ'טאָר נישט זאָגן קיין ליגנס.

— הער זיך איין, לעאָנסיטאַ, אויב דו וועסט נאָכאַמאָל אַזוי זאָגן וועגן דער באָבען וועל איך צו דיר מער נישט רעדן.

— אַז דו וועסט צו מיר נישט רעדן, וועל איך מער נישט גיין אין שולע.

— גוט, וועסטו זיצן אַ גאַנצן טאָג אין שטוב מיט דער דינסט.

— איז בעסער פאַר מיר. די דינסט דערציילט מיר שיינע מעשהס, און אַז די דינסט רעדט צו מיר פאַרשטיי איך וואָס זי רעדט. זי רעדט נישט אַזוי ווי די לערערקע, „עטשע בעטשע מעטשע", וואָס איך פאַרשטיי נישט קיין וואָרט.

פּעדאַגאָגן

ביי אַ רייכן ייד אין שטוב זענען געווען פאַרזאַמלט זעלטענע, חשובע, געזעלשאַפטלעכע כּלל־טוערס, רייכע יידן.

עס האָט זיך געוויקלט אַ שמועס וועגן יידן און יידישקייט, און דער שמועס איז דערגאַנגען צו דער פּראָבלעם פון יידישע דערציונג.

עס איז געווען צו זען, אַז די דאָזיקע לייט זענען גוט באַקאַנט מיט דעם ענין יידישע דערציונג און בכלל פאַרשטייען זיי גאַנץ גוט אין הילכות פּעדאַגאָגיק.

אָט וועל איך שילדערן עטלעכע טיפּן פון זיי און איבערגעבן זייערע ווערטער, וואָרט ביי וואָרט, וואָס זיי האָבן געזאָגט:

טיפּ נומער איינס:

אַ הויכער, אַ דאַרער, מיט אַ לאַנגן אויסגעצויגענעם האַלדז, ווו עס סטאַרטשעט אַרויס אַ גאַרגל־קנאָפּ, וועלכער באַוועגט זיך אַרויף און אַראָפּ ביים רעדן. אויגן האָט ער שמאָלע, האַלב־פאַרמאַכטע, צווישן די אויגן און די האָר — הויטיקט זיך אַ שמאָלער פּאַס שטערן. אַ דינע, שפּיציקע, לאַנגע נאָז, האָט ער, וועלכע קוקט אויף אייך, צוזאַמען מיט די אויגן, עפּעס אַזוי אומהיימלעך־ווילד, און ער אַרבעט שטאַרק מיט זיינע לאַנגע ביינערדיקע הענט צו הילף זיין רעדן.

און ער האָט געזאָגט אַזוי צו זאָגן:

— אַז מען גייט דערציען קינדער, באַזונדערס יידישע קינדער, איז די ערשטע זאַך, וואָס מ'דאַרף אין זינען האָבן איז, אַז מ'דאַרף

זיי מאַכן פאַר מענטשן. זיי זאָלן וויסן ווי צו האַלטן זיך צווישן מענטשן. מילא, ווען מען געפינט זיך נאָך צווישן אייגענע יידן איז נישט וויכטיק ווי אַזוי אַ קינד האַלט זיך און פירט זיך אויף. אָבער ווען מען איז אין אַ געזעלשאַפט פון קריסטן דאַרפן יידישע קינדער נישט פאַרשווארצן דאָס פּנים מיט זייער אויפפירעכץ, וואָרן דערפון קען נאָך ליידן חלילה דאָס גאַנצע יידישע פאָלק און נאָך ברענגען דערצו אַז זיי, די קריסטן, זאָלן מיט אונדז נישט וועלן האָבן קיין שום מגע ומשא.

— איינמאָל — האָט ער געזאָגט — בין איך געווען אויף אַ שמחה. זענען דאָרטן געווען אויך עטלעכע קריסטן, צווישן זיי — איינער אַ באַרימטער אַדוואָקאַט, טאַקע מיין אַדוואָקאַט. האָבן די קריסטן גערעדט וועגן די מעקסיקאַנער יום־טובים, וועגן זייער היסטאָרישער באַדייטונג און ווי זיי באַצייכענען דעם קאַמף פון מעקסיקאַנער פאָלק פאַר זיין באַפרייונג און נאָך אַזוי ווייטער. אינמיטן דעם, ווי די קריסטן רעדן אַזוי, גיט אַ פאַר אריין עפּעס אַ יינגל, אַ שניעק, אַ סמאַרקאַטש, און ער הייבט אָן צו דערציילן פאַר די קריסטן גאַנצע מעשה׳ס וועגן יידישן יום־טוב פּסח, אַז עס איז אויך אַ יום־טוב פון באַפרייונג, פון יידישער באַפרייונג, און ווי אַזוי יידן זענען גע־וואָרן אַ פאָלק, וואָס זיי זענען עס ביז היינטיקן טאָג, און ווי אַזוי יידן קעמפן אויך היינט פאַר זייער באַפרייונג, פאַר זייער אייגן לאַנד, און נאָך אַזוי ווייטער. איך זאָג אייך אַז דאָס פּנים האָט מיר אויפ־געפלאַמט פאַר בושה אַנטקעגן די קריסטן, איבערהויפּט קעגן מיין אַדוואָקאַט. עס איז נאָך אַ נס וואָס די קריסטן זענען שוין געווען אַביסל שיכורלעך און זיי האָבן זיך רעכט נישט צוגעהערט וואָס דער שניעק האָט דאָרטן אָנגעפּלאַפּלט. אַ נישט — ווער ווייסט וואָס עס וואָלט חלילה געווען געשען, נו, פרעג איך אייך, מיינע פריינד, צי דאַרף מען דאָס אַלצדינג לערנען אין אַ יידישער שולע? און אַז איך האָב דאָס אַלץ נישט געלערנט, נו, צי דען שאַדט עס מיר עפּעס? צי דאַרף מען אַזוי דערציען יידישע קינדער, אַז זיי זאָלן אונדז פאַר־שווארצן דאָס פּנים פאַר אונדזערע פריינד. די מעקסיקאַנער קריסטן? אין אַ יידישער שולע דאַרף מען לערנען איוורע און נאָך אַזוי ווײ־

טער, אָבער דער עיקר דארף מען זיי לערנען. אז זיי זאָלן זיין מענ־טשן, זיי זאָלן וויסן ווי מען דארף זיך האַלטן צווישן מענטשן.

טיפּ נומער צוויי:

א מיטלוווקסיקער מאַן, א דיקלעכער, מיט א רויט אייסעוודיק פּנים, פול מיט זומער־שפּרינקעלעך, מיט גרויע, וואַסערדיקע אויגן, וועלכע קוקן אויף אייך אַזוי בהמהדיק, לעכעשעוואַטע. דאָס מויל שטענדיק אָן אָפענס, פון וועלכן עס הענגט אַראָפּ א גראָבע אונ־טערשטע ליפּ. פונם רויטן קראַוואַט בליאַסקעט אַראָפּ א גרויסע ברי־ליאַנטענע שפּילקע, וואָס דאָס זאָל דאַרפן צוגעבן חשיבות צו דער פּערזענלעכקייט זיינער. האָט ער געזאָגט אַזוי צו זאָגן:

— ווען מיין טאַטע לעבעשאָלעם, איז געשטאָרבן האָב איך זיך געשעמט, וואָס איך האָב נישט געקענט זאָגן נאָך אים קדיש. וואָס זאָל איך לייקענען, מען האָט עס מיר נישט געלערנט. האָב איך זיך געגעבן א נדר, אויב איך וועל דערלעבן און האָבן קינדער וועל איך דאָס ערשטע זיי הייסן לערנען קדיש זאָגן, אַז איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר זאָלן זיי קענען זאָגן נאָך מיר קדיש. דערפאַר האָב איך אַריינגעגעבן מיין יינגל, זאָל געזונט זיין, אין דער יידישער שולע. איך שטיץ די שולע, ווי איר ווייסט עס אַליין, מיט א סך טויזנטער פּעזעס. איך רעד עס חלילה נישט אויס. איך גיב עס זייער גערן. גאָט האָט מיר געגעבן — ס'איז געווען א מלחמה, נישט צו פאַרזינדיקן — גיב איך ווייטער. אָבער אַז איך גיב געלט האָב איך דאָך דאָס רעכט צו זאָגן א דעה, וואָס און ווי אַזוי מען דארף לער־נען אין דער יידישער שולע, מיט יידישע קינדערלעך. איך זע, אַז מען לערנט אין שולע אַלערליי נאַרישקייטן. אָבער דעם עיקר, וואָס מ'דארף לערנען מיט יידישע קינדער, לערנט מען גאָרנישט. אָט גייט מיין יינגל שוין דאָס פינפטע יאָר אין דער שולע און איך פרעג אים צי קען ער שוין זאָגן קדיש, ווייסט ער אפילו נישט וואָס דאָס איז אַזוינס. נו צו וואָס זשע טויג מיר דאָס גאַנצע לערנען מיט אַזוי פיל לערערס, מיט אַזא טאַראַראַם, מיט אַזוי פיל אויסגאַבן? קיינער ווייסט נישט וועמענס מאַרגן עס איז. טאָמער חלילה, באַהיט גאָט,

געשעט עפעס וואס, וועט מיין זון נישט קענען אפילו קיין קדיש זאגן נאך מיר. צו וואס זשע טויג מיר דאס אלצדינג? מיין מיינונג איז, אז דאס ערשטע דארף מען אויסלערנען די קינדער קדיש זאגן, אז איבער הונדערט און צוואנציק יאר, זאלן די עלטערן אויף יענער וועלט נישט דארפן פארשעמט ווערן.

טיפ נומער דריי:

א ברייטער פירעקיקער ייד, מיט א פאר פייערדיקע, שווארצע און כיטרע אויגן. פון זיין פנים שיינט אראפ א צעפרידענע זעלבסט־זיכערקייט. ווייזט אויס, אז דער דאזיקער ייד האלט פון זיך זייער שטארק. פון זיינע ליפן גיסט זיך אראפ אן איראניש שמייכעלע. אן אויסדרוק אזא, א שטייגער ווי ער זאלן זאגן: „זיי גייען מיר לערנען שכל, דאכט מיר, אז איך קען אייך דא אלע פארקויפן און אפנעמען געלט".

אט דער דאזיקער ייד האט גערעדט מיט געמאסטענע, לאנג־זאמע און געציילטע ווערטער:

— מיינע פריינד, ווי איר קוקט מיך אן האב איך אמאל גע־לערנט אין א ישיבה. איך קען זיך נאך היינט אויך פארהערן אין די דראבנע אותיות. און איך זאג אייך, אז מיר גפעלט נישט דער גאנצער אופן פון דער יידישער דערציונג. דעריבער האב איך מיינע טעכטער נישט געוואלט אריינגעבן אין דער יידישער שולע. איך האב זיי בעסער אריינגעגעבן אין „מאדאקס". כאטש איך אליין, ווי איר ווייסט, שטיץ געוויס די יידישע שולע, ווארן ווי זאגט מען — זאל מיינס איבערגיין. און אט וועל איך אייך זאגן פארוואס מיר געפעלט נישט דער סיסטעם פון דער יידישער דערציונג: מיר קענען נישט, אין היינטיקער צייט, לערנען מיט קינדער אזוי ווי מען האט גע־לערנט אמאל, אין דער אלטער היים, אין די חדרים און אין די ישי־בות. היינט מוז מען טראכטן וועגן תכלית, דאס וואס עס קען ברענ־גען א נוצן אין לעבן. מיר קענען נישט מאכן פון אונדזערע קינדער סתם באנק־קוועטשערס, ווי אונדזערע טאטעס האבן געוואלט פון אונדז מאכן. עפעס איז אויך דא אזא ווארט אין דער גמרא, אבער ווער קען עס געדענקען אט די אלע נארישקייטן, וואס זיי האבן דאר־

טן אָנגעבריעט. מיר מוזן קוקן די ווירקלעכקייט אין די אויגן אריין. און שטענדיק זיך גוט פאַרטראַכטן ווי אַזוי מען קען מאַכן אַ קערבל. און אַזוי דאַרף מען דערציען יידישע קינדער. דעריבער איז מיין מיינונג, אַז מען זאָל די יידישע שולע בעסער פאַרוואַנדלען אין אַ האַנדלס שולע, אַט דאָס וואָס עס פעלט יידישע קינדער: זיי מאַכן פאַר גוטע, פעיקע און געניפּטע סוחרים, אַז ווו זיי וועט אויסקומען צו זיין זאָלן זיי פאַרשטיין ווי זיך אַ ריר צו טאָן. אָבער די אַלע איבע־ריקע מאַכערייקעס — זאַטשעם מניע פיזיקא?!

שותפים

משה בארג איז נאָך דאַמאָלסט קיין פולע צוואַנציק יאָר נישט אַלט געווען ווען ער איז אָנגעקומען פון ווארשע קיין מעקסיקע.

דריי זאַכן האָט ער מיט זיך מיטגעבראַכט, וועלכע האָבן אים געהאָלפן איינצואָרדענען זיך אינם נייעם, פרעמדן לאַנד, ווו ער האָט נישט געהאַט קיינעם, נישט קיין קרובים, נישט קיין פריינד, און נישט קיין באַקאַנטע, צו ווענדן זיך צו ווענדן; ער האָט מיטגעבראַכט זיין פאַך, ער איז געווען אַ גוטער מעבל־סטאָליאַר; ער האָט מיטגע־בראַכט אַ רעקאָמענדאַציע־בריוו פון דער פּאָליטישער פּאַרטיי, אין וועלכער ער איז געווען אַן אַקטיווער חבר אין ווארשע; און ער האָט מיטגעבראַכט זיין פערזענלעכקייט, וואָס איז אַליין פאַר זיך געווען די בעסטע רעקאָמענדאַציע.

משה בארג איז געווען אַ הויכער, אַ טונקל־הויטיקער, וואָס האָט אים געמאַכט אויסזען מער ענלעך צו אַ מעקסיקאַנער איידער צו אַן אייראָפּעער; מיט אַ לענגלעך קנאָכיק פּנים, וואָס האָט אויסגעדרוקט ענערגיע און עקשנות; מיט אַ פּאָר שוואַרצע פלאַמיקע אויגן, וועלכע האָבן מיט זייערע שאַרפע בליקן דורכגענומען אַ מענטשן דורך און דורך און פון וועלכע עס האָט אַרויסגעקוקט ערנסטקייט און באַוווּסט־זיניקייט. און בכלל — זיין גאַנצער אויסזען האָט געצויגן אויף זיך חשיבות און רעספּעקט־באַציונג.

אין דעם פּאַרטיי־קרייז, וווהין ער איז אָנגעקומען ס'ערשטע, האָט משה בארג זיך באַקענט, צווישן אַנדערע, אויך מיט בעניטאַ

גאָנזאַלעז, אַ בחור נישט קיין סך עלטער פון אים און אויך פון זעל־ביקן פאַך, אויך אַ מעבל־סטאָליאַר.

בעניטאָ האָט משהן רעקאָמענדירט אין דער זעלביקער מעבל־פאַבריק, ווו ער האָט געאַרבעט און ווו משה איז טאַקע באַלד צו־גענומען געוואָרן צו דער אַרבעט; בעניטאָ האָט משהן געשאַפן אַ וווינונג, טאַקע אין שכנות מיט אים — אַ טיר ביי אַ טיר; בעניטאָ האָט משהן אַריינגעפירט אינם פאַמיליע־קרייז פון זיינע עלטערן; און בכלל האָט בעניטאָ זיך באַמיט משהן מקרב צו זיין און העלפן אים ווי ווייט ער האָט נאָר געקענט.

אַזוי האָט פון ערשטן טאָג אָן זיך געשאַפן אַ פּערזענלעך־חב־רישע פאַרבינדונג צווישן די ביידע פּאַרטיי־חברים — משה באַרג און בעניטאָ גאָנזאַלעז.

בעניטאָס טאַטע, אַלבערטאָ גאָנזאַלעס, אַ נידעריקער, אַ דיק־לעכער, מיט אַן אַרויסגעשטאַרצט בייכל, האָט שוין געהאַט אַריבער־געשפּאַנט די זעכציקער, אָבער ער האָט די יאָרן זיינע באַהאַלטן ער־גיץ אין אַ וועסטל־קעשענע; אויף זיין פּנים, אין זיין גאַנצן גע־שטעל און אין זיין האַלטונג איז עס לגמרי נישט געווען קענטיק. קיי־נעם וואָלט נישט איינגעפאַלן צוצוגעבן אַלבערטאָן מער ווי עטלעכע און פערציק יאָר, אויב אַ סך.

אַלבערטאָ גאָנזאַלעז איז געווען אַ שוסטער. נאָך יאָרן לאַנגער שווערער פּראַצע האָט ער זיך ענדלעך גאַנץ פיין אַרויפגעאַרבעט. ווען בעניטאָ האָט אַריינגעפירט משהן צו זיין טאַטן אין הויז איז אַלבערטאָ שוין געווען אַן אייגנטימער פון אַ גוט איינגעאָרדנט פאַ־בריקל פון שיך, וואָס ער האָט געהאַט בשותפות מיט זיין זון, וועלכער איז געווען נישט קיין סך עלטער פון בעניטאָן, וויקטאָר האָט ער געהייסן.

ווען בעניטאָס מאַמע איז געשטאָרבן האָט דער אַלטער אַלבער־טאָ חתונה געהאַט מיט אַ יונג שיין מיידל, פון עטלעכע און צוואַנ־ציק יאָר.

איידער בעניטאָ גאָנזאַלעז האָט באַקענט געמאַכט זיין חבר משה באַרג, פּערזענלעך, מיט זיינע משפּחה־מיטגלידער, האָט ער פאַר משהן פריער אָפּגעשילדערט יעדן איינעם פון זיי:

— מיין טאַטע, כאָטש ער איז שוין אריבער זעכציק, איז ער נאָך פול מיט לעבן ווי אַ יונגערמאַנטשיק. ער האָט נאָך ליב אַ שטיף צו טאָן און אונטערצווזינדיקן... ער איז אַן ארבעטזאַמער און ענער־גישער מענטש, גלייכצייטיק איז ער אַ גוטמוטיקער און זייער אַ ליבנסווירדיקער. מענטשן האָבן הנאה מיט אים צו פאַרברענגען. עס איז אַ פאַרגעניגן צו זיין מיט אים צוזאַמען. ער האָט פאַר יעדערן אַ גוט וואָרט, אַ וויץ, אַ דערמוטיקונג, אַ פּאַסיק מעשהלע צו דערציילן און אויך איז ער גערן צו יעדער צייט אַנטקעגנצוקומען אַ פריינד מיט ממשותדיקער־הילף, ווען יענער נויטיקט זיך אין דעם. די דאָזיקע אייגנשאַפטן זיינע האָבן אים אַ סך געהאָלפן זיך ארויפצואַרבעטן און צו ווערן פון אַן אָרימען שוסטער — אַ דערפאָלגרייכער פאַבּרי־קאַנט. און כאָטש מיין טאַטע איז — ווי יעדער פאַבּריקאַנט — אליין אַן עקספּלואַטאַטאָר, ער באַשעפטיקט אין זיין פאַבּריקל עטלעכע און צוואַנציק אַרבעטער, פונדעסטוועגן איז ער מיט זיין גאַנצער נשמה אין אונדזערע רייען, אין די רייען פון פּראָלעטאַריאַט. גייסטיק לעבט ער מיט אונדזערע אידעען, מיט אונדזערע קאַמפן, מיט אונדזערע שטרעבונגען און מיט אונדזערע צילן.

— מיינע דריי עלטערע שוועסטער, אַלע אמתע שיינהייטן — האָט בעניטאַ וויטער געשילדערט זיין משפּחה — זענען אַלע שוין חתונה געהאַטע. פריער, מיידלווייז, האָבן זיי געהאָלפן דעם טאַטן אין דער אַרבעט, און זיי זענען געווען באַוווּסטזיניקע און אַקטיווע חברטעס אין אונדזער פּאַרטיי. זינט אָבער זיי האָבן חתונה געהאַט האָבן די קלאַפּאָטן פון זייערע פאַמיליעס זיי אינגאַנצן איינגעשלונגען און זיי האָבן זיך דערווייטערט פון אונדזערע רייען. זייערע מענער זענען קרעמערס, קליינע מענטשעלעך מיט קליינלעכע באַגריפן און מיט נישטיקע, קרעמערישע, פערזענלעכע פאַרלאַנגען און השגות. זייערע אַלע שטרעבונגען און אידעאַלן ליגן נאָר אין געלט מאַכן, און מער דאַרפן זיי גאָרנישט.

— מיין עלטערער ברודער, וויקטאָר, — האָט בעניטאָ אים געשיל־דערט מיט אָפענעם שפּאָט, איראָניע און האַס — דעם טאַטנס שותף, איז נאָך אַ בחור און ער איז פּוסטער אומוויסנדער איגנאָראַנט. ער קען אפילו קיין רעכענונג נישט מאַכן; קוים וואָס ער קען לייענען;

און גרויס איז ער ביי זיך פּונקט ווי ער וואָלט געווען אַ פּראָפעסאָר; ער קאַקעטירט מיט זיין שיינקייט; ער האָט זיך איינגערעדט, אַז ער איז דער שענסטער מאַנסביל אין דער וועלט; אַז אַלע מיידלעך און ווייבלעך זענען פאַרליבט אין אים און האָבן די ניכפּה פאַר אים; אַז וועלכע פרוי ער זאָל נאָר וועלן קען ער גאַנץ לייכט, אָן קיין שוועריקייטן, פולשטענדיק האָבן צו זיין פאַרלאַנג; האָט ער זיך פאַרלאָזט לאַנגע האָר און ער האַלט זיך אין איין דרייען אויפן קנאַפל, זיך צירן און פּוצן, פּונקט ווי אַ קאָקעטקע אַ פרוי; דערמיט וויל ער מאַכן זיין איינגערעדטע שיינקייט נאָכמער עפעקטיווער און ווירקזאַמער, און דאָס פאַרנעמט זיין גאַנצן לעבנס אינהאַלט, מער ליגט אים גאָרנישט אין זינען, מער דאַרף ער גאָרנישט און מער אינטערעסירט אים גאָרנישט.

— מיין טאַטע האָט, נאָך מיין מאַמעס טויט, נאָכאַמאָל חתונה געהאַט, ערשט מיט צוויי יאָר צוריק, מיט אַ בילד־שיין מיידל. איינאַנצן צוויי און צוואַנציק יאָר איז זי אַלט געווען צו דער חתונה. זי איז אַ שלאַנקע, אַ הויכע, אַ סך העכער פון מיין טאַטן, מיט אַ קיילעכדיק, ליכטיק, בלוט־און־מילך־פּנים, מיט אַ פּאָר קלוגע, מילדע, ברוינע אויגן, מיט אַ הויכן שטערן און אַ קאָפּ געדיכטע, זיידענע קאַשטאַן־האָר. און אַ שמייכעלע אַזאַ גליטשט זיך אַראָפּ פון אירע נעטאַקטע, זאַפטיקע ליפּעלעך, אַ שמייכעלע וואָס פאַרכישופט און פאַרבלענדט. און פון איר גאַנצן וועזן שיינט אַראָפּ מלאכישע צאַרטע חנעוודיקייט און לאַקענדיקע פּראַכט. זי איז אַ רייצנדיקע שיינהייט. זי איז אַן אויסטערלישע בלום וואָס איז ווי געבראַכט געוואָרן פון ערגעץ אַ צויבער־לאַנד. אַ געבוירענע איז זי פון שפּאַניע. רעבינאַ הייסט זי. איר פאָטער האָט פאַרנומען אַ הויכן אַמט אין דער היגער מעקסיקאַנער רעגירונג. זי, רעבינאַ, איז געבליבן אַ קיילעכדיקע יתומה, אָן אַ פאָטער און אָן אַ מוטער. האָט זי זיך געהאָדעוועט ביי אַן אָרימער מומען, דעם פאָטערס אַ שוועסטער, וואָס האָט איר געגעבן אַ גאַנץ פיינע דערציונג. מיט וואָס מיין אַלטער טאַטע איז פעאיק געווען צו פאַנגען דאָס האַרץ פון אַזאַ פּרעכטיקער שיינהייט ווייס איך נישט. און וואָס איז געווען רעבינאָס אויסרעכענונג, ווען זי האָט איינגעשטימט חתונה צו האָבן מיט אַ מאַן, וואָס איז דריי מאָל אַזוי

אַלץ ווי זי, ווייס איך אויך נישט. אָבער אַזוי איז עס. עס איז אַ פאַקט. און ווי מיר דאַכט זיך לעבט זי מיטן אַלץ גאַנץ צופרידן.

אין דער גאַנצער צייט וואָס בעניטאַ האָט גערעדט וועגן זיין שטיף־מאַמען האָט משה בארג באַמערקט אַן אָנגעצונדן פייער אין זיינע אויגן. עס איז נישט שווער געווען צו זען, אַז בעניטאַ איז פאַרליבט אין איר.

עס איז מעגלעך — האָט משה געטראַכט — אַז דאָס זאָל זיין די סיבה פון בעניטאָס האַס צו זיין ברודער, וויקטאָר, ווייל בעניטאַ טראָגט אַ פאַרדאַכט, אַז זיין ברודער איז פאַרליבט אין דער שטיף־מאַמען און פון בעניטאָן רעדט אַרויס אַן אייפערזיכטיקייט. און נאָך האָט משה געטראַכט, אַז בעניטאַ האָט אַ געווויסן מיין דערביי, וואָס ער וויל אַזוי שטאַרק אים אַריינפירן אין זיין פאָטערס הויז. משה האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז דורך אים וויל בעניטאַ נעמען נקמה אין זיין ברודער אַזוי, אַז עס זאָל אַרויסקומען „נישט מיר, נישט דיר" נאָר אַז ער, משה, זאָל גאָר ווערן דער דריטער...

משה בארג האָט אָנגעהויבן צו ווערן אַן אָפטער אַריינגייער צו אַלבערטאָ גאָנזאַלעז אין הויז, וווּ ער איז שטענדיק אויפגענומען געוואָרן מיט דער גרעסטער העפלעכקייט און העכסטער פריינדלעכ־קייט, סיי פונם אַלטן אַלבערטאָ און סיי פון דער יונגער און רייצנ־דיק־שיינער רעבינאַ. עס איז געווען צו זען, אַז ער, משה בארג, איז ביי זיי זייער אַן אָנגעלייגטער גאַסט.

קיינמאָל איז משה נישט געקומען אַליין צו די גאָנזאַלעזעס אין הויז. געקומען איז ער שטענדיק צוזאַמען מיט זיין חבר בעניטאָ.

די שמועסן ביי אַלבערטאָן פלעגן זיך כמעט שטענדיק דרייען אַרום איין טעמע: אַרום אַרבעט און קאַפּיטאַל. משה האָט גערעדט געלאַסן, רואיק; ער האָט אַרגומענטירט זאַכלעך, מיט לאָגיק און גע־געבן צו פאַרשטיין אויף דעם אופן ווי אַ לערער לערנט מיט זיינע שילער. בעניטאָ ווידער האָט זיך געהיצט, האָט זיך געקאָכט און אָפטמאָל האָט ער זיך פאַרלוירן און זיך פאַרפּלאָנטערט אַזוי, אַז ווען נישט משהס אונטערהילף וואָלט ער נישט געווען אומשטאַנד זיך אַרויסצופּלאָנטערן פון זיינע אייגענע רייד. דער אַלטער אַלבער־

טאָ פלעגט שטענדיק אַריינברענגען אינם שמועס אַ ליכטן שפּאַ־סיקן טאָן. דאָס האָט געהאָלפן אַרויסצולאָזן דעם ווינט פון דער אויפ־געבלאָזענער ערנסטקייט, מיט וואָס אַזעלכע שמועסן זענען תמיד געווען פאַרבונדן. רעבינאַ פלעגט אָנטיילנעמען אין די דאָזיקע שמו־עסן מיט איר שווייגן.

עס האָבן זיך גענומען שפּינען אומבאַמערקבאַרע פאַרבינדונגס פעדים פון משה באַרג צו דער שיינער רעבינאַ און צוריק. עס איז גענוג געווען בלויז אַ צופעליקער זייטיקער בליק, אַן אומשולדיקער שמייכל, אַ מינדסטער אומגערעכנטער באַריר, אַ גאָרנישט־געמיינט וואָרט, אַז געמיינזאַמע פלעמלעך זאָלן אין ביידנס הערצער צינדן אומרו און וועקן בענקשאַפט.

נאָכדעם ווי משה איז שוין געהאַט געווען זעקס חדשים אין מעקסיקע און ער איז שטאַרק געליבט געווען אין דער מעבל־פאַ־בריק, ווו ער האָט געאַרבעט, אַלס דער בעסטער פאַכמאַן פון פאַ־בריק, און אַלס אַזעלכער האָט געשטיגן זיין געהאַלט, האָט איינמאָל אַלבערטאָ גאָנזאַלעז געבעטן משה, אַז ער זאָל צו אים קומען, ער דאַרף מיט אים רעדן וועגן אַ וויכטיקן ענין, אָבער ער זאָל אומבאַ־דינגט קומען אַליין, אָן בעניטאָ.

אַ גאַנצן טאָג, איידער ער האָט באַדאַרפט גיין אין אָוונט צו אַלבערטאָן, האָט משה זיך געפונען אין אַן אומרואיקן צושטאַנד. עס האָט אים געפּייניקט אַ פאָרגעפיל, אַז דער אַלטער האָט עפּעס דערשמעקט... אָדער אפשר האָט איינער פון די זון זיינע, מעגלעך, אַז זיין אייגענער חבר בעניטאָ, אָדער גאָר וויקטאָר, האָט דעם אַלטן עפּעס אונטערגעטראָגן... אָדער אפשר גאָר רעבינאַ אַליין האָט עפּעס אויסגעפּלוידערט... און משהן האָט זיך געדאַכט, אַז דאָ איז ער מיט־אַמאָל אַריינגעפאַלן אין זייער אַ ביטערער סיטואַציע, פון וועלכער ער וועט נישט קענען אַרויסקריכן.

משה האָט מיט אַנגסטן און ציטער קוים זיך שוין דערוואַרט אויפן אָוונט, ווען — ווי ער האָט זיך פאָרגעשטעלט — ער וועט דאַרפן שטיין פאַר אַ משפּט.

צו זיין גרויסער איבעראַשונג און שטוינונג, ווען ער איז אַריין אַ בלייכער און דערשראָקענער צו אַלבערטאָן, זענען אים אַנטקעגנ־

געקומען, אי א שיינענדיק צופרידן פּנים פון אַלבערטאָן, אי צע־פלאַמטע, פול מיט ליבע, שטראַלענדיקע בליקן פון רעכינאַן. און משהן איז אַראָפּ א שטיין פון הארצן.

משה בארג איז מיט פולער פריינדלעכקייט פאַרבעטן געוואָרן צו אָוונט־עסן.

באַלד נאָכן עסן האָט אַלבערטאָ, אין דער קעגנוואַרט פון רע־כינאַן, זיך געווענדעט צו משהן און אים געגעבן צו פאַרשטיין, אין א פאָטערלעכן טאָן, אַז לויט זיין מיינונג איז עס נישט קיין תכלית, נישט פאַר משהן און נישט פאַר בעניטאָן, אייביק צו אַרבעטן ביי יענעם, שטענדיק צו ווערן עקספּלואַטירט פון קאַפּיטאַל, און דער קאַפּיטאַליסט זאָל דעם מער־ווערט פון דער פּראָדוקציע אַנזשעברע־ווען פאַר זיך (אַלבערטאָ האָט נאָכגעזאָגט משהס אייגענע ווערטער), אין דער צייט, ווען נישט משה און נישט בעניטאָ דאַרפן צו דעם מער נישט אָנקומען. זיי זענען גאַנץ גוט אומשטאַנד צו מאַכן אַליין א פאַבריקל פאַר זיך. אין אָנהייב — טאַקע נישט אין גרויסן מאַס־שטאַב. אָבער מ׳קען אָנהייבן קליין ווי אַנדערע האָבן געטאָן און לאַנגזאַם אַרבעט מען זיך אַרויף. מיט דער צייט קען אויסוואַקסן א פאַבריק נישט קלענער ווי די, וווּ זיי אַרבעטן און אפשר אַמאָל — נאָך גרעסער.

און אַלבערטאָ האָט געמאַכט א קאָנקרעטן פאָרשלאָג:

— מאַכט איר ביידע שותפות, איר הער בארג מיט מיין זון בעניטאָ. איך וועל אריינלייגן געלט, וויפל נאָר עס וועט זיך פאָדערן פאַר אַזאַ מעבל־פאַבריקל אין קליינעם מאָסשטאַב. דאָס געלט וועל איך אייך אויסבאָרגן אַלס אַן הלוואה אָן פּראָצענט. ווען איר וועט קענען וועט איר מיר אָנהייבן אָפּצאָלן דעם חוב.

דאָס ערשטע מאָל וואָס רעכינאַ האָט זיך אריינגעמישט און א שמועס, צווישן די מענער, וואָס פלעגט אַזוי אָפט פאָרקומען ביי איר אין הויז. זי האָט, נישט אינגאַנצן דרייסט, צוגעגעבן:

— און איך מיין, אַז אַלבערטאָ איז פולשטענדיק גערעכט און זיין פּלאַן איז א וווּנדערבאַרער.

דערביי האָט זי משהן אָנגעקוקט מיט געבעט אין די אויגן, אַז ער זאָל מסכים זיין. דער אויסדרוק פון אירע בעטנדיקע בליקן

איז געווען אַזעלכער, ווי אַ שטייגער ער זאָל געווען זאָגן: „עס וועט זיך לוינען פֿאַר אונדז ביידע".

משה באַרג איז געבליבן זיצן עטלעכע מינוט ווי פֿאַרגליווערט און נישט געקענט אַרויסברענגען קיין וואָרט. עס האָבן אים צעטשמעלעט עטלעכע פּלוצלינגע איבערראַשונגען: ערשטנס וואָס ער איז מיטאַמאָל פּטור געוואָרן פֿונעם גאַנצטאָגיקן קאָשמאַר און אומרו, וואָס האָט אים געפּייניקט; צווייטנס — האָבן אים פֿאַרכישופֿט רעבינאַס אויגן וואָס האָבן אים אַזוי קלאָר געבעטן און אַזוי אָפֿן צוגעזאָגט; דריטנס — דער פּלאַן אַליין פֿאַר זיך, וואָס האָט אים געלאָקט און פֿאַר אים פֿאַרגעשטעלט אַן אַרויפֿגעאַרבעטע און מאַטעריעליש־פֿאַרזיכערטע צוקונפֿט; און פֿערטנס — די שרעק פֿאַר ווערן אַליין אַ פֿאַררעטער אַן עקספּלואַטאַטאָר, אַנשטאָט צו שטיין אויף דער וואַך, אַלס טרייער קעמפֿער פֿאַר דער באַפֿרייאונג פֿונעם גאַנצן אַרבעטער־קלאַס, וועט ער גאָר ווערן אַ דיזערטיר און זיך פֿאַרקויפֿן צום שונאס לאַגער.

ווען משה האָט גאָרנישט געענטפֿערט האָט אַלבערטאָ ווידער גענומען רעדן:

— איך ווייס, מיין פֿריינד, וואָס אייך קוועטשט. איר האָט מורא צו ווערן אַן עקספּלואַטאַטאָר און מיין בעניטאָ וועט אוודאי ציטערן פֿאַר דעם. אָבער איר, מיין פֿריינד, זענט דאָך לאָגישער פֿאַר אים. איר וועט די זאַך בעסער פֿאַרשטיין און באַנעמען. מיר לעבן אין אַ מאַטעריאַליסטישער צייט. יעדערער מוז קודם כל זאָרגן פֿאַר זיך אַליין און באַוואָרענען זיין אייגענע צוקונפֿט. קיינער וועט גאָרנישט געווינען פֿון דעם, וואָס איר וועט בלייבן אַ קבצן אַן אַרבעטער אויפֿן גאַנצן לעבן. ווען איר וועט עלטער ווערן און מער נישט קענען אַליין אַרבעטן וועט איר ווערן אויסגעשפּיגן און אַרויסגעוואָרפֿן ווי אַן אומנוציקע און איבעריקע כלי. דאַמאָלסט וועט פֿון אייך קיינער נישט וועלן אַפֿילו וויסן און קיינער וועט אייך נישט וועלן קענען. נעמט גוט אין אַכט מיינע ווערטער, מיין ליבער פֿריינד, און באַרויִקט אייך.

ווידער האָט משה דערפֿילט אויף זיך רעבינאַס פֿאַרליבטע און לעכצנדיקע בליקן, וואָס זענען געווען פֿול מיט געבעט און צוזאָג.

משה אָבער האָט זיך אַליין גובר געווען און ער האָט קאַטעגאָריש געענטפערט:

— ניין, איך קען אויף קיין פאַל דערצו נישט מסכים זיין!

און ער האָט צוגעגעבן:

— יעדער מענטש האָט זיין באַשטימטע אויפגאַבע אין לעבן. מיין אויפגאַבע איז נישט צו ראַטעווען דעם אייגענעם גוף און צו גיין אויפן אויסגעטראָטענעם וועג פון עקספּלואַטאַציע. מיין לעבנס אויפגאַבע איז לגמרי אַן אַנדערע. מעגלעך, אַז מיין לעבנס וועג איז זייער אַ שווערער און איז פול מיט געפאַרן, אָבער איך פיל, אַז דאָס איז מיין באַשערטקייט.

ווען משה האָט געזען, אַז זיינע ווערטער האָבן איבערגעלאָזט אַ שווערן איינדרוק אויף אַלבערטאָן און איבערהויפּט אויף רעכינאַן, האָט ער צוגעגעבן:

— אַלנפאַלס וועל איך זיך דורכרעדן וועגן דעם מיט בעניטאַן.

ווען משה איז אוועק, האָט אַלבערטאַ פאָרגעשלאָגן רעכינאַן, אַז זי זאָל מיט משהן נאָכאַמאָל איבעררעדן וועגן דעם.

— מעגלעך אַז דו וועסט האָבן אויף אים אַ גרעסערע ווירקונג. רעד דו מיט אים וועגן דעם. דו פאַרבעט אים צו אונדז אויף מאָרגן אין אָוונט. איך וועל אין שטוב נישט זיין, וועסטו קענען רעדן מיט אים פרייער און זאָלסט זען צו ווירקן אויף אים, אַז ער זאָל איינשטימען צו מיין פּלאַן. איך האָב דאָ אין זינען נישט משהן. וואָס גייט ער מיר דען אָן און וואָס פאַר אַן אינטערעס האָב איך אין אים. מיר אינטערעסירט דאָ מיין בעניטאָ. איך זע פאַר, אַז נאָר דורך משהן וועט בעניטאָ קענען ווערן אַ לייט און זיך ארויסאַרבעטן.

רעכינאַ האָט זיך אָנגעכאַפּט אין אַלבערטאָס פאָרשלאָג מיטן גאַנצן פלאַטער פון איר פאַרליבט און ברוזינדיק האַרץ. זי האָט אַזש פאַר פרייד אַ צאַפּל געטאָן און זי האָט צוגעזאָגט אַלבערטאָן „אים צוליב צו טאָן", צו פאַרבעטן משהן צו זיך אויף מאָרגן אין אָוונט און מיט אים זיך דורכרעדן.

⁂

— גוטן אָוונט רעבינאַ, ביסט אַליין?

רעבינאַ איז צוגעגאַנגען צו משהן גאָר נאָענט, אים אַרומגענו־מען אַרום האַלדז, צוגעדריקט איר פּנים צו זיינעם, אים אָפּגעפּרעסט אַ פלאַמיקן קוש און האָט אים אַריינגעסודעט אין אויער אריין:

— יאָ, משה, מיר זענען אַליין.

— און ווו איז אַלבערטאָ?

— ער איז אוועק פון שטוב, כדי מיר זאָלן בלייבן אַליין.

— וואָס איז, ער וויל אונדז צונויפשדכענען?

— מיר זענען שוין דערוואַקסענע מענטשן, מיר קענען זיך אַליין שדכענען.

משה האָט רעבינען אַרום גענומען אַרום דעם טאַליע זי צוגע־דריקט האַרט צו זיך.

— און וואָס איז דאָס פּאַר אַ פאַנצער אַרום דיין צאַרטן קערפּער?

— דאָס איז אַ קאָרסעט.

— צו וואָס דאַרפסטו דאָס? אַזאַ עלעגאַנטן, געטאָקטן קער־פּער ווי דו האָסט, צו וואָס דאַרפסטו אַ קאָרסעט?

רעבאַנאַ האָט זיך צעלאַכט:

— דאָס איז אַ שמירה קעגן סטאָלאַרסקע הענט.

— און שוסטערישע הענט זענען בעסער?

— משה, דו רעדסט שוין נאַרישקייטן.

— יאָ, נעבן דיר, געליבטע מיינע, קען דער גרעסטער חכם ווערן נאַריש. אָבער לאָז שוין אָפּ מיט דיין שמירה. עס וועט דער סיי ווי גאָרנישט העלפן. וואַרף בעסער אַראָפּ פון זיך אָט דעם פאַנצער, איך קען עס נישט פאַרליידן, איך קען נישט דולדן קיין שום מחיצה צווישן אונדז ביידע, טו אויס דעם קאָרסעט.

— פאַרוואָס זאָל איך דאָס טאָן, און דו קענסט נישט?

משה האָט זיך גענומען פּאָרקען ביי די בענדלעך, העקעלעך און קנעפּלעך, ער האָט געפּלאָנטערט און געפּלאָנטערט און נישט געקענט אויספּלאָנטערן.

— נו, איך זע דאָך, אַז דו ביסט אַ שלימזל. די הענט ציטערן דיר. לאָז מיר שוין, איך וועל עס מאַכן שנעלער. אָבער קוק זיך צו

און לערן זיך אויס. עס וועט דיר צונוץ קומען אויף נאָך אמאָל.

זיי האָבן זיך אוועקגעזעצט אויף דער קאַנאַפּע.

משה האָט געפרעגט:

— זאָג מיר, רעבינע טייערע, דעם אמת, וואָס איז געווען דער ציל צוליב וועלכן דו האָסט מיך היינט גערופן אהער?

— און איך אליין, געליבטער מיינער, בין נישט קיין גענוגנדער ציל פאַר דיר?

— דו, רעבינאַ, ביסט טאַקע דער העכסטער און טייערסטער ציל אין מיין לעבן. דו ביסט מיין נשמה און מיין טרוים. אָבער איך בין זיכער, אַז מיט דיין רופן מיך היינט אהער האָסטו געהאַט עפּעס אַ געוויסן ציל.

— כ'וועל דיר זאָגן דעם אמת, משה טייערער, אַלבערטאָ האָט מיר געבעטן, אַז איך זאָל דיך רופן היינט אהער און מיט דיר רעדן אויג אויף אויג...

— אַלבערטאָ?!

— יאָ, אַלבערטאָ. וואָס וווּנדערסטו זיך אַזוי?

— רעבינאַ, איך פאַרשטיי נישט וואָס דו רעדסט צו מיר!

— נו, צו וואָס רעדן האַלבע ווערטער. איך וועל רעדן מיט דיר קלאָר. אַלבערטאָ האָט מיר געבעטן, אַז איך זאָל דיר צורעדן, דו זאָלסט איינשטימען צו מאַכן מיט בעניטאָן שותפות אַ מעבל־פאַבריק.

— ניין, דאָס וועט קיינמאָל נישט געשען!

רעבינאַ האָט אָנגעקוקט משהן מיט אַ פּאָר צעגליטע, הונגעריקע אויגן און זי האָט געפרעגט:

— אפילו ווען איך, דיין רעבינאַ, וועל דיר שטאַרק בעטן?

משה האָט געשוויגן און רעבינאַ האָט געפרעגט נאָך אמאָל און אביסל שאַרפער:

— משה ענטפער מיר אויף דעם וואָס איך האָב דיר געפרעגט: אפילו ווען איך, דיין געליבטע רעבינאַ, וועל דיר שטאַרק בעטן, אַז דו זאָלסט צוטרעטן צו אַזאַ שותפות?

— צו וואָס דאַרפסטו דאָס, רעבינאַ מיינע?

— איך דאַרף עס שוין גאָר נויטיק צו האָבן. דו וועסט דערמיט

ראַטעווען מיין לעבן, אויך דיין לעבן און אונדזער ביידנס געמיינ־זאַמען לעבן.

— אמת?

— יאָ, משה!

ווי אַ בין צו אַ בלום אַזוי איז משה צוגעפאַלן צו רעבינאַס קער־פּער און מיט זיינע פאַרשיכורטע ליפּן האָט ער געגאַנגט די זאַפטן פון אַלע גלידער אירע.

מיטאַמאָל האָט ער דערזען אַז רעבינאַ וויינט.

— אַ, וואָס איז דאָס? פאַרוואָס וויינסטו, רעבינאַ?

— ס'איז גאָרנישט, אוצר מיינער, דאָס האַרץ איז פאַרפולט גייט עס איבער.

פּלוצלינג האָט זיך ביי משהן אַרויסגעכאַפּט אַ נישט דערוואַר־טע פראַגע:

— רעבינאַ טייערע, פאַרוואָס האָסטו חתונה געהאַט מיט אַלבערטאָן?

— מיין ליבער משה — האָט רעבינאַ אויסגעשריגן — כ'האָב דיר שוין איינמאָל געבעטן, אַז דו זאָלסט מיר גאָרנישט פרעגן וועגן דעם. ווען די צייט וועט קומען וועל איך דיר אַלצדינג דערציילן, אָבער ביז דאַמאָלסט וויל איך מער קיין וואָרט נישט הערן פון דיר וועגן דעם.

— שוין, שוין, מלאך מיינער, זיי מיר מוחל.

— איז וואָס זשע האָסטו באַשלאָסן, משה, גייסטו אין שותפות מיט בעניטאָן צו אוועקשטעלן אַ מעבל־באַפריק?

— אוי. רעבינאַ טייערע, ס'איז מיר זייער שווער!

— ביסטו נישט גרייט, געליבטער מיינער, צו ברענגען אַ קרבן צוליב מיר?

— און דו?

— איך, דעם גרעסטן קרבן צוליב דיר!

— און איך אויך!

⁂

דאָס איינאָרדענען און אוועקשטעלן די פאַבריק, האָט געדרויערט א סך לענגער ווי מ'האָט אויסגערעכנט.

אַלע זענען געווען פאַרפּאַרעט ארום דער ארבעט: דער אַלטער אַלבערטאַ, בעניטאַ, משה און אפילו רעבינאַ אויך. אַלע האָבן זיך געדרייט ארום און אַרום, געדרייט זיך און געשטאַנען אויף אַן אָרט, זיי זענען אָפּגעקומען מיט געבן עצות. דער איינציקער משה באַרג וואָס האָט זיך פאַרשיכורט אין דער אַרבעט. טאָג און נאַכט איז ער געווען באַשעפטיקט מיט דער פּראַקטישער אָנפירונג פון דער אַר־בעט, ווי אזוי איינצואָרדענען דעם לאָקאַל, אַז עס זאָלן זיין ווי גע־העריק איינגעשטעלט די פאַסיקער פּלעצער, פאַר די מאַשינען, פאַר רוי־מאַטעריאַלן, פאַר די סטאָליאַרס, פאַר די פאַרענדיקערס, פאַר די פּאָלעטורערס און פאַרבערס, און איבערהויפּט — א שיינעם עלעג־גאַנטן סאַלאָן פאַר די פּאַרטיקע מעבל.

דער אַלטער אַלבערטאַ, ווען ער האָט געזען ווי משה איז אריינ־געטאָן מיט לייב און לעבן אין דער ארבעט פון איינריכטן און איינ־אָרדענען, מיט וואָס פאַר א געשמאַק און פאַך־קענטשאַפט משה האָט געאָרדנט און אָנגעפירט מיט די אַלע ארבעטן, האָט ער גאָר אָנגע־קוואָלן און ער איז געוואַקסן פון נחת, אָפּטמאָל פלעגט ער איינרוימען א סוד רעבינאַן.

— זעסט, איך האָב דיר געזאָגט, אַז נאָר משה איז פעאיק אוועק־צושטעלן אַזאַ געהעריקע מעבל־פאַבריק. איך האָב עס פאָרויס געזען. און וועסט נאָך זען, אויך די פאַבריק אַליין וועט שטאַרק פּראָגרע־סירן אונטער זיין אָנפירונג. א דאַנק משהן וועט בעניטאַ ווערן לייט און זיך אַרויפאַרבעטן.

רעבינאַ פלעגט אויסהערן גאַנץ גלייכגילטיק אַלבערטאָס באַגייס־טערונג און מעגלעך, אַז זי האָט גאָרנישט געהערט אפילו זיינע ווער־טער. זי איז געשטאַנען א פאַרחלומטע, א פאַרטראַכטע און זי האָט אין געדאַנק געפירט אירע אייגענע חשבונות.

* * *

עס איז נישט באַשערט געווען דעם אַלטן אַלבערטאַ, אַז עס

זאל אים באקומען דער נחת, וואס ער האט דערוואַרט צו האבן פון זיין אויסגעפּלאַנטער מעבל־פאַבריק.

עס איז געווען עטלעכע טעג אינגאנצן נאכדעם ווי די מעבל־פאבריק האט שוין געארבעט אין פולן גאנג. אלבערטא האט דאַמאלסט א גאנצן טאג זיך צוגעגרייט צו געבן א לעקציע פאר די צוויי יונגע פאבריקאנטן, בעניטא און משה, און זיי אנווייזן ווי אזוי מ׳דארף פירן די געשעפטלעכע זייט פון דער פאבריק, ווי אזוי מ׳דארף האנדלען מיט מענטשן, ווי אזוי מ׳דארף זיך אויפפירן אין געלט־ענינים, ווי אזוי מ׳דארף מאכן רעקלאמע, ווי אזוי מ׳דארף איינ־אָרדנען דעם קויף און פארקויף און נאך אזוי ווייטער; אלץ א־על־כּע זאכן אין וועלכע אלבערטא האט זיך געהאלטן פאר א געפּראַק־טיקירטן געשעפטס־מאן ספּעציאליסט, און ער האט געדענקט, אז די צוויי יונגע צוציקעס האבן זיכער נישט קיין שום דערפארונג און מ׳דארף זיי לערנען און אנווייזן.

יענעם טאג איז וויקטאר, אלבערטאס זון און שותף, נישט גע־קומען אין דעם שיך־פאבריקל, מיט תירוץ, אז ער פילט זיך נישט גוט. האט דעריבער אלבערטא נישט געקענט גיין אין גאס אריין צו פארזארגן די געשעפטלעכע אינטערעסן פון זיין אייגענער פּראָ־דוקציע און ער האט געווען ציים געהאט א גאנצן טאג צו טראכטן וועגן איינאָרדענען דעם געשעפט־גאנג פון דער מעבל־פאבריק.

אין יענעם אָוונט, ווען אלבערטא איז אהיימגעקומען פון זיין שיך־פאבריקל האט ער רעכינאן נישט געטראפן אין שטוב, א זאך וואס האט קיינמאל ביז דאמאלסט נישט פאסירט. עטלעכע מינוט האט אלבערטא זיך ארומגעדרייט אין שטוב א פארלוירענער. עס האט אים א טיאכקע געטאן אין הארצן. עפּעס האט אים פארגעזאגט נישט קיין גוטס. ער האט געפרעגט ביי דער דינסט, צי זי ווייסט נישט וווּהין די באלהאבאסטע איז אוועק. אבער זי האט נישט געוווסט פון וואס צו זאגן; זי האט נאר דערציילט, אז באלד אינדערפרי איז די באלהאבאסטע אוועק, זי האט גארנישט געזאגט, און זי איז נאכ־נישט געקומען.

אין דעם האט אלבערטא דערזען אויף א שאפקע ליגט א בריוו. ער האט געעפנט דעם בריוו, קוים דורכגעלייענט... עס האט אים

פלוצלינג אָנגעכאַפּט אַ מישונג אין קאָפּ, ער איז געוואָרן ווייס ווי קאַלך, פאַר די אויגן האָט אים גענומען שווינדלען, די הענט האָבן אים אָנגעהויבן צו ציטערן און ער האָט קיין וואָרט נישט געקענט אַרויסברענגען. ער איז אַוועקגעפאַלן אויף דער קאַנאַפּע און ער האָט זיך דערפילט נאָר צום חלשן.

די דינסט, אַז זי האָט דערזען דעם אַלטן אין אַזאַ מצב איז זי שנעל אַוועקגעלאָפן רופן בעניטאַן און זי האָט אים געזאָגט, אַז דער אַלטער האַלט ביי שטאַרבן. באַלד זענען בעניטאָ מיט משהן געקומען צו לויפן, האָבן דעם אַלטן אַריינגעגאָסן עטלעכע גלעזלעך קאָניאַק, אים איינגעריבן מיט אַלקאָהאָל און אַזוי ביסלעכווייז האָט אַלבערטאָ אָנגעהויבן קומען צו זיך.

אַז בעניטאָ האָט אים געפרעגט, וואָס איז פּלוצלינג מיט אים געשען, האָט אַלבערטאָ גאָרנישט געענטפערט. ער האָט נאָר אָנגעוויזן אויפן בריוו וואָס איז געלעגן אויפן טיש.

אין בריוו איז געשטאַנען אַזוי:

„מיין ליבער אַלבערטאָ: איך האָב גרויס עגמת נפש פאַרוואָס איך דאַרף דיר פאַרשאַפן קרענקונג. דו האָסט דאָס ביי מיר נישט פאַרדינט, נאָכדעם ווי דו האָסט פאַר מיר אַזוי פיל געטאָן. אָבער,ליידער, מוז עס אַזוי זיין. אַנדערש האָט עס נישט געקענט זיין. איך מוז דיך פאַרלאָזן און אַוועקגיין פון דיר. איך און וויקטאָר גייען מיר וווינען צוזאַמען, ווייל מיר ביידע זענען שטערבלעך פאַרליבט איינער אין אַנדערן און מיר קענען נישט לעבן מער איינער אָן צווייטן. איך בין געצוווּנגען צו פאָלגן די שטים פון מיין האַרץ. איך בעט דיך, אַלבערטאָ, נעם זיך נישט צום האַרצן. זיי אַ מאַן און שטאַרק זיך. עס וועט פאַרבייגיין אַ שטיקל צייט וועסטו אין מיר פאַרגעסן. אין מיין גאַנצן לעבן וועל איך געדענקען דאָס גוטס וואָס דו האָסט פאַר מיר געטאָן און אויף אייביק בלייב איך דיר אַ געטרייע פריינדין. דיין רעכינאַ".

אַ לאַנגע צייט זענען אַלע דריי געבליבן זיצן שווייגנדיק און יעדער איינער איז פאַרזונקען געוואָרן אין זיינע אייגענע טראַכטענישן: משה האָט געביסן די ליפּן, שטיל אַריינגעזיפצט אין זיך אַריין און — שרעק־לעכע פאַרצווייפלונג און ביטערע אַנטוישונג האָבן זיך איינגעביסן אין זיין האַרץ און אין זיין נשמה. בעניטאָ האָט געקריצט מיט די ציין פאַר כעס; די גאַנצע פאַרביסענע שנאה, האַס און צאָרן וואָס ער האָט געטראָגן אויף זיין ברודער, וויקטאָר, נאָך פון פריער, צוליב זיין שיינער שטיף־מאַמען, האָבן אין יענעם מאָמענט, אין זיינע געדאַנקען, זיך צעכוואַליעט אין אַ געפערלעכן שטורעם; בע־ניטאָס אויגן האָבן געברענט מיט אַ פייער פון נקמה און אין זיין צעפלאַמטער אויפרעגונג האָט ער, אין זיין פאַרשטעלונג, דערשאָסן בעניטאָן ווי אַ משוגענעם הונט.

משה איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט איבערגעריסן די שווערע און ברוטאַלע שטילקייט; ער האָט אָנגעהויבן מיט טרייסט־ווערטער צום דערשלאָגענעם אַלבערטאָ, און יעדעס וואָרט וואָס ער האָט אַרויסגערעדט איז געווען מער געריכטעט צו זיך אַליין, איידער צו אַלבערטאָן:

— גלויבט מיר, פריינד גאָנזאַלעז, — האָט משה גערעדט צו אַלבערטאָן — אַז ס'איז בעסער וואָס עס האָט זיך אַזוי אויסגע־לאָזט. זי איז אייך אַבסאָלוט נישט ווערט געווען.

אַלבערטאָ האָט איבערגעריסן משהן אין מיטן רעדן און ער האָט געבעטן בעניטאָן, אַז ער זאָל אַוועקגיין, ווייל ער דאַרף בלייבן מיט משהן אַליין. נאָך בעניטאָס אַוועקגיין האָט אַלבערטאָ געגעבן משהן אַ צייכן, אַז ער זאָל ווייטער רעדן, און משה האָט פאַרגעזעצט:

— אין דער קורצער צייט, וואָס איך האָב געהאַט דעם כבוד צו ווערן באַפריינדעט מיט אייך און מיט אייער הויז, האָב איך גענוג צוגעזען, ווי רעבינאַ האָט אייך פאַראַטן אויף טריט און שריט. איך זאָג אייך נאָכאַמאָל, פריינד גאָנזאַלעז, זי איז אַבסאָלוט נישט ווערט אייער מינדסטן נאָגל; זי איז נישט ווערט, אַז איר זאָלט צוליב איר ליידן אַפילו איין סעקונדע; עס איז אַ סך בעסער און געזונטער פאַר אייך וואָס איר זענט פון איר פּטור געוואָרן.

דער אַלטער איז געווען טיף גערירט פון משהס פריינדלעכע טרייסט־ווערטער; ער האָט נאָך משהס רעדן, פרייער אָפּגעאָטעמט און ער האָט זיך געווענדעט צו משה מיט פאָלגנדיקע ווערטער:

— מיין יונגער פריינד, משה! פון ערשטן טאָג אָן וואָס איך האָב אייך דערקענט האָט איר געוווּנען מיין פולשטענדיקן צוטרוי, דערי־בער האָב איך אַזוי פאַראַרבעט, אַז איר זאָלט מאַכן שותפות מיט בעניטאָן די מעבל־פאַבריק; ווייל איך איצט אין אייך זיך פאַרטרויען מיט א סוד, וואָס קיין מענטש אין דער וועלט, נישט מיינע קינדער, נישט קיין קרוב און נישט קיין פריינד, ווייסן פון דעם. איצט איז געקומען די צייט אַראָפּצורעדן זיך פון האַרצן, און איר זענט דער איינציקער מענטש פאַר וועמען איך מוז זיך אַראָפּרעדן.

מיט יעדן וואָרט, וואָס דער אַלטער האָט אַרויסגערעדט, האָט מען געזען ווי עס ווערט אים גרינגער אויפן האַרצן און עס ווערט אים פרייער דער אָטעם. אַלבערטאָ האָט פאַרגעזעצט:

— רעכינאַן האָב איך באַגעגנט אין א שאַנד־הויז, ווו איך בין ביי איר געווען. זי איז געווען א פשוטע פּראָסטיטוטקע. איך האָב זיך אין איר פאַרליבט אויף א רעכט צו אַן אמת. און איך האָב זי אַרויס־געשלעפּט פון זומפּ. עס האָט מיר אָפּגעקאָסט זייער א סך געלט און מי פון דאָרטן זי אַרויסצונעמען. איך האָב מיט איר חתונה געהאַט, גע־מאַכט זי פאַר אַן אַנשטענדיקער און בכבודיקער פרוי. איך האָב איר געגעבן מיין נאָמען, מיין האַרץ, מיין נשמה און זי געמאַכט פאַר די האַרנטע פון מיין הויז. איך האָב געמיינט, אַז דערמיט האָב איך איר פאַרשאַפט גליקלעכקייט און צופרידנקייט. אָבער כ׳האָב זיך גע־נאַרט. ווי זאָגט א פאָלקס וואָרט: „מיט וואָס דאָס טעפּעלע זאַפּט זיך אָן דערמיט ווערט עס צעבראָכן". איך האָב פונדעסטוועגן רחמנות אויף איר, וואָרן מיין וויקטאָר איז א לייכטזיניקער יונג, ער וועט זיך מיט איר אָנזעטיקן און זי אָוועקוואַרפן. און זי וועט סוף כל סוף ווי־דער אַריין אין זעלביקן זומפּ פונוואַנען איך האָב זי אַרויסגעשלעפּט. עס טוט מיר ווי דאָס האַרץ פאַר איר. אָבער פאַרפאַלן. מסתמא דאַרף אַזוי זיין.

אַלבערטאָ איז אַנטשוויגן געוואָרן און מען האָט געזען, אַז א שווע־

רער שטיין האָט זיך אים אראָפּגעקייקלט פון האַרצן דורך דעם וואָס ער האָט זיך אראָפּגערעדט פאַר משהן.

משהן איז דורכן אַלטנס סוד קלאָר געוואָרן אַ סך אומפאַר־שטענדלעכקייטן, וואָס ער האָט זיך געמאַטערט צו פאַרשטיין אין דער גאַנצער צייט, וואָס ער איז געווען אינטים מיט רעבינאַן.

מיט איינגעהאַלטענעם כעס האָט משה ווידער גענומען רעדן צו זיך אַליין, רעדנדיק צו אַלבערטאָן:

— פאָלגט מיר, מיין ליבער פריינד גאָנזאַלעז, באַרואיקט אייך. איצט גיט זיך איבער מיט־מער ענערגיע צו אייער אַרבעט און פאַרגעסט אין רעבינאַן. מעקט זי אויס פון אייער זכרון אַזוי ווי זי וואָלט קיינמאָל גאָרנישט עקזיסטירט פאַר אייך. זי איז אייך נישט ווערט. נישט ווערט, אַז איר זאָלט זי אפילו דערמאָנען. זאָל זי גיין צוריק אהין פון וואַנען זי איז געקומען, ווייל נאָר דאָרטן איז איר אמתער פלאַץ, נישט אין קיין אנשטענדיק הויז.

— ⁂ —

די שותפותדיקע מעבל־פאַבריק פון באַרג און גאָנזאַלעז, אונ־טערן נאָמען „ווענעציאַ״, האָט פון וואָך צו וואָך אַלץ מער פאַר־גרעסירט. די מעבלען פון דער דאָזיקער פאַבריק האָבן אָנגעהויבן צו ווערן באַרימט און געקריגן אַ גרויסן נאָמען. די נאָכפראַגע אויף ווע־נעציאַ־מעבל איז געוואָקסן אויף אַ קאָלאָסאַלער הויך און די באַ־שטעלונגען האָבן זיך גענומען פאַרגרעסערן פון טאָג צו טאָג. עס איז שוין דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז נישט געקוקט אויף דעם, וואָס די פאַבריק האָט שוין געאַרבעט אין צוויי שיכטן און די אַרבעטס הענט זענען פילפאַכיק פאַרגרעסערט געוואָרן, האָבן מעבל־סוחרים געמוזט וואָכן־לאַנג וואַרטן ביז מ׳האָט געקענט נאָכקומען זייערע באַ־שטעלונגען.

בעניטאָ און משה זענען מיט לייב און לעבן אריינגעלאָזט גע־ווען אין דער אַרבעט. משה האָט געהאַלטן אין איין מאָדעלירן נייע סטילן, ביי וועלכע ער איז טאָג און נאַכט באַשעפטיקט געווען. דער אַלטער אַלבערטאָ האָט געהאַלטן אין איין געבן עצות און אָנווייַ־זונגען ווי אַזוי צו פירן דעם געשעפטלעכן טייל פון דער פאַבריק;

ביידע שותפים האָבן מיט דער גרעסטער ערנסטקייט זיך צוגעהערט צו אלבערטאָס עצות און אים געפאָלגט, פאַר וועלכן זיי האָבן קיינ־מאָל קיין חרטה נישט געהאַט.

אין רעבינאָן האָבן אַלע פאַרגעסן, אָדער געמאכט זיך פאַר־געסן. איר נאָמען האָט קיינער קיינמאָל נישט געוואָלט דערמאָנען. עטלעכע מאָל האָט בעניטאָ יאָ געוואָלט פאַרפירן אַ שמועס מיט משהן וועגן רעבינאָן, אָבער משה האָט נישט דערלאָזט אַז איר נאָמען זאָל אפילו דערמאָנט ווערן.

מיטאמאָל — עס איז דאַמאָלסט געווען שוין נאָך אַכט חדשים ווי די מעבל־פאַבריק „ווענעציאַ" האָט עקזיסטירט. די געשעפטן זענען געוואקסן אין שנעלן באַרג אַרויף, איבער אלע דערוואַרטונגען — האָט משה באַרג פּלוצלינג דערקלערט, אַז ער גייט אַוועק פון פאַ־בריק אַלס שותף. עס האָבן נישט געהאָלפן די טענות, דערקלערונגען, אַרגומענטן און אַפעלאַציעס פון אַלבערטאָן און בעניטאָן, אַז ער טאָר אויף קיין פאַל נישט פאַרלאָזן איצט די פאַבריק, ווען זי האַלט אין רעכטן מיטן בליען און שטייט פאַר אַזעלכע גלענצנדיקע פּערספּעק־טיוון. משה האָט זיך פעסט און פאַרעקשנט געהאַלטן ביי זיינס:

— עס איז נישט פאַר מיר. נישט דאָס איז מיין לעבנס ציל, צו וואַרעמען זיך אַליין אין אייגענעם פעלץ. מיין לעבנס אויפגאַבע און מיין לעבנס באַשטימונג איז צו קעמפן, אין די רייען פון אַרבעטער־קלאַס, פאַר פּראָלעטאַרישער מאַכט. ווי לאַנג אָבער איך בין אַליין אַן עקספּלואַטאַטאָר האָב איך קיין רעכט נישט מער צו שטיין אין די רייען פונעם דאָזיקן קאַמף; און איידער איך זאָל פאַרלירן די דאָזיקע רעכט איז מיר ליבער צו פאַרלירן מיין לעבן. איך האָב נאָר געוואָלט אַרויפאַרבעטן די פאַבריק, כדי צו העלפן מיין חבר בעניטאָ. אָבער פאַר מיר אַליין איז דאָס באַלד קיין שום ציל נישט געווען און איך האָב קיינמאָל נישט געטראַכט אפילו, אַז דאָס זאָל זיין מיין ציל, צו ווערן אַ פאַבריקאַנט, אַן עקספּלואַטאַטאָר.

ווי שווער עס איז געווען פאַר אַלבערטאָן און בעניטאָן זיך צו צופּאַסן צום געדאַנק, אַז משה, וועלכער איז געווען דער לעבעדי־קער אָטעם, דער דינאַמישער גייסט פון דער פאַבריק „ווענעציאַ",

וועט פארלאָזן זיין שותפות און זיין אנטייל אין דער פאבריק, זע־נען זיי סוף כל סוף געצוווּנגען געוואָרן זיך צו רעכענען מיטן פאקט, אז משה וועט שוין מער אין פאבריק נישט זיין.

האָט אלבערטאָ פארקויפט זיין שיך־פאבריק און ער איז אריין אלס שותף צו דער מעבל־פאבריק „ווענעציא".

* * *

פונקט ווי ביי דער געזעגענונג פון אן איינאונאיינציק קינד וואָס צעשיידט זיך מיט זיינע עלטערן, ווען ער מוז זיי פארלאָזן, אזוי איז געווען דאָס געזעגענען זיך פון משהן מיט זיינע חברים און פריינד, בעניטאָ און אלבערטאָ, אזעלכע דראמאטישע סצענעס האָבן זיך אָפּ־געשפּילט יענעם אָוונט, ביי אלבערטאָן אין שטוב, ווען אלבערטאָ און בעניטאָ האָבן זיך געזעגנט מיט זייער טייערן און ליבן חבר און פריינד משה בארג.

מען האָט זיך געקושט און מען האָט געוויינט. מען האָט זיך גע־האלדזט און מען האָט געוויינט. מען האָט א סך געטרונקען, געגאָסן אין זיך אָן חשבון, כדי צו פארשיכורן דעם ווייטיק און טרויער וואָס די דאָזיקע געזעגענונג האָט פאראורזאכט אין די הערצער פון אלע דריי.

משה בארג האָט פארלאָזט מעקסיקע און ער איז אוועק קיין פראנקרייך.

* * *

ערשט שפּעטער מיט צוויי יאָר האָט בעניטאָ גאָנזאלעז דער־האלטן א בריוו פון פראנקרייך, פון זיין חבר משה בארג; אינם סוף פון דעם בריוו איז געווען צוגעשריבן: „א ווארעמען גרוס פון רע־בינאָן, מיין הארציקע, ליבע און טרייע שותפטע אויף מיין גאנצן לעבן."

פון זעלביקן מחבר

דערשינענע ביכער:

היימישע מענטשן (דערציילונגען)

צייטן (דערציילונגען)